STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07658

GEZAMELTE SHRIFTEN

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

געזאַמלטע שריפטן

ערשטער באַנד

טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס

ש. ז. ראַפּאָפּאָרט

(ש. א. אנ-סקי)

בעווידמעט

פֿאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski

Szryften

Wyd. Ch. Brzoza

Druk. „REKORD"

Warszawa, tel. 11.37-36

פאַרוואָרט פון די אַרויסגעבער

אונזער אידישע ליטעראַטור איז נאָך אזוי יונג און אזוי אָרם און — אזוי פרעמד די צאָהלונגס־פעהיגערע קלאַסען פון אונזער פאָלק, אז זי האָט נאָך קיין פערלעגער נישט. נישט דעם קולטור־טרעגערישען פערלעגער, דעם פערלעגער מיט א מיסיאָן, וועלכער קוקט אויף זיין בעשעפטיגונג, ווי אויף א פאָלקס־זאַך, און נישט דעם פערלאַג־אונטערנעהמער, וועלכער וויל זיין דער פערטרעטער פון א געוויסער ריכטונג אין ליטעראַטור און וויסענשאַפט, וועלכער וויל קאָנצענטרירען, ארומנעמען ארום זיך א געוויסע שולע שריפט־שטעלער, זיין דער פערמיטלער צווישען די שריפטשטעלער, וועלכע בעפריעדיגען איהם אלס אינטעליגענטען מענשען, און צווישען דער לעזער־וועלט, וועלכע ער וואָלט געוואָלט אריינציהען אין דעם גע־דאַנקען־קרייז פון זיינע שריפטשטעלער. און אפילו דעם סתם־פערלעגער האָט אונזער ליטעראַטור נישט, דעם אונטערנעהמער, וועלכער גיט ארויס בוך נאָך בוך, נישט אויסקלייבענדיג קיין שולען און ריכטונגען און אינהאַלט, וועלכע גיט זיך בכלל נישט אָב קיין רעכענשאַפט פון דעם קולטורעלען ווערט פון די ביכער, וועלכע ער גיט ארויס, און האָט אין זינען בלויז האָס געשעפט.

אונזערע פערלעגער זיינען צופעליגקייטען. אונטערנעמער מיט ווייניג געלד און נאָך וועניגער מוט, וועלכע פרובירען אויס, צו וועט די אידישע ליטעראַטור נישט זיין פאַר זיי א שטיקעל געשעפט, און ענטלויפען פון מארק ביים ערסטען מיסערפאָלג אָדער ווערען די איינפאַכע אַלט־בעקאַנטע מוכרי־ספרים, וועלכע האַנדלען אויפ'ן שטייגער פון מענדעלע מוכר־ספרים און זיין חבר אַלטער יקנהז מיט רומעל, מיט סדורים און מחזורים און טליתים און מזוזות און אָבגעפאַלענע פטומס פון אתרוגים.

ליגען די מיט גליק שוין ערשינענע שריפטען פון אונזערע

אידישע שריפטשטעלער צוזייט און צושפריים אויף אַלע שבע ימים, צוואָוואַרפען אין די עטליכע שטענדיגע און די אונצעהליגע צופעליגע אויסגאַבען, צייטונגען, זשורנאַלען און זאַמעלביכער, וועלכע ווערען געגרינדעט און פערשווינדען נאָך איידער דער עולם האָט זיך צוגעוועהנט צו זייער נאָמען. ביז אַ צופאַל קומט און נעמט צונויף עטליכע פערעהרער פון אַ געוויסען שריפטשטעלער, און זיי שאַפען די מיטלען און קלייבען צונויף די צושפרייטע שריפטען פון זייערע פריינד און גיבען זיי אַרויס אין אַ בוך אָדער ביכער.

דעמזעלבען גורל האָבען געהאַט די שריפטען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. פינף־און־צוואַנציג־יעהריגע אויפקלערענדיגע, בעפרוכטענדיגע, זוניגע אַרבייט איז געלעגען צושטרויט און צוואָוואָרפען. צובראָקעלטע קראַפט, וועלכע האָט אין איהר צובראָקעלטקייט נישט געקענט האָבען די ווירקונג, וועלכע זי מוז האָבען אַלס אַ גאַנצע; צושטרויטע פלעמלעך, וועלכע האָבען אין זייער צושטרויטקייט נישט געקאָנט אַזוי לייכטען און וואַרמען, ווי צונויפגענומען אין איין גרויס פייער. ביז דער צופאַל פון דר. זשיטלאָווסקי'ס יובילעאום האָט נישט געבראַכט עטליכע פון זיינע פריינד אויף דעם געדאַנק, אַז זיי וואָלטען אויסגעטאָן אַ גוטע זאַך פאַר זייער פאָלק און ליטעראַטור, ווען זיי וואָלטען אויף זיך גענומען די מיה און אַרבייט פון דעם פערלעגער, וועלכען מיר האָבען נישט, און אַרויסגעבען דר. זשיטלאָווסקי'ס ווערק.

מיט שטאָלץ קוקט דער ניו יאָרקער „דר. זשיטלאָווסקי יובילעאום־קאָמיטעט“ אויף דער אויפגאַבע, וועלכע ער האָט זיך גענומען, און בעטראַכט זיין אַרבייט אַלס כבוד און גליק. דר. חיים זשיטלאָווסקי'ס שריפטען, געזאַמעלט און צוגיינגליך געמאַכט פאַר די ווייטע קרייזען פון אונזערע לעזער, וואָס פאַר אַ גרויס שטיק קולטור־אַרבייט דאָס איז! דער קאָמיטעט טראָגט דאָ אונטער דעם אידישען לעזער אַן אוצר פון געדאַנקען, מיט וועלכע יעדער דענקענדער מענש מוז זיך בעקאָנען, אַ רייכטום פון געפיהלען, וועלכע מוזען שלאָגען אין יעדען אידישען האַרץ. אַלץ אויסגעדריקט אין אַ וואונדערבאַר־קלאָרער און זאַפטיגער שפּראַך, בעלויכטען פון דער פייערזייל פון אַ גרויסען וויסען, געוואַרעמט מיט דער וואַרעמקייט פון אַ גרויסען האַרץ.

די פארליעגענדע ביכער בענד זיינען נאר א דריטעל פון דר. זשיטלאווסקי'ס געזאמעלטע שריפטען. עס קומען נאך אכט; און גאנצען וועלען עס זיין צוועלף. האפענטליך וועלען די ערסטע פיער האבען נישט בלויז דעם גרויסען מאראלישען ערפאלג, וועלכען זיי פערדיענען, נאר אויך דעם גרויסען מאטעריעלען ערפאלג, וועלכער וועט געבען דעם קאמיטעט די מעגליכקייט ווייטער און שנעלער אנצוגעהן מיט דער ארויסגאבע פון די אנדערע בענד.

פארלויפיג דריקט דא דער קאמיטעט אויס זיין הארציגסטען דאנק אלע די איינצעלנע פערזאנען און ארגאניזאציעס, וועלכע האבען זיך פריינדליך און וויליג אבגערופען מיט זייער שטיצע און מעגליך געמאכט די פארליעגענדע אויסגאבע.

דר. ח. זשיטלאווסקי'ס יובילעאום־קאמיטעט.

ניו יארק

אינהאלט:

1. טאלסטאי, ניעטצשע און קארל מארקס.
2. וועגען לעאניד אנדרעיעוו'ס „אנאטעמא".
3. מעטערלינק'ס „בלאהער פויגעל".
4. איוב, א פאעמא פון דעם אידישען פרייען געדאנק.

פאָרוואָרט

די אויסגאַבע פון מיינע געזאַמעלטע שריפטען איז פאָרלויפיג בערעכענט אויף צוועלף בענד. אין זיי וועלען אריינגעהן אלע שריפטען, וואָס איך האָב שוין פובליצירט אין אידיש, רוסיש און דייטש, — די לעצטערע אין מיין אייגענער אידישער איבערזעצונג, — ווי אויך די וויכטיגסטע פון די פאָרלעזונגען, וואָס איך האָב געהאַלטען אין אַ משך פון אַ פינף־צוואַנציג יאָהר. צווישען די פאָרלעזונגען געפינען זיך גאַנצע סעריעס, ווי צ. ב., „דער נייסטיגער קאַמפף פון דעם אידישען פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ“, „די ענטשטעהונג פון דעם מארקסיזם“ און נאָך אַנדערע. די סעריעס וועלען ארויסגעהן אין בעזונדערע בענד.

די פאָרליעגענדע ערשטע פיער בענד ווערען ארויסגעגעבען פון דעם „יובילעאום־קאָמיטעט“, וואָס האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו פייערן דעם 25־יעהריגען יובל פון מיין שריפטשטעלערישער טהעטיגקייט און האָט בעזאָרגט די נויטיגע מיטלען פאַר די ערשטע פיער בענד. איך דריק איהם דאַ אויס מיין אמת'ען הארציגסטען דאַנק.

אַ הייסען דאַנק קומט אויך מיינע פריינד דר. י. א. מעריסאָן און דוד פינסקי, פאַר דער גרויסער מיה, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך, צו העלפען מיר אין דער קאָררעקטור.

די געזאַמעלטע שריפטען ווידמע איך דעם טרייען פריינד, ברודער און חבר פון מיין גאַנצען לעבען, ש. ז. ראַפּאַפּאָרט (ס. אַנ—סקי).

דער מחבר.

טאָלסטאָי, ניעטצשע און קאַרל מאַרקס

חברים און פריינד!

היינט אָווענד דאַרף איך לייענען פאַר אייך וועגען טאָלסטאָי „און“ וועגען ניעטצשע „און“ וועגען קאַרל מאַרקס.

איהר פערשטעהט אליין, אַז אין דער קורצער צייט, וואָס איך קאָן מיר נעהמען פאַר אַ לעקציע, איז בשום אופן ניט מעגליך צו פיהרען אייך איבער אלע זאַלען, חדרים און קעמערלעך פון זייערע פּאַלאַצען און אָנווייזען אייך אויף אלע גייסטיגע אוצרות, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אָדער אליין בעשאַפען פאַר דער פּראָגרעסיווער מענשהייט.

אפילו, ווען איך וואָלט מיר אוועקגעשטעלט פאַר אַ ציעל — אָנשטאַט אויסצומאָלען פאַר אייך פּאָרטרעטען אין לעבענס־גרויס, געבען אייך יענע פערקלענערטע קאָפּיעס, וואָס מען רופט „מעדאַ־ליאָן־בילדער“, וואָלט איך אויך ניט געקאָנט פאַרטיג ווערען מיט מיין ארבייט אין איין אָווענד, אויב איך זאָל ניט ארויסלאָזען פון זינען דעם תנאי, אַז אלע וויכטיגסטע שטריכען פון זייער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע טאָרען ניט פערלירען זייער נאַטירליכע פּראָפּאָרציע און מוזען אין פערקלענערטער פאָרם ארויסרופען אין אייך אַ לעבעדיגע געשטאַלט פון זייער גאַנצען גייסטיגען שאַפען.

אַזעלכע מעדאַליאָן־בילדער צו מאָלען, דערצו דאַרף מען שוין האָבען אַ קינסטלער פון אַן אמת געבענשטער האַנד, און איך מוז מיך פערשעהמטער־הייד מודה זיין, אַז די ארבייט איז גאָר ניט לפי מיינע כחות.

דאָס ווערטעל „און“ אין דעם טיטעל פון מיין היינטיגער לעקציע האָט דעריבער אַ גאַנץ אַנדער בעדייטונג. ניט דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט בעשאַפען בעזונדער, אָהן אַ שייכות צו דער ארבייט פון דעם אַנדערן, זאָל איך אייך איינציגווייז שילדערן.

דאס ווערטעלע „א ו ן" האט דא דעם טייטש פון „פערגליכען": טאלסטאי, פ ע ר ג ל י כ ע ן מיט ניעטצשע, פ ע ר ג ל י כ ע ן מיט מארקס. איך וויל פרובען היינטיגען אווענד ניט מעהר ווי פערענטפערען קודם כל די פראגע: אין וועלכע וויכטיגע פונקטען פון אונזער וועלט־ און לעבענס־אנשויאונג גערען זיך די דריי דענקער צונויף אין איינעם און אין וועלכע גערען זיי זיך פאנאנדער. אמת, ווען די פראגע וועט — אין איהרע וויכטיגסטע שטריכען — פערענטפערט ווערען פאר אונז, וועט יעמאלט ארויסוואקסען א נייע בעדייטונג פון דעם ווערטעלע „א ו ן", — א טיעפערע און ערנסטערע; אבער דאס ווע‌לען מיר שוין זעהן שפעטער.

טאלסטאי, ניעטצשע און מארקס זענען דענקער פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט. אבער דאס מוזען מיר גאר פון אנהויב זאגען, אז זיי זענען גאנץ זיכער ניט די טיעפסטע און ניט די אריגינעלסטע פון יענע גייסטער, וואס דער עבר'דיגער יאהרהונדערט האט ארויסגעבראכט. וואלט איך געוואלט אויסקלייבען ניט מעהר ווי דריי נעמען, וואס זאלען כאראקטעריזירען די ארבייט אויף דעם פעלד פון דעם מענשליכען דענקען און פארשען, וועלכע יענער יאהרהונדערט האט אויפגעטהאן, וואלט קארל מארקס — אז מען זאל זיך שטארק דינגען — נאך אפשר אויך אריינגעגאנגען אין זיי, אבער בשום אופן ניט טאלסטאי, בשום אופן ניט ניעטצשע. א פאר טוץ אנדערע נעמען וואלטען מיט מעהר רעכט געקאנט ארויסשטעלען זייער קאנדידאטור פאר דעם דאזיגען עהרענהאפטען פלאץ. איך האב אבער אויסגעקליבען טאלסטאי, ניעטצשע און מארקס, ווי פערטרעטער פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט, מחמת איינינע, ווי מיר דוכט, זעהר וויכטיגע טעמים.

קודם כל מוז מען צוגעבען, אז פון אלע נעמען פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט האט קיינער ניט געהאט אזא ווייט פערברייטעטען קלאנג, און וואס עס איז נאך וויכטיגער: קיינער פון זיי האט ניט געפונען אזא הילכיגען אבקלאנג, ווי גראד די נעמען פון טאלסטאי, ניעטצשע און מארקס.

דאס אליין וואלט, אמת, געוועז א קנאפע מעלה. ווענינ־

טענס, וואָלט דאָס געווען א מעלה, וואס איז פערבונדען מיט א גרויסען חשד: גראָד יענע פיגורען, וואָס האָבען צו א געוויסער צייט געהאט דעם גלענצענדסטען מזל ביי דעם גרויסען געבילדעטען עולם, האָבען זיך דאָס רוב ארויסגעשטעלט פאַר גאַנץ אויבערפלעכליכע דענקער, און דעם גלאַנץ פון זייער כבוד האָבען זיי פערדיענט דוקא דורך זייער אויבערפלעכליכקייט, דוקא דורך דעם, וואָס עס איז געווען אזוי לייכט צו פערשטעהן זייער שטרעבען. אזא בעריהמטקייט דויערט אָבער נים לאַנג און ווי שנעל זי ווערט געפונען, אזוי שנעל ווערט זי צורונען. איך וויל אייך דערמאָהנען אָן א פּאָר ביישפּיעלען. ווער ווייס ניט, צ. ב., וועגען דעם ליארעמדינען קלאַנג, מיט וועלכען דער נאָמען פון א לודוויג ביוכנער האָט זיך אין די זעכציגער יאָהרען געטראָגען איבער דער געבילדעטער, פּראָגרעסיווער וועלט? און פּיעלע פון אייך געדענקען נאָך אפשר די רוישענדע בעגייסטערונג, מיט וועלכער די רוסישע יוגענד האָט אויפגענומען א דמיטרי פּיסאַרעוו. ווי א שטרוי־פייער האָט זייער בעריהמטקייט פּלוצלונג אויפגעפלאַקערט צום הימעל און איז ווי א שטרוי־פייער באַלד אויסגעברענט, צונויפגעפאַלען אין זיך און איבערגעלאָזען א קליין בערגעלע אש. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל קולטור־טרעגער, ווי ביוכנער און פּיסאַרעוו, זענען נים געווען קיין זעלבסטשטענדיגע דענקער, נאָר אויפקלעהרער, — און נאָך דערצו אזעלכע אויפקלעהרער, וועלכע האָבען זיך נאָר וואָס ארויסגעריסען פון דעם מיטעל־אַלטערליכען חושך, וואָס האָט נאָך געהערשט ביי א גרויסען טהייל פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט. ארוים פון דער פינסטערניס, איז זייער אויג געוואָרען געבלענדט דורך די שאַרפע שטראַהלען פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, און די גאַנצע וועלט פון דעם מענשליכען פרייען פאָרשען מיט אַלע זיינע בערג און טהאָלען, אייבינע אייזינע גלעטשערם און טיעפע, ניט אויסצומעסטענדע אָבגרונטען, האָט זיך אין זייער מוח פערוואַנדעלט אין איין גרויסען ליכטיגען העלען שיין, וואו אַלץ איז קלאָר און גלאַט, וואו דער מענשליכער געדאַנק קאָן ווי א פייל פון בויגען פליהען אָהן אַן אויפהער, אָהן אַן אָבהאַלט אין איין איינציגער גלייכער ליניע. יענע ליניע, דער נייער וועג, מיט וועלכען זיי זענען געקומען צו דעם יונגען דור,

האָט געזאָלט איהם אוועקפיהרען ווייט ווייט פון די אַלטע אָבגעז־טער און אָבערגלויבענס און אריינפיהרען איהם גלייך אין דעם ליכ־טיגען גן־עדן פון דעם ראַדיקאַלען אַבסאָליוטען אמת.

די ווירקונג פון אַזעלכע גייסטער איז אָבער בעשטאַנען ניט אין דעם, וואָס זיי האָבען אויסגעפונען נייע ווענגען פאַר דעם מענש־ליכען דענקען, לייכטער געמאַכט זיין מיה און פיין און געבראַכט איהם נעהנטער צום ציעל. די מאַגנעטישע קראַפט זייערע איז געלעגען אין דעם, וואָס זיי האָבען דעם יונגען דור ארויסגעשלעפט פון דעם פינסטערען חושך, וואָס זיי האָבען פאַנאַנדערגעשניטען די שטריק, מיט וועלכע די יונגע פליגלען זענען געווען געבונדען, און אויסגעלערענט איהם פליהען, זיך פערלאָזענדיג אויף דער איי־גענער קראַפט. כל זמן אין די מוחות פון דעם יונגען דור האָט נאָך געלעבט די עראינערונג פון דעם אַלטען פינסטערען קעללער, וואו מען איז געזעסען מיט פערבונדענע פליגלען, האָט מען אויף די ביוכנער'ס און די פיסאַרעוו'ס געקוקט ווי אויף מעכטיגע אָד־לערס, ווי אויף גאָט־געזאַלבטע הערשער אין דעם קעניגרייך פון דעם מענשליכען פאַרשען. אָבער ווי באַלד די אַלטע עראינערונג איז פערשוואונדען געוואָרען, ווי באַלד דאָס פרייע פליהען איז געוואָרען אַ צווייטע טבע, ווי באַלד דער יונגער דור האָט זיך באמת אַ לאָז געטהאָן אין דער הויך און אין דער ווייט, — אַזוי האָט זיך פאַר זייער גייסט אויסגעשפרייט די ווירקליכע וועלט פון דענקען, מיט אַלע זיינע שווערע און הארטע פּראָבלעמען, מיט די אייביגע אייז־בערג, וואָס פערצאַמען פּלוצלונג דעם האָריזאָנט, מיט די אייביגע אָבגרונטען, וואָס ציהען דעם מענשליכען גייסט מאַגנע־טיש אין די טיעף... ווייט־ווייט זענען געבליבען די „אָדלערס" גע־בליבען צוריק, פער'יתום'טע און פערגעסענע.

ניין, ניט צו דעם מין בעריהמטקייט געהערט די בעריהמט־קייט פון אונזערע דענקער. זיי זענען ניט געווען קיין „אויפקלעה־רער", ניט קיין שקלאַפּישע תלמידים פון אַ וועלכען עס איז ראַ־דיקאַלען סיסטעם, נאָר זעלבסטשטענדיגע ארבייטער, וואָס האָבען אַליין אויסגעזוכט די אמת'ען, צו וועלכע זיי זענען געקומען. די פליגלען פון זייער גייסט זענען — אויב מען זאָל ניט רעכענען די ערשטע קינדער־יאָהרען — קיינמאָל ניט געווען געפּענטעט מיט

די שטריק פון דעם אַלטען גלויבען, און דאָס פרייע דענקען איז ביי זיי געווען ניט די צווייטע טבע, נאָר די ערשטע. זיי זענען אַליין גוט געווען בעקאַנט מיט די „חבלי־לידה“ פון דעם גייסטיגען פאַרשען, מיט די יסורים פון טראָגען און האָבען, און פון זייערע ווערק האָט קיינער ניט בעקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס גייסטיגע פאָרשען איז אַ שפּאַציער־גאַנג איבער אַ צוגעפּוצטען פּאַרק, מיט אויסגעטראָטענע אַלעען, שעהן צוגעשאָרענע בוימער, געשמאַקפול אויפגעצויגענע בלומען און ליעבליך־מורמלענדע פאָנטאַנען; נאָר אַז דאָס מענשליכע פאָרשען איז אַ ראַנגלען־זיך און קעמפּפען מיט אַ פערוואַקסענער ווילדערניש, מיט גיפטיגע זומפּען, מיט ווילד־צונויפגעוואָרפענע פעלזען.

פערשיידען איז דער *סטיל* פון די דריי מענער, אין וועלכען זיי דערלאַנגען אונז די רעזולטאַטען פון זייער דענקען און פאָרשען. דונערדיג און בליציג, מיט פּלוצים'דיגע אויסברוכען פון פייער־צונגען ביי ניעטצשען. שווער אַנגעלאָדען, אַזוי ווי איינער וואָלט געהן באַרג אַרויף מיט אַ דריקענדער משא אויפ'ן רוקען, אָבער מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיכערע שריט בעוועגט זיך לאַנגזאַם מאַרקס' געדאַנק. ער געווינט אַ פּאָזיציע נאָך אַ פּאָזיציע, ביז ער פיהרט אונז אַרויף צו יענעם העכסטען פּונקט, פון וועלכען עס אַנטפּלעקט זיך מיט אַ מאָל פאַר אונזערע אויגען דער ווייטער האָריזאָנט פון זיין פאָרשען. אָהן אַ ברעקעלגראַציע, אָהן אַ וועלכער עס איז קינסטלערישער אָדער וויסענשאַפטליכער פּרעטענזיע, מיט אַ מאַסע בילדער פון לעבען, מיט דער געווינענדער איבערצייגונג פון דעם שכל הישר, *דערצעהלט* אונז טאָלסטאָי זיינע געדאַנקען, *מאָלט* ער אונז *אויס* זיין לאָגיק און זיינע אַרגומענטען, אַזוי איינפאַך און קלאָהר, אַז עס דוכט זיך, אַפילו אַ קינד קאָן איהם לייכט פערשטעהן. און פון דעסטוועגען פיהלט איהר, ווען איהר בעטראַכט זייערע וועלטאַנשויאונגען, ווי אַ גאַנצע, אין זיך געשלאָסענע געדאַנקען־וועלט פאַר זיך, אַז אַפילו ביי טאָלסטאָי'ען מוזט איהר אָנשטרענגען — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען — אַלע מוסקעלן פון אייער שכל, אויב איהר ווילט דערגרייכען ביז צו דעם לעצטען, פערבאָרגענעם אמת זייערען, ביז צו יענעם צענטראַל־פּונקט, אין וועלכען

עס פעראייניגען זיך און פון וועלכען עס געהען ארויס אלע שטראַה־לען פון זייער אייגען־ארטיגען דענקען.

זיי אלע דריי זענען ניט קיין לייכטע דענקער און זיי האָבען דעם געבילדעטען עולם ניט געלעגט קיין צוקייטע שפּייז אין מויל אריין. מען קאָן באמת שטאַלץ זיין דערויף, וואָס אין דעם סוף פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט האָט אזא גרויסער עולם, — אפילו אז מען זאָל אראָברעכענען פון חשבון די הונדערטער אויף־בערפלעכליכע נאָכפּלאַפּלער און מיט־טענצער, — איך זאָג: ס'איז א פרייד צו בעמערקען, אז אזא גרויסער עולם האָט געקאָנט זיך ערנסט און טיעף צוהערען צו די רעד פון אזעלכע ערנסטע און טיעפע דענקער.

די פּאָפּולאריטעט און דער גרויסער אינטערעס, וואָס טאָל־סטאָי, ניעטצשע און מארקס האָבען געפונען ביי דער געבילדעטער געזעלשאַפט, דערקלעהרט זיך, נאָך מיין מיינונג נאָך, דורך דעם, וואָס זיי זענען קיין מאָל ניט געווען קיין ריינע טהעאָרעטיקער. ווי שטארק עס האָבען ניט בעשעפטיגט זייער מוח די אייביגע פּראָ־בלעמען פון דער טהעאָרעטישער וועלט־אנשויאונג, — די פּראָ־בלעמען פון גייסט און מאטעריע, פון לעבעדיגם און טויטס, פון פרייען ווילען און אייזערנע נאטור־געזעצען, — איז די פערענט־פערונג פון די דאָזיגע פּראָבלעמען ביי זיי קיין מאָל ניט געווען קיין ציעל פאר זיך. די פראגע: „וואָס דארף דער מענש ד ע נ ק ע ן?" איז געווען ניט נאָר צונויפגעבונדען מ י ט־, נאָר אונטערגעיאָכט א ו נ ט ע ר דער פאר זיי נאָך וויכטיגערער פראָגע: „וואָס דארף דער מענש ט ה אָ ן?" וואָס זאָל זיין דעם מענשענ'ס צענטראַל־שטרעבען? וואָס זאָל ער פערטהיידיגען און וואָס בעקעמפּפען אין דעם איצטיגען לעבען? וואָס איז פאר איהם דאָס „העכסטע גוט"?

און וויַיל אין דער פערענטפערונג פון אט די טיעפע ערנסטע לעבענס־פראָגען האָט יעדערער פון זיי אויף זיין אופן ארויינגע־ארבייט די גאנצע ערפאהרונג פון דעם פּראָגרעסיווען געדאנק, האָ־בען זיי — יעדערער אויף זיין ארט — אויסגעדריקט דעם גאנצען יושר פון דער נייער צייט, יענעם יושר, וואָס דער נייצעהנטער יאָהרהונדערט האָט איבערגעלאָזען דורך זיי בירושה צו דעם צוואַנ־ציגסטען.

מען קאָן דעריבער זאגען: טאָלסטאָי, ניעטצשע און מארקס זענען געוואָרען בעריהמט און בעליעבט דערפאַר, ווייל זיי האָבען פערקערפערט אין זייערע געדאַנקען די ירושה און דעם יושר פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט און דערפאַר כאַראַקטעריזירען זיי מעהר, איידער וועד עס איז אַן אנדערער, דעם גאַנצען פּראָגרעסיווען גייסט פון דער לעצטער צייט אין זיין איינהייט און אין זיין צו־שפּאַלטענקייט.

טאָלסטאָי, ניעטצשע און מאַרקס זענען, ווי איך האָב שוין צעמערקט, פּראָגרעסיווע דענקער. נאָך מעהר: זיי זענען אַלע דריי ראַדיקאַלע דענקער, גלענצענדע פערטרעטער פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, וואָס האָט שוין געהאַט ווייט הינטער זיך די שוימענדע און ברויזענדע פעריאָדע פון דעם יונגען ראַדיקאַליזם פון די פערציגער יאָהרען, ווענעם פאָהנען־טרעגער עס זענען גע־ווען דוד פריעדריך שטרויס, מאַקס שטירנער און לודוויג פייער־באַך. זיי האָבען איהם פערטיעפט, דעם ראַדיקאַליזם, און אין דער זעלביגער צייט נעהנטער צוגערוקט צו די נויטען און פּלאַנען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען.

די איצטיגע פאָרשונג האָט שוין אויסגעפונען די נאָהענטע גייסטיגע קרובה'שאַפט צווישען שטירנער און ניעטצשע, פייערבאַך און מאַרקס. איז אפשר אויך דאָ אַ נאָהענטע אינוועניגסטע קרובה'שאַפט צווישען שטרויס, דעם קריטיקער פון די עוואַנגע־ליען, און טאָלסטאָי, דעם קריטיקער פון דער הערשענדער קירך? צווישען דעם מחבר פון „ישו'ס לעבען" און דעם פרעדיגער פון ישו'ס תורה? — די פראַגע מוזען מיר היינטיגען אָוועגט לאָזען אָן אַ זייט. איך מוז מיך אויך אָבזאָגען פון דער זעהר אינטערע־סאַנטער אויפגאַבע צו שילדערען פאַר אייך, אין וועלכע פּונקטען ניעטצשע האָט פערטיעפט שטירנער'ן, מארקס — פייערבאַכ'ען און אפשר טאָלסטאָי — שטרויס'ען. די געשיכטליכע זייט פון אונזער טהעמע מוזען מיר היינט אין גאַנצען פערשווייגען. אָהן אַ שום שייכות צו דעם גייסטיגען עבר, וואָס האָט זיי ארויס־געבראַכט, אין זייער פאַרטיגער געשטאַלט, אַקוראַט ווי זיי וואָל־טען פון הימעל אַראָבגעפאַלען, וועלען מיר פּרובען פערגלייכען די דריי גרויסע ראַדיקאַלען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט.

איך דאַרף אייך געוויס ניט דערצעהלען, אַז זיי אַלע דריי, ווי ראַדיקאַל זיי זאָלען ניט זיין אין זייערע געדאַנקען, געהערען פּאַרט ניט צו איין־און־דערזעלביגער ריכטונג. זיי זענען ניט קיין דריי־איינינקייט, ווי צ. ב., מאַרקס, לאַסאַל און ענגעלס, וואָס האָבען געשטריטען פאַר איין־און־דעם־זעלבען אידעאַל, אונטער כמעט איין־און־דערזעלביגער פאָהן. טאָלסטאָי, ניעטצשע און מאַרקס שטעלען מיט זיך פאָר דריי פערשיידענע ריכטונגען פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, אָדער נאָך מעהר: דריי פיינדליכע ריכטונגען, וואָס בעקעמפּפען איינע די אַנדערע. אויב מיר וועלען, צ. ב., זאָגען, אַז טאָלסטאָי ציהט דעם מענשליכען יושר נאָך רעכטס, וועט מען מוזען צוגעבען, אַז ניעטצשע שלעפּט איהם פונקט להיפך נאָך לינקס און אַז מאַרקס טרייבט איהם גאָר אין אַ דריטער ריכטונג: אין דער „הויך", צי אין דער „טיעף", ווי איהר ווילט.

לאָמיר אָנהויבען פון טאָלסטאָי.

קוקט מען אויבערפלעכליך אויף די רעזולטאַטען פון זיין לעהרע און דרינגט מען ניט אַריין טיעף אין איהר מיין, קאָן אויסגעם אויסדרוכטען, אַז מען האָט איבערהויפּט ניט קיין רעכט צוצורעכנען טאָלסטאָי'ען צו דעם פּראָגרעסיווען לאַגער, אַ פשיטא שוין צו דעם ראַדיקאַלען. די געבאָטען, מיט וועלכע ער קומט צו דער מענשהייט, זענען אַזוי אַלט, אַזוי געדיכט אַרומגערינגעלט מיט דער אַטמאָספערע פון דעם רעליגיעזען מיסטיציזם, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אייניגע זעהען אין איהם ניט קיין אַנדער זאַך, ווי גאָר אַ פשוט'ען רעאַקציאָנער, מעהר ניט אַ שעהן צוגעפּוצטען און אַן אויסגעציערטען מיט ראַדיקאַלע פערדערן.

און אין דער אמת'ען! מיט וואָס קומט צו אונז טאָלסטאָי? ווארפט אַראָב אַלע זיינע טהעאָריען און אַרגומענטען און האָט אין זינען נאָר די פּרוכט פון זיין לעהרע, דעם לעצטען רעזולטאַט, וואָס ער ברענגט אונז: איז דאָס ניט די אויפפרישונג פון יענער פינסטערער מאַכט, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהאַלטען פערשקלאַפּט דעם פרייען געדאַנק? קריסטענטהום פּרעדיגט ער אונז! די אַלטע פערשימעלטע מאָראַל פון „ליעבע צום צווייטען" און מסירת נפש צוליעב קדוש השם! היינט זיין משוגה'דיגע שטעלונג צו אַלע

אויף וואָס דער פרייער מענשליכער געדאַנק איז אַזוי שטאָלץ: ציוויליזאַציע, קולטור, פּראָגרעס, קונסט, וויסענשאַפט! אַט די אַלע זאַכען, וואָס זענען אונז אַלעמען אַזוי הייליג, ווערען בפועל ממש געטראָטען מיט די פיס פון דעם דאָזיגען משוגה'דיגען ראַדיקאַל און אום־ברחמנות'דיג בעגאָסען מיט שפּאָט. אַט די אַלע שעהנע און הייליגע זאַכען זענען ניט ווערטה, לויט טאָלסטאָי, דער מענש זאָל מיט זיי אָנפילען זיין מוח און האַרץ. טראַכטען דאַרף מען נאָר וועגען גאָט, וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה; און אין זין דאַרף מען האָבען נאָר איין זאַך: צו פאָלגען גאָט'ס געבאָט, וואָס לעבט אין אונזער האַרצען, און מקריב זיין זיך אַלע שעה און אַלע רגע פאַר דעם אַנדערען'ס גליק.

מיט וואָס זענען אַזעלכע געדאַנקען „פּראָגרעסיוועך", איידער די תורות פון אַלע אַנדערע גלחים, רבנים, און כהנים פון דער איבערנאַטירליכער רעליגיע? און מיט וואָס איז טאָלסטאָי'ס קריסטענטהום אַן אַנדערער, איידער דער, וואָס „דרעהט" דער מענשהייט „אַ ספּאָדיק" שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר?

אַזוי קאָן מען גאַנץ געוויס פרעגען, ווען מען לאָזט זיך ניט אריין אַ ביסעל טיעפער אין דעם ענין. מיר גיבען אויך צו, אַז ווען מען הערט זיך איין אויבערפלעכליך אין טאָלסטאָי'ס „פּרעדי־גען", ערשיינט ער אויך פאַר אונז ניט מעהר ווי אַ שד"ר פון יענער וועלט, וואָס קומט צו אונז מיט אַ שליחות פון דעם הייליגען „הי־מעל", כדי מאוס צו מאַכען די זינדיגע ערד אין אונזערע אויגען, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע שד"ר'ס פון דעם רבונו־של־עולם, בע־גיסט ער מיט שפּאָט און גאַל אַלע הנאות פון דעם עולם הזה, אַלע פריידען פון דעם גוף, הייסט אונז אָנטהאָן זיך אין אַ זאַק, בע־שיטען אונזער קאָפּ מיט אַש און וויינען אויף דעם חורבן פון אונ־זער נשמה. תשובה טהאָן זאָלען מיר אויף אונזער זינדיג יאָגען זיך נאָך גליק און טראַכטען וועגען דער אויסלייטערונג פון אונזער גייסט. דורך „מסירת־נפש" און „בטול היש" זאָלען מיר אונז צו־גרייטען צו דעם אייביגען לעבען „אויף יענער וועלט" — קורץ, צו דעם „עולם הבא"...

אַלטע רעד — נאַרישע רעד — ווי איז עס ניט נמאס גע־וואָרען דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט איבערצוקייען חכמות פון

יענער צייט, ווען די פּראָגרעסיווע מענשהייט איז נאָך אומגעלאָפען אין קינדערשע שיכלעך? אַלטע רעד, נאַרישע רעד — ענטפערען מיר — און פון דעסטוועגען האָט זיך יעדער יאָהרהונדערט צוגעהערט צו זיי — און דוקא מיט איהרע טיעפסטע חכמים. און אויך דער פינף און צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט וועט — רעכען איך — ניט זיין פערוואָהרענט פון זיי, וויל זיי פליסען פון אַ קוואַל, וואָס וועט ק י י נ מ אָ ל ניט אויסטריקענען ביי דעם מענשען — זיין בענקען נאָך אייביגקייט און הייליגקייט. מעהר נישט, יעדער יאָהרהונדערט נעהמט אויף די דאָזיגע אייביגע געדאַנקען אויף זיין אייגענעם שטייגער, און דער פּראָגרעסיווער געדאַנק קומט צו זיי אויף אַן אַנדער וועג, איידער דער תמימות'דיג רעליגיעזער. דער אַנדער ו ו ע ג, — אין דערינען ליעגט דער סמן, וואָס שטעמפּעלט טאָלסטאָי'ען, דעם הימעלס־שד"ר, צו אַ מאָדערנעם מענשען, צו אַ ראַדיקאַל.

„תשובה טהאָן זאָלען מיר אויף אונזער זינדיג יאָגען זיך נאָך גליק" — האָבען מיר נאָר וואָס געזאָגט. דאָס קאָן פערשטאַנען ווערען אויף מעהרערע אופנים. איינמאָל קאָן מען גלויבען, אַז י ע ד ע ר גליק, יעדע הנאה, יעדער טראַכטען וועגען זיך און דעם אייגענעם זיין אויף דער וועלט איז אַ זינד, וואָס קאָן עפּעס איינעם דאָרטען אַ גרויסען און פרעמדען האַר ניט געפעלען, און דעריבער זאָלען מיר זיך אָבזאָגען פון גליק. עס קאָן אָבער אויך אויסגעטייטשט ווערען אזוי, אַז יאָגען זיך נאָך גליק איז ניט קיין עולה, אַז דאָס איז אונז, אַ דאַנק דעם אויבערשטען, ניט פערווערט פון איהם, מעהר נישט אַ „ז י נ ד י ג"־יאָגען זיך איז אַן אומווערדיגקייט אין זיינע אויגען. גליק? יע! נאָר פון אַלע אַרטען גליק זאָלען מיר אויסקלייבען נאָר די רוחניות'דיגע תענוגים, די פריידען פון „יסורים של אהבה", וויילע נאָר יעמאָלט טהוען מיר דעם ווילען פון אונזער בעל־הבית אין הימעל. די צוויי אויסטייטשונגען זענען ריין־רעליגיעזע, וויל זיי הויבען אָן מיט גאָט און מיט יענער וועלט, ווי מיט אַ געוויסער אונצווייפעלהאַפטער זאַך, און שפּאַנען דעם שכל לכתחילה איין אין אַ גייסטיגען יאָך פון אַן איבערנאַטירליכען גלויבען, — אַ יאָך, פון וועלכען עס איז זיך אזוי שווער צו בעפרייען.

„ס'איז דאָ א גאָט. פון איהם שטאַמט די וועלט. פון איהם שטאַמען אויך מיר. פון איהם הענגט אָב אונזער זיין אָדער ניט זיין. אונזער זיין דאַרפען מיר ביי איהם פּ ע ר ד י נ ע ן, און כדי צו פערדינען עס, מוזען מיר פריהער וויסען, וואָס ער פאָדערט פון אונז". גלויבען אָדער בעווייזען מיט'ן שכל, אז עס איז דאָ א גאָט, אויסגעפינען גאָט'ס ווילען, די אָפּפער, וואָס ער פערלאַנגט פון אונז, און דערנאָך ערשט ארויסברענגען דערפון, אז ער פאָדערט פון אונז — אָבזאָגען זיך צוליעב איהם פון גליק אָדער, לכל הפּחות, פון געוויסע אַרטען גליק, — אָט דאָס איז דער וועג פון יעדען אַלט־פראַנקישען, רעליגיעז־אסקעטישען געדאַנק.

ניט דאָס איז געוועזען דער וועג פון טאָלסטאָי. טאָלסטאָי האָט ניט אָנגעהויבען מיט גאָט, גאָט'ס ווילען און גאָט'ס מאַיעסטעטישע, זעלבסט־הערשערישע בעפעהלען. אויף זיין שווערען, שווערען וועג איז טאָלסטאָי ארויף ווי א פריי־דענקער, נאָך מעהר: ווי א מאַטעריאַליסט און אַן אַטעאיסט. בעת ער האָט זיך צום ערשטען מאָל פערטראַכט וועגען די אייביגע פּראָבלעמען פון דעם מענשליכען לעבען, זענען איהם געלעגען אין זינען ניט גאָט און ניט גאָט'ס בעפעהלען, נאָר דער גורל פון דעם מענשען אויף ד ע ר וועלט, זיין אייביגער דאָרשט נאָך גליק און פרייד, — יע! — גליק און פרייד אויף ד ע ר וועלט, אין יעדער רגע פון זיין זיין.

און פערטראַכט וועגען דעם האָט זיך טאָלסטאָי גראָד אין אזא צייט, ווען דער מזל האָט נעגאָסען אויף איהם שטראָמען־ווייז גליק אין אַן איבערמאָס. אַלץ, וואָס א מענש דאַרף האָבען צום גליק האָט איהם דער מזל געשענקט: געזונט, רייכקייט, בילדונג, א נאָמען, וואָס האָט שוין נעקלונגען איבער דער וועלט, א ליעבענדע פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט, געליעבטע און ליעבענדע קינדער.

טאָלסטאָי האָט געהאַט אַלץ, וואָס איז נויטיג צו א גליקליכען לעבען, — אַלע יענע זאַכען, וואָס מענשען מיינען, אז אין זיי ליעגט דער גליק. טאָלסטאָי'ען האָט געפעהלט נאָר איין זאַך — דער גליק. ווער האָט אַרויסגע'גנב'עט דעם גליק אָט פון אַלע יענע זאַכען? ווער האָט זיי געמאַכט לעדיג און וויסט?

איך האָף, איך וועל ווען עס איז האָבען א געלעגענהייט צו רעדען פאַר אייך באַריכות וועגען די פּראָבלעמען פון דעם מענש־

ליבען גליק און לעבען און יעמאָלט וועט זיך בעסער פּאַסטען — אויסמאָלען פאַר איך אין די וויכטיגסטע פּרטים טאָלסטאָי'ס טראַגעדיע, — יענע טראַגעדיע, וואָס האָט געמאַכט, אַז אין דעם שטאָלצען, נעזונטען בוים, וואָס איז געשטאַנען אין פולער בליהונג, בעגאָסען פון אלע זייטען מיט אַ גאָלדענער גלוטה פון לעבען־טראַגענדע זון־שטראַהלען, האָט זיך מיט אַ מאָל אריינגע'גנב'עט אַן אינגווענינסטער ווארעם, וואָס האָט איהם שיער־שיער ניט גע־בראַכט צום טויט.

אין די גרענעצען פון מיין היינטיגער טהעמע, מוז איך די טראַגעדיע פון טאָלסטאָי'ס לעבען, וואָס איז אַ טראַגעדיע פון אַ סך, אַ סך גרויסע און איידעלע נאַטורען, אָב'פּטר'ן בקיצור. איך טהו עס, ווען אפילו איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין דערינען ליגט אַ סכנה: עס קאָן גריילעך זיין, אַז איינינע פון אייך וועלען די טראַגעדיע נעוויס פערשטעהן מיט'ן שכל, אָבער זי ניט דורכפיהלען מיט'ן הארצען, ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, זי גאָר ניט אָנהויבען צו פערשטעהן...

טאָלסטאָי'ען האָט זיך בעוויזען דער טויט, יענער נאַקעטער, פּשוט'ער, אבסאָלוטער אמת, דער איינציגער אמת, וועלכען יעדער מענש פערמאָגט אויף זיכער, אַז וואו עס איז, ווען עס איז, ווי עס איז וועט דער פּלאַם פון אונזער לעבען אויסגעלאָשען ווע־רען, — ער מעג ברענען ווי שטארק, לויכטען ווי העל, ווארעמען ווי ליעבליך. איהם האָט זיך בעוויזען יענע שווארצע אימה, וואָס פערכאַפּט אין אונז דעם אָטהעם, בעת מיר בליקען אין איהר פּלוצ־לונג אריין מיט גרויס און ווילד־געוואָרענע אויגען, מיט קאַפּויר־אויפגעשטעלטע האָר, — יענע ווילדע פינסטערע אימה, וואָס שלינגט איין אלע פאַרבען פון לעבען, לעשט אויס אלע פונקען פון האָפענונג און הויכט אין אונז אריין מיט אַ שווארצען פראָסטיגען אָטהעם דעם אונבארחמנות'דיגען סוד, אַז זי, נאָר זי, די דאָזיגע פראָסטיגע, שווארצע, ווילדע אימה, — איז אין תוך אריין דער לעצטער ציעל, צו וועלכען מיר שטרעבען, דער לעצטער סך־הכל פון אונזער גאַנצען זיין אויף דער וועלט.

ניט אָפּט בעוויזט זיך די שווארצע אימה פאַר'ן מענשען'ס בליק. זי, די וואָס האָט אַ רעכט צו פאָדערן, זי זאָל תמיד

שטעהן פאַר אונזערע אויגען, האָט הפנים רחמנות מיט אונז, קליינע און שוואַכע, און קומט צו אונז נאָר יעמאָלט, ווען זי **מוז**. אָבער, משמעות, די גרויסע און שטאַרקע שעצט זי צו הויך, זי זאָל רחמנות האָבען אויף זיי — און בעווייזט זיך זיי גראָד אין דעם גלאַנץ פון זייערע טעג...

טאָלסטאָי'ען האָט זיך בעוויזען דער טויט, און מיט א מאָל איז איהם געוואָרען קלאָהר יענער אמת, וואָס יעדער איינער פוילט זיך אָדער ער האָט מורא איינצוזעהן, אז דאָס גאַנצע לעבען געדויערט ניט מעהר ווי איין רגע, און אז די צווייטע רגע געהערט שוין דעם טויט.

ווי קאָן דערביי אין ערנסט זיין די רעד וועגען גליק און פרייד אין דעם מענשליכען לעבען?

און אויף אזאַ'ן אופן איז טאָלסטאָי'ס געדאַנק אוועקגעשטעלט געוואָרען פאַר א גרויסער סתירה, פאַר א **רעטעניש**, וואָס האָט עקשנות'דיג געפאָדערט אַן ענטפער.

פון איין זייט איז איהם, דעם גרויסען פסיכאָלאָג, דעם טיעפען קענער פון דער מענשליכער נשמה, געוועזען קלאָהר, אז אלץ וואָס לעבט, לעבט נאָר, געטריעבען דורך אַן אייביגען דאָרשט צו גליק און פרייד, — אז פרייד איז דער איינציגער **תמצית** פון דעם פסיכישען לעבען, דאָס וואָס האַלט איהם אויף און גיט איהם א זין; אז דער גאַנצער שכל, מיט אלע זיינע המצאות און אויפטהוען ווערט פערוואַנדעלט אין א ווילדע נאַרישקייט, ווי נאָר מען בלאָזט אוים דעם אינוועניגסטען פייער, וואָס האַלט אויף דעם לעבען פון דער מענשליכער נשמה, — איהר שטרעבען צו גליק און פרייד אין יעדער רגע פון איהר זיין.

פון דער אַנדער זייט איז גליק און פרייד א פאַלשער דמיון, א פשוט'ער שווינדעל, ווי נאָר דערזעלביגער שכל לאָזט זיך אראָב אויף זייער גרונד.

ווי איז די דאָזיגע סתירה צו דערקלעהרען? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער מענשליכער שכל, וועמעס גאַנצע בעדעכטיגונג עס הענגט אָן דער מעגליכקייט פון גליק, האָפענונג און פרייד? איז ער, דער שכל, וואָס פאָדערט גליק, ניט מעהר ווי א **אופאַל** אין דעם גרויסען אונענדליכען וועלט-פראָצעס, א גרוין,

וואָס האָט זיך על פּי טעות אריינגעגנב'עט אין דעם אייביג טויטען אייזערנעם גאַנג פון די וועלטליכע פּראָצעסען? אָדער איז ער אַ נויטוועגדיגער זיין אין דער וועלט, אפשר אַ טייל פון אַ גרעסערען שכל, וואָס איז דער תמצית פון דער גאַנצער וועלט, ווי ער איז דער תמצית פון אונזער נשמה, און ווי גליק און פרייד איז דער תמצית פון איהם גופא?

אָבער — אויב אַזוי — אויב דער מענשליכער שכל איז אַ טייל פון דעם וועלט־שכל — הייגט ווי קומט עס, וואָס ער איז אַזוי צונויפגעבונדען מיט אַ זאַך, וואָס קאָן ניט האָבען קיין ברעקעל ממשות, — מיט אַן איליוזיע פון גליק און פרייד, וואָס קאָן קיין מאָל ניט מקוים ווערען אין לעבען? דער שכל מוז פערלאַנגען גליק און פרייד, ווייל דאָס איז דער תמצית פון זיין זיין, און ער מוז סוף־כל־סוף איינזעהן, אַז אַנשטאָט גליק און פרייד וועבט ער נאָר שפּינוועבס אויף אַ קאַלטען, שווארצען, אונענדליכען אָבגרונט.

אומזיסט האָט דער פריי־דענקער טאָלסטאָי געזוכט אַן ענטפער אויף די דאָזיגע פראַגען קודם כל ביי דער וויסענשאַפט און דער פילאָסאָפיע. די וויסענשאַפט האָט זיך מיט די פראַגען ניט אינטערעסירט און האָט על פּי איהר אייגענער טבע זיך מיט דעם ניט געקאָנט אינטערעסירען. אונטער געוויסע, שווער אויפצוהאַלטענדע אומשטענדען, לעבט מען, און אונטער אַלע אומשטענדען מוז מען שטאַרבען, — דאָס איז דער איינציגער תירוץ, וואָס די וויסענשאַפט קאָן געבען, — אַ תירוץ, וועלכען מען האָט אויך פריהער געוואוסט אָהן איהר. די פילאָסאָפיע ווידער, — דערהויפּט די מעטאַפיזישע פילאָסאָפיע, — האָט זיך, ווי אַ אידיש ווערטעל זאָגט, „געטרייסט מיט חלשות". עס איז דאָ אַ גרויסער וועלט־שכל און אונזער שכל איז ניט מעהר ווי אַ טייל פון איהם. דעם מענשליכען שכל דוכט זיך נאָר, אַז ער שטרעבט צו זיין אייגענעם גליק, אין אמת'ען ווערען די רעזולטאַטען פון אַלע אָט די איינצעלנע שטרעבונגען, די פּראָדוקטען פון דעם מענשענ'ס געדאַנק און פון זיינע מעשים, ערגעץ־וואו צונויפגעפלאָכטען אין אַ גרויסען שכל'דיגען געפלעכט, וואָס רופט זיך „וועלט־פּראָגרעס". צוליעב דעם דאָזיגען וועלט־פּראָגרעס לעבט מען, און דער איינענער גליק — איז אַ גלייכגילטיגע זאַך. דאָס איז אַ „טרייסט מיט

חלשות" דערפאַר, ווייל וואָס האָב „איך" דערפון, וואָס ערגעץ־וואו פלעכט זיך אַ שכל'דיג געפלעכט? און ניט נאָר איך: וואָס האָט ווער עס איז דערפון? קאָן דאָס שכל'דיגע געפלעכט פערשטעהן און פיהלען און ליעבען זיך אליין? און אפילו אז יע, — הערט דען מיין לעבען, ווען איך בעטראַכט איהם פאַר זיך מיט זיין טראַגישען סוף, דערפון אויף צו זיין אַ ווילדע נאַרישקייט? און די מיליאָנען און מיליאָנען אַנדערע לעבעדיגע, שכל'דיגע מענשען, וואָס יאָגען זיך נאָך גליק און דערלויפען אַלע צו דעם זעלביגען שוואַרצען אַבגרונד, — הערט דען דורך דעם זייער לעבען אויף צו זיין אַ שפּיעל פון אַ קאַץ מיט אַ מויז, וואו די אָרימע מויז מוז איינגעשלונגען ווערען פון דער קאַץ? קאָן אַ שכל'דיגע גייסטיגע וועלט פון דעם מענשליכען פּראָגרעס געפלאָכטען ווערען פון מיליאָנען און מיליאַרדען ווילדע נאַרישקייטען?

אין זיין פערצווייפלונג האָט טאָלסטאָי פערלאָזען וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע און האָט בעשלאָסען צו געהן פרעגען זיין פרעג ביי יענע מיליאָנען און מיליאָנען שכל'דיגע מענשען, וואָס האָבען אין הונדערטער און הונדערטער דורות געבויט דאָס מענשליכע לעבען און וואָס האָבען זייערע געדאַנקען אויסגעקריסטאַליזירט אין די פאָרמען פון פערשיידענע רעליגיעזע גלויבענס. וואָס ענטפערט אויף דער דאָזיגער פראַגע די רעליגיאָן? ערנסט האָט ער געשטודירט דעם רעליגיעזען געדאַנק, ערנסט געקוקט אין אויג דער מעגליכקייט, טאָמער איז אפשר דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, טאָמער איז גאָט דער אבסאָלוטער שכל און טאָמער איז גאָט דאָ ערגעץ־וואו אויך אין אונזער ברוסט. ער האָט ערנסט זיך צוגעהערט צו דעם אָבקלאַנג, וואָס אַזאַ געדאַנק רופט אַרויס אין זיין אייגענער נשמה... ווי נעהמט די נשמה אויף אַזאַ געדאַנק? און דאָ האָט טאָלסטאָי, זיך איינהערענדיג אין די שטים פון דער נשמה, בעמערקט זעהר אַ וויכטיגע זאַך: פרייד און גליק איז געווען דער אבקלאַנג, מיט וועלכען די נשמה זיינע האָט געענטפערט אויף די מעגליכקייט פון גאָט אין דער וועלט און אין דער אייגענער ברוסט.

דער פינסטערער אַבגרונד פון טויט פלעגט אין אַזעלכע מאָ־

מענטען פערשווינדען. העל און ליכטיג פלעגט ווידער אָנהויבען שיינען די זון, פארביג איז ווידער געוואָרען די וועלט... איז דאָס ניט אפשר די שטים פון גאָט אין זיין ברוסט? — האָט זיך טאָלסטאָי געפרעגט. — די שטים פון דער געטליכער קראַפט, וואָס איז געלעגען פערבאָרגען טיעף אין זיין נשמה און וואָס ציטערט איצטער אויף פון פרייד, ווען זי בעמערקט, אז מען דערנעהנטערט זיך צו איהר, אז מען בענקט נאָך איהר און מען רופט זי?... „אך, גאָט איז נאָר אַ חלום!" — פלעגט ווידער ענטפערען דער שכל — און די פריידיגע שטים אין דער ברוסט פלעגט ווידער ווערען פערשטומט, און די זון פערלאָשען, די פאַרבען — פערוועלקט, און ווידער פלעגט פאַר די אויגען אויסוואַקסען די שווארצע אימה פון טויט.

און נאָך אַ מאָל, האלב אונבעוואוסט, ווי אין אַ טרוים, ווען מען טרוימט פון אונמעגליכע זאכען, פלעגט דורכפליהען ביי טאָלסטאָי די ציטערינגע האָפנונג: און אפשר יאָ? און באלד האָט ווידער אָנגעהויבען קלינגען אַ קלאַנג פון גליק און פרייד אין דער נשמה, ווידער פון די טיעפסטע פערבאָרגעניסען — אַ זיסער רוף צו זיך און — ווידער — העלער ליכטיגער טאָג!

און ווידער ספיקות, ווידער די שווארצע אימה פון טויט!

אזוי גריבלענדיג זיך אין דעם אייביגען פראָבלעם, — שטודירענדיג די הייליגע ביכער, בעטראַכטענדיג דאָס לעבען פון די פשוט'ע, גאָט־גלויבינגע מענשען, אויספאָרשענדיג די אייגענע נשמה, וואו קיין זאך האָט זיך ניט געקאָנט בעהאלטען פון זיין העל־זעהענדען בליק, ארומגעשלידערט פון האָפענונג צו צווייפעל און פון צווייפעל צו האָפענונג, איז טאָלסטאָי ענדליך געקומען צו יענעם רעזולטאַט, וואָס האָט איהם צוריק ארויפגעפיהרט אויף די ליכטיגע וועלט.

איך מוז מיך דאָ מיט אַן אמת'ען ענגמת־נפש אָבזאָגען פון דעם פערגניגען אויסצומאָלען פאַר אייך די איינצעלנע לאָגישע און פסיכאָלאָגישע מאָמענטען, וואָס האָבען איהם געפיהרט צו דעם גרונד־געדאַנק פון זיין שעהנער און אָריגינעלער מיסטישער וועלט־אנשויאונג. קורץ: עס איז פאַר איהם געוואָרען קלאָהר, אז גאָט, שכל, אונשטערבליכקייט און פרייד — זענען איין און דיעזעלביגע

זאַך. יע, פרייד און גליק איז אַקוראַט אַזאַ נויטווענדיגער אַטריי־בוט פון גאָט, ווי זיין מאַכט אָדער זיין שכל. גליק איז דעריבער ניט קיין דמיון אין דעם מענשענ׳ס נשמה. עס איז, ווי גאָט און דער שכל, — דער תוך, דער תמצית פון דער גאַנצער וועלט. מען דאַרף נאָר אויסגעפינען אין זיך יענעם צושטאַנד פון דער נשמה, ווען זי איז אין גאַנצען צונויפגעגאָסען מיט גאָט און יעמאָלט ווערט זי ממילא צונויפגעגאָסען מיט דעם אייביגען קוואַל פון פרייד. אַזאַ צושטאַנד איז דאָ אין דער מענשליכער נשמה און יעדער מענש קאָן איהם אויסגעפינען ביי זיך: דאָס איז דאָס געפיהל פון ליעבע צו דעם אַנדערען, צו דער גאַנצער מענשהייט, צו דער גאַנצער וועלט; יענער געפיהל פון געטליכער ליעבע, אין וועמעס פלאַמען דער געדאַנק פון טויט ווערט פערברענט, ווי אַ שטרויעלע אויף אַ פלאַקער. די געטליכע ליעבע קאָן זיך אויס־דריקען נאָר אין קרבנות און פרייוויליגע יסורים צוליעב דעם אַנ־דערן — און וואָס שטאַרקער די יסורים, אַלץ שטאַרקער די ליעבע. מיר האָבען אַ לעבען פול מיט רייכקייטען: געזונט און קראַפט, און טאַלאַנט, און שכל, און פּאָעטישע פאַנטאַזיע, און וויסענשאַפט און קונסט. אָבער די אַלע רייכקייטען זענען אונז געגעבען, כדי מיר זאָלען קאָנען אין יעדער רגע, אין ליעבע צו דעם אַנדערן, מקריב זיין זיי צוליב דעם אַנדערן, און וואָס מעהר קרבנות מיר ברענגען, אַלץ שטאַרקער ווערט דער פלאַקער פון געטליכער ליעבע, אַלץ העכער און טיעפער די פרייד, — ביז זי נעהמט אַרום אונזער גאַנצע נשמה, ביז פאַר איהר איז שוין רייף געוואָרען די צייט פון דעם העכסטען תענוג, וואָס ליעגט נאָך פערבאָרגען פון איהר און וואַרט אויף איהר: די מסירת נפש, ווען די ליעבע וואַרפט אַריין אין דעם פייער דאָס טהייערסטע, וואָס זי פערמאָגט — דאָס לע־בען... הויך און פריידיג לאָדערן יעמאָלט אויף די פלאַמען צום הימעל...

גאָט, שכל, לעבענס־רייכטהום, ליעבע צו דעם אַנדערן, יסורים, פרייד, — דאָס איז די איין־איינציגע האַרמאָניע, וועלכע טאָלסטאָי האָט אַרויסגעהערט פון דעם גאַנצען וועלט־פּראָצעס און פון דעם מענשליכען לעבען, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז די מענשהייט האָט שוין לאַנג געהערט דעם דאָזיגען שיר, אין וועלכען די נעמ־

ליבע ליעבע גיסט זיך צונויף מיט איהר מקור — מיט גאָט. דער שיר — מיינט טאָלסטאָי — לעבט אין יעדער רעליגיע און האָט שוין לאנג געפונען זיין אויסדרוק אין דעם אידישען „ואהבת לרעך כמוך", ווי אויך אין דעם קריסטליכען געדאנק, אז גאָט איז די ליעבע. נאָהענט צו דעם דאָזיגען וועלט־געדאנק זענען געקומען אויך די פילאָסאָפען, וואָס האָבען געלערענט, ווי קאנט, אז אין אונזער ברוסט איז פערבאָרגען א מיסטישע שטים, א „קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו", וואָס בעפעהלט אונז צו זוכען דאָס גוטס [...] צו פערמיידען דאָס בייז.

א.. אויף אזא'ן אופן האָט טאָלסטאָי געמיינט, אז ער האָט נאָר ווידער געפונען דאָס, וואָס די מענשהייט האָט שוין לאנג ביז איהם געוואוסט.

איז דאָס אמת, וואָס טאָלסטאָי האָט געמיינט וועגען זיך, אז ער איז נאָר א פירוש אויף קריסטענטהום און קאנט?

אי יע, אי ניין! ס'איז אמת, אז טאָלסטאָי קומט צו דעמזעלבינען רעזולטאַט, וואָס ליעגט אויסגעדריקט אין דעם אידיש־קריסטליכען „ואהבת" און אין די מאָראַלישע פאָדערונגען פון די פילאָסאָפען. אָבער עס איז פאָרט א גרויסע נפקא מיניה צווישען זיי און טאָלסטאָי. די רעליגיאָן קומט צום מענשען און שלאָגט איהם פאָר א פיין שטיקעל געשעפט אין דעם נאָמען פון דעם רבונו־של־עולם. ס'איז א פשוט'ער מסחר. קויף דיר דורך מעשים טובים, דורך ליעבע צום צווייטען, דורך געבראָטענע ליידען א הימלישען נחת־רוח. די „ליעבע צום צווייטען", קאָן זיין, קעהרט דיר פון דער נשמה, אָבער פאר איהר בעקומסט דו אן אנדער זאך, שוין א גוטע און געשמאַקע: א גן־עדן אויף דער וועלט אָדער יענער וועלט, א מאַטעריעלען אָדער גייסטיגען. די פילאָסאָפישע מאָראַל, אין איהר שטרענגסטער פאָרם ביי קאנט'ען, איז שוין, אמת, ניט קיין מסחר. זי זאָגט גאָרנישט ניט צו דעם מענשען ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער. — „דו „זאָלסט" טהאָן אזוינס און אזוינס, ווייל דאָס פאָדערט פון דיר דיין אייגענער אינווענינסטער מענשליכער שכל. אָבער דערפאַר איז דאָ די פארשטעלונג פון [...]ריידר און גליק אין גאנצען אראָבגעוואָרפען פון חשבון.

גאנץ אנדערש טאָלסטאָי. עס איז, ווי ער וואָלט קומען צו

אונז און געזאָגט: ברודערל! דיין נשמה לעכצט נאָך גליק און פרייד. דו ווייסט אבער ניט, וואו צו זוכען דאס און ווי דאָס צו דערגרייכען. געזונט און רייכקייט און בילדונג און קונסט און דאָס גאנצע לעבען, וואָס דו מיינסט, אז אין זיי ליעגט דאָס גליק, זענען ניט מעהר ווי מיטלען צום גליק, — מען דארף נאָר וויסען ווי זיי צו געברויכען. ס'איז אקוראט ווי מיט דעם געלד. שטעל זיך פאָר א רייכען קמצן, וואָס האָט אנגעקליעבען קאַסטענס מיט געלד, און צום סוף פאר'ן טויט זעהט ער איין, אז ער האָט פערבראכט זיין לעבען אין גאַרנישט מיט גאַרנישט. וואו איז געלעגען זיין פעהלער? זיין טעות איז געווען אין דעם, וואָס ער האָט ניט איינגעזעהן, אז דעם נחת, וואָס געלד קאָן איינעם געבען, בעקומט מען ערשט יעמאָלט, ווען מען גיט אוים דאָס געלד. די אייגענע זאַך איז אויך אָבער מיט אלע אנדערע גיטער פון דעם לעבען און מיט דעם לעבען גופא. די פרייד, וואָס זיי קאָנען ברענגען, ליעגט ניט אין זיי, נאָר אין דעם וואָס מען גיט זיי אוים פאר אן אנדערן. האָסטו אלע גיטער פון דער וועלט, — מאַטעריעלע און גייסטיגע, געקליבען נאָר פאר זיך, פאר דיין אייגענעם נחת, האָסטו יעמאָלט געמאַכט דעמזעלבינען גרייז, וואָס דער קמצן מאַכט מיט זיינע גילדערנע דוקאטען. האָסטו אָבער אלץ וואָס דו פערמאָגסט, — דיין געלד און דיין צייט, דיין קראַפט און דיין וויסען, דיין געפיהל און דיין שכל, — תמיד געשטרעבט אויסצוגעבען פאר דעם אנדערן, אויסצוגעהן אין ליעבע צו איהם, — ערשט יעמאָלט האָסטו באמת פערזוכט דעם טעם פון געטליכען גליק. און וואָס מעהר דו גיסט אוים, וואָס שטאַרקער דיין ליעבע, וואָס ברענענדיגער דיין צער, — אלץ צופריעדענער איז דיין שכל, אלץ גרעסער דיין פרייד, אלץ לעבעדיגער רעדט אין דיר די שטים פון גאָט, — ווייל גאָט, שכל, פרייד, ליעבע און יסורים של אהבה זענען איין און דיעזעלבינע זאַך.

טאָלסטאָי'ס „ואהבת“ איז דעריבער ניט קיין מסחר מיט גאָט, אויך ניט קיין דעספאָטישער בעפעהל פון דעם מענשליכען געוויסען, נאָר א נאַטירליכער שטרעבען פון דער נשמה צו די קוואַלען פון דער אייביגער פרייד.

און אויף אזא'ן אופן ווערט קלאָהר פערענטפערט די פראַגע

קעגען דעם „העכסטען גוט“ און עס פערשווינדט אויף די סתירות, וואָס האָט טאָלסטאָי׳ען בעזונדערס געפּלאָגט: ווי אַזוי דער שכל, וואָס יאָגט זיך נאָך גליק, צושטערט אין זיין קריטיק אַלע מעגליכ־קייטען פון גליק: דער שכל פערוואָרפט נאָר דעם „דמיון“ פון גליק, די גילדערנע דוקאַטען פון דעם קמצן, כדי צו דערגרייכען צו דעם אמת׳ען קוואַל פון גליס: יסורים של אהבה, רחמנות און ליעבע צו דעם צווייטען.

איך וויל ניט זאָגען, אַז אומעטום רעדט טאָלסטאָי די דאָזיגע קלאָהרע רייד. איך האָב שוין פריהער בעמערקט, אַז מען מוז אָנ־שטרענגען אַלע מוסקעלן פון דעם געדאַנק, ביז מען דערגרייכט צו דער לעצטער טיעף פון זיין מיסטישער וועלט־אַנשויאונג. אָבער נאָר ווען מען דערגרייכט צו איהר, ווערט איינעם קלאָהר די איינ־הייטליכע נשמה פון זיין דענקען און פיהלען און עס ווערען בעג־לויכטען און פערענטפערען די פיעלפאַכע ווידערשפּרוכען, וואָס מען האָט ענטדעקט אין זיין סיסטעם.

דערהויפּט ווערט אונז דערקלעהרט זיינע ווידערשפּרוכען בנוגע צו „ציוויליזאַציאָן“, „קולטור“, „פּראָגרעס“, „קונסט“, „ווי־סענשאַפט“ און די אַלע גרויסע נעמען, וואָס זענען אַזוי טהייער פאַר דעם אויפגעקלעהרטען דור און וועלכע טאָלסטאָי פלעגט באַלד בעג־גיסען מיט שפּאָט און גאַל, באַלד ווידער נעהמען זיי אין שוץ. טאָלסטאָי האָט לויט דער אינווענינסטער לאָגיק פון זיין געדאַנק, קיינמאָל ניט געלייקענט זיי אין גאַנצען. זיי זענען פאַר איהם מיטלען און ער נעהמט זיי אָן אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי זענען מיטלען, אויף וויפיעל זיי פערשפּרייטען די געטליכע ליעבע צווישען מענש און מענש, אויף וויפיעל זיי העלפען אונז אין דער מסירת נפש פאַר דעם אַנדערן.

ווי די מעשה איז, טאָלסטאָי׳ס „יושר“ ליעגט אויף יענער ליניע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם אידישען „ואהבת“ און וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די ריינע מאָראַלישע לעהרע פון ישו, דעם קריסט. אַ פאָלשטענדיגער היפך צו איהם, — אַזוי, ווענינ־סטענס, דוכט זיך אויס, — איז דער „יושר“ פון פריעדריך ניעטצשע.

אויב טאָלסטאָי איז דער קריסט און איז געווען צופריעדען, וואָס זיינע געדאַנקען שטימען צונויף מיט דעם ריינעם, רייבטינ־

פערשטאַנענעם קריסטענטהום, — האָט ניעטצשע זיך גרויס גע־האַלטען מיט דעם נאָמען „אַנטי־קריסט" און האָט מיט אַ כיון געזוכט אומצודרעהען קאַפּויר אַלץ, וואָס איז פערבונדען מיט די קריסטליכע אידעאַלען. אויב טאָלסטאָי איז דער „יוצר טוב", איז ניעטצשע די פערקערפּערונג פון דעם „יוצר הרע". אויב טאָל־סטאָי און קריסטענטהום לערנען אונז — פערגעסען אויף דעם אייגענעם „איך" און לעבען צוליעב די אנדערע, פאָדערט פון אונז ניעטצשע, מיר זאָלען נאָר ניט קוקען אויף די אנדערע און לעבען נאָר צוליעב „זיך".

די „אנדערע", לערנט ניעטצשע, זענען נאָר דאָ, כדי מיר זאָ־לען קאָנען טרעטען אויף זיי, קאָנען זיי אויסנוצען צוליעב דער אייגענער בעפריעדיגונג, צוליעב דער אייגענער ענטוויקעלונג און מאַכט. קיין ערגסטע זאַך קאָן ניט פּאַסירען מיט דעם מענשען, ווי ווען ער הערט זיך צו צו די אַלע פּראַזען פון דער רעליגיאָן און דער מאָראַל, צו די אַלע שווינדעל־דייד ווענען „גוט" און „שלעכט", „ליעבע צו דעם צווייטען" און מסירת נפש. דאָס זענען אַלץ צווי־בער־ווערטלעך, מיט וועלכע מען וויל פער'כשופ'ען „מיין" מאַכט, אַבשוואַכען „מיין" ווילען, פערצאַמען מיר „מיין" וועג, — צויבער־ווערטלעך, אויסגעטראַכט פון שוואַכע און געטראָטענע, כדי אָבצו־שרעקען דעם שטאַרקען, דעם בעפעהלער, דעם וואָס טרעט. דאָס קריסטענטהום מיט דעם גאַנצען ליעבע־געצימבעל איז ניט מעהר ווי אַ „שקלאַווען־מאָראַל", וואָס וויל איינפּענטען די מאַכט פון די הערשער. ס'איז אַ חדוש, וואָס די שטאַרקע האָבען ניט איינגע־זעהן דעם שווינדעל; וואָס שמשון הגבור האָט זיך געלאָזט בינדען פון דער צולאָזענער דלילה. אָבער די אמת'ע שמשון'ס זענען קיינמאָל ניט געבליבען געפאַנגען אין דלילה'ס נעצען. די געשיכטע דערצעהלט אונז פון קראַפט־נאַטורען, וואָס האָבען אַוועקגעוואָרפען הינטער'ן רוקען די אַלע מאָראַלישע זיס־זויערע פּרעדיגטען און האָ־בען מיט פרישען מוטה און פריידיגען אויסגעשריי זיך אַ לאָז געגע־טהאָן אין לעבען, גענומען פון איהם אַלץ, וואָס זיי האָבען געוואָלט און געקאָנט, און אריינגעטראָטען אין שטויב אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי געשטעלט אַנטקעגען. „גזלנים, מערדער און טיראַנען" ווע־רען זיי אַנגערופען פון די מענשען. „אויבער־מענשען!" — רופט

זיי ניעטצשע. אויבער־מענשען, דאָס הייסט א העכערע טיפּ פון דעם מין מענש, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון דער מענשהייט, ווי דער מענש האָט זיך ארויסגעריסען פון דער חית, און וואָס האָט געקוקט אויף אַלע אַנדערע מענשען, ווי דער מענש קוקט אויף אָקסען און שעפּסען.

און אזוי רעדט צו אונז ניעטצשע׳ס „יוצר הרע״:

זיי דו אזא „אויבער־מענש״, רייס זיך ארויס פון דעם מאָראַלישען גדר, שטעל זיך פון יענער זייט „גוט״ און „שלעכט״. לאָז דיך ניט פערפיהרען פון טהעאָריען און פּרעדיגטען. קיין גאָט האָט ניט אנטפּלעקט דעם מענשען דעם אמת און דעם יושר און קיין מענשליכער שכל קאָן ניט ארויסברענגען קיין איי ביגע אמת׳ען און אייביגע גרענעצען פאַר אונזערע מעשים. „ניכטס איסט וואהר, אללעס איסט ערלאובט״ („קיין זאַך איז ניט אמת, מעגען — מאָגמען אַלץ״). שטרעב צו דיין אייגענער מאַכט, צו דיין אייגענער בעפריעדיגונג און היט זיך פאַר דעם גרעסטען אומגליק, וואָס דיך קאָן בעפאַלען. עס קאָנען קומען אויף דיר מאָמענטען פון שוואַכקייט, פון ליעבע צו דעם אַנדערן, פון רחמנות צו איהם, און זיי וועלען פאַראַליזירען דיין מאַכט, אָבהאַלטען דיין אָדלער־פליה און אראָבציהען דיך צו דער גרויסער מאַסע פון אָקסען, שעפּסען, מאַלפּעס און מענשען. בעסער טהו זיי אַלע בייז, עהדער גוטס, אויב זייערע ליידען מאַכען ווייך דיין געמיטה.

„אַ גזלנ׳ישע הארץ״, טראַכטען געווים אייניגע פון אייך און א שוידער געהט דורך איבער זייערע לייבער. איך וויל זיי אָבער אביסעל בערוהיגען. איך וויל זיי דערמאָהנען אָן דאָס דייטשע ווערטעל, אז „קיין זאַך ווערט ניט געגעסען אזוי הייס, ווי זי ווערט געקאָכט״. אויך ניעטצשע׳ס „גזלנ׳ישע רייד״ בעקומען א גאַנץ אַנדער זין, ווען מען טראַכט זיך טיעפער אריין אין זיין געדאַנק.

שוין אין איינעם פון זיינע פּריוואַטע בריעף, וואָס זענען ערשיענען נאָך זיין טויט, דערצעהלט ניעטצשע זיינעם א פריינד, אז ער ערלויבט זיך דערפאַר אזוי שטאַרק צו טרייסלען אונזער גאַנצע מאָראַל, ווייל די דאָזיגע מאָראַל איז שוין אריינגעגאַנגען אין אונזער פלייש און בלוט, שוין געוואָרען אַן אינסטינקט אין אונז און קיין טהעאָרעטישער טרייסלען וועט ניט זיין ביכולת פאַ־

נאַנדערצושאָקלען זיי אין דעם לעבען. אין דער שפּעטערער צייט אָבער האָט ער הפּנים אליין פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע מאָראַל איז נאָך ווייט צו זיין אַן אינסטינקט אין דעם מענשען און אַז ניעדריגערע ברואים, עהדער דער „מענש", קאָנען זיינע געדאַנקען אויסטייטשען שוין אויף אַ צו פּשוט'ען אופן. ער זעהט איין, זאָגט ער, אַז ער מוז „אַרומצאַמען זיינע געדאַנקען, ווייל אַז ניט, קאָנען חזירים אַריינרייסען זיך אין זיי".

פאַר „חזירים" האָט ניעטצשע ניט געשריעבען, און חזירים האָבען באמת ניט וואָס צו זוכען אין זיין גאָרטען...

דער צאַם אַרום זיינע געדאַנקען ליעגט אין דעם גרונד־געדאַנק גופא פון „לעבען צוליעב זיך". מען דאַרף נאָר פערשטעהן, וואָס און וועמען מיינט ניעטצשע, ווען ער רעדט וועגען דעם „זיך". מיינט ער דערמיט, אפשר, די תאוות און בעדערפעניסען פון דעם גוף: דאָס עסען, טרינקען, שלאָפען און דאָס „וואויל־בעקומען"? אָבער אין די זאַכען און אין אַלע אַנדערע פּרטים פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען איז קיין מענש ניט קיין „איך"; אין זיי האָבען אַלע יונים דעמזעלביגען פּנים. די טאָג־טעגליכע בעדערפעניסען זענען עס, וואָס מאַכען אַלע מענשען צו איין גרויסע סטאַדע, פון וועלכער עס דאַרף זיך אַרויסרייסען דער „איבער־מענש" און איבער וועלכער ער דאַרף זיך אַוועקשטעלען. מיט וואָס ווערט דער איבער־מענש אָבגעשיידט פון דעם מענשען? מיט דעם, וואָס אַ חוץ די אַלע טאָג־טעגליכע „מענשליכע" „צופיעל־מענשליכע" נור־טען, אַנשויאונגען און געפיהלען, ברענט אין איהם אין דער ברוסט אַ שטרעבען — פאַנאַנדערצורייסען די ענגע גרענעצען פון דעם וואָכעדיגען זיין און אַרויסרייסען זיך ערגעץ וואו אין דער הויך, אין דער גרויס, אין טיעף. ניט אַלע מאָל מוז איהם זיין קלאָהר, וואָס עס ברויזט אַזוינס אין זיין האַרצען. ס'איז אַן „עפּעס", וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אין לעבען, וואָס קוואַלט אין איהם אינוועניג אַן, וואָס זיצט אין איהם ווי אַ „דבוק" און מאָלט איהם אויס אין כח־הדמיון ווייטע און ברייטע, ווען אפילו ניט אַלע מאָל קלאָהרע, האָריזאָנטען, און וואָס די אַרומיגע „סטאַדע" קען בשום אופן ניט פערשטעהן. קורץ, עס איז דאָס, וואָס טרייבט דעם מענשען אַרויסצוברענגען נאָך גיט געוועזענע זאַכען

אין דער וועלט, וואָס מאַכט דעם מענשען פאַר אַ „ז ש ע נ י ע", פאַר אַ „גדול" — אין דעם אמת'ען זינען פון דעם וואָרט. נאָר דער, וואָס האָט אין זיך יענע אינוועניגסטע, איינגעבוירענע „גדלות", האָט נים נאָר אַן „איך", ווי אַלע אַנדערע בשר ודם'ס, נאָר אַן איינענעם „ז ע ל ב ס ט", וואָס שיידט איהם אָב, דעם „איינעם" פון די „פיעלע אַל־צו־פיעלע". דורך דעם „זעלבסט", וואָס אין איהם, ווערט ער אַן „אויבער־מענש" און נאָר צוליעב יענעם „זעלבסט" זאָל ער לעבען.

פון וואַנען נעהמט זיך אין דעם מענשען יענער דבוק? — ניעטצשעס מיינט, אַז דאָס קומט פון דער גרויסער וועלט־ענט־וויקעלונג. די מעטאַפיזישע קראַפט, וואָס הערשט אומעדום אין דער וועלט, וואָס בעשאַפט אַליין אַלע פאָרמען פון דעם וועלט־ליבען זיין, איז, לויט ניעטצשע, אַ שטאַרקער ברענענדיגער ווילען צו מ אַ כ ט. דאָס האָט ער, דער ווילען צו מאַכט, אַרויסגערופען אַלע העכערע און העכערע פאָרמען, וואָס געוועלטיגען איבער די ניעדעריגערע. און די וואָס זענען היינט די הערשער, וועלען זיין אין דעם היסטאָרישען מאָרגען די בעהערשטע, ווען פון זיי גופא וועט זיך אַרויסוויקלען אַ העכערער טיפ. אַקוראַט ווי דער מענש האָט זיך אַרויסגעוויקעלט פון דער מאַלפּע, אַזוי וועט זיך דער „אויבער־מענש" אַרויסוויקלען פון דעם „מענשען" און וועט געוועל־טיגען איבער איהם. די „זשעניען" אויף אַלע פעלדער פון דער מענשליכער קולטור זענען דאָס די אָנזאָגער, די פאָרלויפער פון דעם „אויבער־מענשען". אין זיי לעבט די פאָרשטעלונג פון אַ העכערען בעסערען זיין, און געטריעבען פון יענער פאָרשטעלונג, צורייסען זיי אַלע קייטען, צוואָרפען אַלע צאַמען, צונעהמען אַלע יסודות פון יענער עקזיסטענץ, וואָס די מאַסען האָבען אויפגעבויט פאַר זיך. זיי זענען די ה ע ל ד ע ן, דאָס ציעל פון דעם גאַנצען אַל־וועלטליכען זיין. אָבער וויפיעל מוז דער העלד אויסשטעהן אין זיין לעבען! וויפיעל יסורים פון די אַרומיגע און — נאָך מעהר — וויפיעל אונצופריעדענקייט מיט זיך אַליין, וויפיעל ח ב ל י ־ ל י ד ה, אמת'ע געבורטס־וועהען פון דעם נייען געדאַנק, וועלכען ער טראָגט אין זיך! דער אמת'ער „אויבער־מענש", וועלכען ניעטצשע האָט אין זינען, האָט אַ סך מעהר יסורים איידער פערגעניגען. אָבער

אין די יסורים, אין זיין טראַגישען ראַנגלען זיך מיט זיך און דער וועלט, ליעגט דער גאַנצער זין פון זיין זיין, ווייל נאָר אין דעם „איבער־מענשליכען“ אָנשטרענגען פון אַלע אינוועניגסטע כחות, אין דער משונה׳דיגער אומרוה, וואָס הערשט אין דער ברוסט, אין דעם געוואַלטיגען רייסען זיך אַרויס פון דעם פערגליווערטען „היינט“ ווערט געבוירען דער גרויסער „מאָרגען“, וואָס הויבט אויף די גאַנצע וועלט־שעפּפונג אויף אַ העכערע מדרגה.

איהר זעהט: ס׳איז ניט קיין לייכטע זאַך — לעבען צוליעב דעם אייגענעם „זעלבסט“. און ניט קיין „זיסע קאַווע מיט פּוטער־פּלעצלעך“ מאַלט ניעטצשע אויס פאַר דעם „אויבער־מענשען“. צו קאַמפּף און ליידען רופט איהר איהם, צו ליידען — ליידען אָהן אַ שיעור... ניעטצשע, דער פּרעדיגער פון עגאָאיזם, איז בשום אופן ניט דער נביא פון יענער ליעבע צו זיך, וואָס יאָגט זיך נאָך תענוג פון דעם אייגענעם גוף, אָדער אפילו נאָך גייסטיגע תענוגים פאַר דער נשמה. דער „אויבער־מענש“ טראַכט ניט וועגען זיין „איך“ און וועגען תענוגים, ווייל יעדער תענוג איז אַ בעפריעדיגונג, אַ רוה, אַ דערגרייכטער ציעל, אַן אָבשטעל אין דער ענטוויקעלונג, בעת דער זעלבסט פון „אויבער־מענשען“ איז דורכאויס אומרוה, אין גאַנצען אַן אָנגעשטרענגטער שטרעבען צו עפּעס אַ גרויסע זאַך אין קונסט אָדער וויסענשאַפט, אָדער פילאָסאָפיע אָדער עפענטליכען לעבען, וואָס קאָן קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען אין איהר גאַנצקייט. די איינציגע טרייסט, וואָס דער אויבער־מענש האָט, איז — וואָס די טיעפע ליעבע און ליידענשאַפט צו דער גרויסער זאַך, מאַכט אין איהם פערשטומען אַלע דאגות און צרות, אַלע פרייידען און הנאות פון דעם אייגענעם „איך“. בלייבען בלייבט איהם נאָר — *די שעהנקייט פון דעם טראַגישען לעבען*.

איהר זעהט: אויף דעם גרונד פון ניעטצשע׳ס געדאַנק בעגעגענען מיר זיך ווידער מיט „יסורים של אהבה“, ווי ביי טאָלסטאָי׳ען. דאָרטען — ביי טאָלסטאָי׳ען — ליידען און קרבנות אויס ליעבע צו דעם צווייטען; דאָ, ביי ניעטצשע׳ן — ליידען און קרבנות צוליעב אַ גרויסען ענין, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט

דער אייגענער נאַטור, מיט דעם אייגענעם „זעלבסט"; צוליעב אַ גרויסען און רייכען אינהאַלט, וואָס האַלט אין שטענדיגען אויפרודערן די מענשליכע נשמה. אוים ליעבע און ליידענשאַפט צוליעב דעם אינהאַלט ווערט מען — און מען זאָל ווערען — ניט נאָר „אַ גזלן" אויף זיך אַליין, נאָר אויך אַ „גזלן" אויף דער גאַנצער מענשהייט, וואָס וויל זיך שטעלען דעם „איבער־מענשען" אין וועג.

דאָס איז ניעטצשע'ס „יושר", דאָס „העכסטע גוט", וואָס ער אַנטפּלעקט דעם מענשען.

נו — און ווי שטעלט זיך צו די אַלע פּראָבלעמען — אי צו טאָלסטאָי'ען, אי צו ניעטצשע'ן — דער דריטער דענקער, קאַרל מאַרקס?

קאַרל מאַרקס האָט ניט דערלעבט, ניט דעם טאָלסטאָיאַניזם, ניט דעם ניטשעאַניזם. ער איז געשטאָרבען, ווען פון זייערע ביידענס מאָראַלישע אַנשויאונגען האָט מען נאָך גאָר נישט ניט געהערט. אָבער זיינע געדאַנקען זענען געבליעבען לעבען, און זיי פלעכטען אריין אין דער ירושה פונ'ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט אַ נייע שטים, וואָס וויל פערהילכען אי טאָלסטאָי'ס „אַלטרואיזם", אי ניעטצשע'ס „עגאָאיזם".

וואָס איז „גוט"? וואָס איז „שלעכט"? לעבען צוליעב דעם אַנדערן אָדער לעבען צוליעב דעם אייגענעם זעלבסט? ביידע דענקער — אי ניעטצשע, אי טאָלסטאָי — טרעטען ארוים מיט אַבסאָלוט זיכערע ענטפערס פאַר אַלע דורות און אַלע צייטען. וואָלט מאַרקס זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, וואָלט ער געפונען, אַז זיי זענען ביידע אריינגעפאַלען אין אַ קינדיש־נאַאיווען טעות. זיי זוכען „דאָס העכסטע גוט", צו וועלכען דער מענש זאָל שטרעבען, און זיי מיינען, אַז דער מענשליכער שכל קאָן ארויסברענגען אַזאַ אייביגען אַבסאָלוטען אידעאַל. דער מענשליכער שכל איז אָבער אין די ענינים פון „גוט" און „שלעכט", „יושר" און „עולות", „אייביגע אמת'ען" און „הייליגע פרינציפּען" ניט קיין זעלבסטבעשאַפענדע קראַפט, וואָס שעפּט פון זיך אַליין ארוים דעם אינהאַלט פון איהרע הייליגקייטען. דער וואָס שטודירט די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און טיעפט זיך אריין אין איהרע געזעצן, יעדער [illegible] אויפ'ן שטעל איינזעהן, אַז די מענש־

ליכע געדאַנקען וועגען אַזעלכע זאַכען, ווי מאָראַל און רעליגיאָן, זענען ניט מעהר, ווי שאָטענס, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך דעם ווירקליכען גאַנג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקעלונג. וואָס פאַר אַ לעבען די געזעלשאַפט פיהרט, אַזאַ מאָראַל האָט זי, אויף וואָס פאַר אַן אופן זי קעמפפט מיט דער נאַטור פאַר די זיני־דיגע ערדישע גיטער, אַזאַ הימעל פון אידעאַלען בויט זי זיך איבער איהר קאָפּ. און אין יעדער געזעלשאַפט גופא איז דער מאָראַלישער אידעאַל פערשיידען, לויט יענעם עקאָנאָמישען קלאַס, וואָס ברענגט איהם אַרויס. די מאָראַל פון די שקלאַווען קאָן ניט זיין די מאָראַל פון די האַררען; די אידעאַלען פון דעם פּראָלעטאַריער קאָנען ניט שטימען מיט די אידעאַלען פון די בעלי־בתים. נאָך מעהר! די גאַנצע איינטיילונג פון דער מענשליכער וועלט אין „אידעאַלען" און „ווירקליכקייט", אין מאָראַליש „גוט" און מאָראַליש „שלעכט" איז — לויט מאַרקס — ניט מעהר ווי אַן אָבשיין פון יענעם פאַקט, וואָס די געזעלשאַפט איז איינגעטיילט אין קלאַסען, וועלכע פיה־רען איינער מיט דעם אַנדערען אַ ביטערען קאַמפּף.

וואָס פאַר אַ זין האָט עס דעריבער צו פרעגען: צו וועלכע „אידעאַלען" זאָל דער מענש שטרעבען און וואָס איז „באמת" גוט אָדער באמת „שלעכט"? די שטרעבונגען פון די גרויסע מאַסען ווערען דיקטירט פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע, פון זייער דאגת־חיונה", פון זייער קאַמפּף פאַר בעסערע לעבענס־בעדינגונגען, און די „אידעאַלען" זייערע מוזען זיין צוגעפּאַסט צו יענער לאַגע און צו יענע דאגות. קיין אידעאַל, ווי שעהן ער זאָל ניט זיין אויסגע־טראַכט פון דעם איינצעלנעם מענשען, — וואָס פאַר אַ „זשעני" יע־נער מענש זאָל ניט זיין, — האָט סיי ווי סיי ניט קיין שאַנסען אָנ־צוצינדען די הערצער פון די גרויסע מאַסען, אויב ער קאָן ניט בעפריעדיגען די אויבען דערמאָהנטע בעדינגונגען, אויב ער איז ניט צוגעפּאַסט צו דער סאָציאַלער לאַגע פון געוויסע פאָלקס־שיכטען. און אויב ער דרינגט יע אַריין אין די מוחות און די הערצער פון אַ גרויסען טייל פונ'ם פאָלק, איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל אין איהם שטעקט אַן אַבסאָליוטער אמת, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס ער האָט צוגעטראָפען צו דער בעשטימטער עקאָנאָמישער לאַגע און צו גאַנץ בעשטימטע קלאַסען־אינטערעסען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען פון

יענער עקאָנאָמישער לאַגע. עס וועלען זיך איבערבייטען די עקאָנאָמישע אומשטענדען און מיט זיי וועלען זיך ממילא איבערבייטען די אינטערעסען און מיט די אינטערעסען — אויך דער אידעאַל.

אַנשטאַט צו ברעכען די מוחות אויף דער פראַגע, וואָס איז „באמת" גוט און וואָס איז „באמת" שלעכט, לאָמיר, זאָגט מאַרקס, בעסער אויסשטודירען דעם נאַטירליכען גאַנג פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג, לאָמיר מיט דער הילף פון שטרענגע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, זעהן, וואוהין טראָגט דער שטראָם פון דעם מענשליכען פּראָגרעס, וועלען מיר יעמאָלט אויף זיכער וויסען, וועלכע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען עס מוזען אַרויסקומען פון די אייזערנע עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייטען, וואָס הערשען איצט.

אזא וויסענשאַפטליכע אַרבייט, מיינט מאַרקס, איז שוין געמאַכט געוואָרען. אַ דאַנק זיינע אייגענע פאָרשונגען ווייסען מיר, וואָס עס טהוט זיך אין דער איצטיגער געזעלשאַפט און וואָס עס מוז על פי נויטווענדיגקייט זיין דער רעזולטאַט פון דער איצטיגער ענטוויקלונג. עס שפּיעלט זיך איצטער אָב אַ ביטערער קאַמפּף צווישען דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. עס מוז קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען זיי און אויב דער דאָזיגער צונויפשטויס וועט זיך ניט ענדיגען מיט אַ קראַך פון דער גאַנצער מענשליכער קולטור, וועט יעמאָלט דער נצחון מוזען געהערען דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט וועט אינגאַנצען איבערבייטען די יסודות פון דעם איצטיגען לעבען. אַנשטאַט דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועט איינגעפיהרט ווערען די סאָציאַליסטישע. פּריוואַט־אייגענטום און געזעץ, רעליגיאָן און פאַמיליע וועלען פערשווינדען און מיט זיי, ממילא, וועלען אויך פערשווינדען יענע „מאָראַלישע" אידעען, יענע געדאַנקען וועגען „גוט" און „שלעכט", „יושר" און „עולות", וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין דער צייט פון זייער הערשאַפט.

וועט אַנשטאַט דער אַלטער מאָראַל אויסוואַקסען אַ בעסערע, אַ שענערע? פון דעם ריין מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט איז גאָר ניט שייך צו שטעלען אַזעלכע פראַגען. דער מאַרקסיזם האַלט, אַז „גוט" און „שלעכט", „בעסער" און „ערגער" זענען ניט מעהר ווי „שאַטענס", אָבשפּיעגלונגען פון געוויסע רעאַלע ערשיינונגען, וואָס

זענען פאר זיך ניט „גוט“ און ניט „שלעכט“. אויב אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט אויסוואקסען א מאראל, וועט זי געוויס פון שטאנדפונקט פון יענער צייט, זיין די „בעסטע“ און די „שעהנסטע“. מיט א סך א גרעסערען רעכט מעג מען אוועקשטעלען די פראגע: צי וועט בכלל אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט זיין פלאץ פאר א וועלכער עס איז מאראל?

קארל מארקס האט א לאנגע צייט געגלויבט, אז די גאנצע מאראל, — אלץ איינס, אין וואס עס זאלען ניט בעשטעהן איהרע אידעאלען, — וועט אבשטארבען מיט דעם איצטיגען לעבען; אז אין דער צוקונפט וועט די מאראל אקוראט אזוי פערגעסען ווערען, ווי עס וועט ווערען פערגעסען די רעליגיאן.

מארקס קאן דעריבער צוגערעכענט ווערען צו די טהעארעטישע לייגנער פון דער מאראל, — ווענינגסטענס, דער מארקס פונ'ם „מאניפעסט“. מען דארף אבער ניט מיינען, אז ער איז געווען א לייגנער פון „מאראל“ אין דעם זעלביגען זין, ווי שטירנער בשעתו אדער שפעטער אין רוסלאנד — טשערנישעווסקי, וואס האבען געוואלט אוועקשטעלען אנשטאט דער מאראל און דער טוגענד — דעם „פערנינפטיגען אייגענעם אינטערעס“, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז אזא פרינציפ קאן א סך בעסער פיהרען צו א הומאנישען לעבען אין דער געזעלשאפט, איידער די „אהנמעכטיגע“ „טוגענד“. קארל מארקס איז געווען גאנץ ווייט פון די דאזיגע שטירנער'שע געדאנקען. די מאראל וועט פערשווינדען, זאגט ער אינ'ם „מאניפעסט“, ווייל דער קלאסען־קאמפף וועט פערשווינדען, ווי זי איז געבארען געווארען, דערפאר, ווייל דער קלאסען־קאמפף האט זיך אריינגעריסען אין לעבען. אין אט דער בעמערקונג ברענגט מארקס ארויס א שעהנעם און טיעפען געדאנק. אין דער קאמוניסטישער געזעלשאפט, וואו עס איז נאך ניט געוועזען קיין קאמפף פון אינטערעסען, וואו אלע האבען געלעבט ווי ברידער אין איין משפחה, האט די העכסטע „טוגענד“ געהערשט אין לעבען און דערפאר האט מען זיך וועגען איהר גאר ניט געקימערט אין געדאנק. עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט צו בעגעהן עולות, האט מען דערפאר ניט געדארפט איינטיילען די ערשיינונגען אין יושר'דיגע און ניט־יושר'דיגע. ערשט אז עס האט זיך אנגעהויבען א קלאסען־קאמפף, געטריבען פון פערשיידענע

עקאָנאָמישע אינטערעסען, איז די נאַטירליכע עטיק פון דעם מענ־שענ'ס נאַטור פערטריבען געוואָרען פון לעבען — און די מאָראַל האָט אָנגעהויבען ארומצוטראָגען זיך אין די מענשליכע מוחות. עס האָבען זיך בעוויזען „עולות" און דערמיט גופא די נויטווענדיגע איינטיילונג פון ערשיינונגען אין „גוט" און „שלעכט". אין דער צוקונפט אָבער, גלויבט מארקס, וועלען די עולות ווידער פערשווינ־דען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, ווייל עס וועט פאר זיי קיין פּלאַץ ניט זיין אין לעבען, און ממילא וועט די „מאָראַל" ווידער פערשווינדען פון די מענשליכע מוחות.

א שעהנער און טיעפער געדאַנק, וואָס דערמאָהנט אביסעל אָן דער ביבלישער דערצעהלונג וועגען דעם גן־עדן און דעם „עץ־הדעת". דאָרטען ווערט דער מענש ארויסגעטריעבען פון גן־עדן, ווייל ער האָט פערזוכט פון דעם בוים, וואָס גיט מאָראַלישען וויסען וועגען „גוט" און „שלעכט". נאָך מארקס' געדאַנק איז דער מענש פריהער ארויסגעטריעבען געוואָרען פון דעם אור־קאָמוניסטישען גן־עדן און דערפאַר האָט ער זיך פעראינטערעסירט מיט דער מאָראַלישער פרוכט. ער וועט ווידער פערגעסען אָן איהר, ווען ער וועט ווידער אריין אין גן־עדן. ביידע אָבער, סיי די ביבעל, סיי קאַרל מארקס, — האָבען, הפנים, געגלויבט, אז צו א גן־עדן לעבען איז דער מאָראַלי־שער „עץ הדעת טוב ורע" א גאַנץ איבעריגע מעשה.

א שעהנער און טיעפער געדאַנק!

אָבער מארקס האָט, משמעות, אליין שפּעטער איינגעזעהן, אז ער קוקט שוין צו אָפּטימיסטיש אויף די מענשליכע נאַטור.

אין איינעם מיט ענגעלס'ען איז ער דעריבער געקומען צו דעם רעזולטאַט, אז די מאָראַל וועט ניט פערשווינדען אין דער צוקינפ־טיגער געזעלשאַפט און אז אין דער איצטיגער צייט איז זי אודאי ניט קיין איבעריגע זאַך. אָבער די אַלטע וועגען, ווי אזוי אויסצוגע־פינען דעם „אמת'ען" „יושר", האָבען זיי אין גאַנצען אָבגעלייקענט, ווי פריהער. כל זמן עס הערשט דער קלאַסען־קאַמפּף — דאָס איז געוועהן פאַר זיי קלאָהר — קאָן ניט זיין קיין איין איינציגע אַלגעמיינ־מענשליכע מאָראַל. די מאָראַל פון דעם קאַפּיטאַליסט קאָן ניט טוי־גען פאַר דעם פּראָלעטאַריער, און פון דעם פּראָלעטאַריער'ס „יושר" געהט דורך א שווידער איבער דעם לייב פון דעם קאַפּיטאַליסט. און

עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטער מאָס־שטאַב, וואָס זאָל אונז ווייזען, וועמער פון זיי איז באמת גערעכט. די טעאָרעטישע נפקא מיניה צווישען די צוויי „יושר'ן" בעשטעהט אָבער אין דעם — וואָס די הערשענדע מאָראַל פון דעם קאַפּיטאַליסט שפּיעגעלט אין זיך אָב ערשיינונגען און לעבענס־פּרינציפּען, וואָס זענען שוין פון דער געשיכטע פער'משפּט געוואָרען צום טויט. בעת דער יושר פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס דריקט זיך אויס אין זיין רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף אַנטקעגען אַלע יסודות פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, דריקט אין דער זעלבינער צייט אויס דעם יושר פון דער צ ו ק ו נ פ ט.

אין פלוג קאָן אויסדוכטען אַז אַזאַ ריין היסטאָרישער בליק אויף די פּראָבלעמען פון מאָראַלישען לעבען קאָן איבערהויפּט ניט צולאָזען קיין מאָס־שטאַב פאַר „גוט" און „שלעכט". ניט נאָר קיין אַבסאָליוטען, נאָר אויך קיין רעלאַטיווען. עס פאַלט איבערהויפּט אַראָב יעדוועדער מאָראַלישער גזר־דין, אָדער אפילו יעדע מאָראַלישע עצה, צו וועלכען „יושר" מיר זאָלען צושטעהן. עס דוכט אויס, ווי מאַרקס וואָלט אונז אויף אַלע אונזערע אונרוהיגע האַרץ־וועהטאָגען און קאָפּ־מאַטערניסען, געענטפערט, אַז דאָס איז, אייגענטליך, ניט זיין באָבע'ס דאגה. מיט וועלכער מאָראַל זאָל מען לעבען? עס ווענדט זיך אָן דעם, מיט וועמעס אינטערעסען עס איז אָנגעפילט דאָס האַרץ. אַהרט דיך פאַר די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען און זיינען דיר טהייער די גרונד־פּרינציפּען פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, געה צו זיי און לעב מיט זייער יושר. ציהט אָבער דיין האַרץ אָדער דיין אינטערעס צו די פּראָלעטאַריער און זייערע אידעאַלען פון דער צוקונפט, איז יעמאָלט שטעה־צו צו דער קעמפּפענדער אַרמעע און ווער אַ סאָציאַליסט. איןביידע פעלען ביזטו אַ פּראָדוקט פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען, אין ביידע פעלען ביזטו גלייך „גערעכט" אָדער גלייך „אונגערעכט".

— און די ליידען פון די מאַסען, וואָס ווערען פערשטאַרקט פון דעם קאַפּיטאַליזם, זיינען זיי ניט גענוג, צו ווייזען אונז דעם וועג, אין וועלכען מיר מוזען געהן?

— די ליידען פון די מאַסען, ענטפערט אונז דער מאַרקסיזם, זיינען דערוויילע געשיכטליך־נויטווענדיגע ליידען. רחמנות און ווייכקייט איז דאָ ניט אויפ'ן פּלאַץ. ווי דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע

לעבען, מוז מען אויך זיי בעטראַכטען ריין אָביעקטיוו, ווי דער ווייזע שפינאָזא האָט געלערענט: „ניט וויינען, ניט לאַכען, נאָר פער־שטעהן"...

קאַלט, פּראָסטיג קאַלט ווייזט דאָ אויס דער מאַרקסיזם. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי. דאָ ווערען די זאַכען באמת ניט גענעסען אַזוי קאַלט, ווי זיי ווערען קאַלט צוגעגרייט. עס איז גענוג איבערצו־לייענען קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל", ענגעלס'עס „די לאַגע פון דער ארבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד", אָדער אַוועלכע עס איז אַנדערע ערנ־סטע מאַרקסיסטישע פאָרשונג, און מען קאָן גאַנץ גרינג געוואָהר ווערען, וואוהין עס ציהען זייערע **געפיהלען**. מעג דער מוח זיך טראַכטען וויפיעל ער וויל, אַז דער יושר פון דעם קאַפּיטאַליסט איז אין דעם „אַבסאָלוט", אין דעם גרויסען וועלט־געשעהען, אַסך־ראָט אַזוי יושר'דיג, ווי דער יושר פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — דאָס **האַרץ** זייערס קאָן זיך מיט אַזאַ געדאַנק ניט אויסאיינען. עס רעוואָלטירט און שרייט אַרויס אויף שריט און טריט: „און פון דעסטוועגען זייט איהר, קאַפּיטאַליסטען, די אונטערדריקער און אייערע הענד זיינען אויסגעשמירט אין דעם בלוט פון אייערע ברי־דער. איהר פערדיענט ניט צו טראָגען דעם נאָמען מענש און מיר קעמפּפען פאַר אַ צייט, אין וועלכער דער **מענש** זאָל זיך קאָנען פאַנאַנדערבליהען אין זיין העכסטער מאָראַלישער פּראַכט!"

עס קאָן דעריבער גאָר קיין ברעקעל ספק ניט זיין וועגען דעם, וואָס איז דער יושר פון קאַרל מאַרקס און צו וועלכען אידעאַל ער רופט אונז. פון אַלע זיינע רעד — און נאָך מעהר ווי פון זיינע רעד, פון זיין גאַנצען קריסטאַל־קלאָהרען לעבען, קלינגט צו אונז איין איינציגער אויסגעשריי: „לעב ניט צוליעב זיך! לעב צוליעב דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער **געזעלשאַפט**! לעב צוליעב דער פערווירקליכונג פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל! דאָס און נאָר דאָס איז דאָס העכסטע „גוט", צו וועלכען אַ פערנינפ־טיגער מענש זאָל שטרעבען!"

דריי דענקער, דריי טהעאָרעטישע סיסטעמען, דריי פערשיי־דענע יושר'ס! און פון דעסטוועגען זענען זיי אַלע דריי — קינדער פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, פאַרשטעהער פון דער צווייטער

העלפט פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט און פון זיין א י י ג ע־
א י י נ צ י ג ע ן י ו ש ר.

לאָזט זייערע טעאָרעטישע סכסוכים אויף א ווײַלע אָן א זייט! הערט זיך צו צו די שטימען פון זייערע הערצער און שטודירט אויס זייער שטעלונג צו דער איצטיגער געזעלשאַפט. פרעגט זיי ניט וועגען דעם, וואָס זיי וואָלטען געוואָלט מאַכען פון דעם מענשען, נאָר וואָס זיי וואָלטען וועלען אָנפילען זיין נשמה. פרעגט בעסער, פון וואס וואָלטען זיי געוואָלט פטור ווערען אין דעם איצטיגען לעבען, וואָס וואָלטען זיי אויסגעריסען פון איהם מיט'ן וואָרצעל — און איהר וועט ווערען פערוואונדערט, ווי האַרמאָניש און סאָלידאַריש עס שלאָגט דער פולס פון זייער געדאַנק.

לאָמיר בקיצור דורכנעהמען זייער שטעלונג צו די גרונד־פעסטען פון דעם איצטיגען לעבען.

דעם ערשטען כבוד מוזען מיר אָבגעבען דעם וויכטיגסטען ווינקעל־שטיין פון דעם געזעלשאַפטליכען געבייַ, דעם פרינציפּ פון פּ ר י װ א ט ־ א י י ג ע נ ט ו ם. אז קאַרל מאַרקס, דער מחבר פונ'ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" איז געווען א ביטערער געגנער פון פריוואַט־אייגענטום, דאָס איז ניט נויטיג צו דערקלעהרען. אָבער אויך טאָלסטאָי איז איהם ניט נאָכגעשטאַנען אין דעם פּרט. פּריוואַט־אייגענטום איז דער פרינציפּ פון „מיין־און־דיין". ממילא קאָן נאָר יענער זיין אַן אַנהענגער פון דעם דאָזיגען פרינציפּ, ווער עס מיינט, אז א מענש האָט א רעכט ארויפצולעגען זיין האַנד אויף א טייל פון דער וועלט'ס רייכקייטען און זאָגען: „דאָס איז מיין! צו דעם טאָרסטו זיך ניט צוריהרען, דאָס דאַרף איך פאַר זיך!" קוים זאָגט איהר אָבער אינאיינעם מיט טאָלסטאָי'ען, א ז א י ך מ א ה ז י ך ד א ר ף נ א ר נ י ש ט, אז דער גאַנצער זין פון מיין לע־בען איז נאָר אוועקצוגעבען עס פאַר דיר, הערט שוין אויף יעמאָלט אין גאַנצען דער „מיין". אלץ וואָס דו זעהסט ביי מיר, אלץ וואָס דיר געפעלט, קאָנסטו און מעגסטו אוועקנעהמען פון מיר, און ווען דו וועסט ביי מיר צונעהמען דאָס קלייד, וועל איך דיר אויך אוועק־געבען די לעצטע העמד פון מיין לייב. און אַזוי ווי יעדער מוז, לויט טאָלסטאָי, טראַכטען און פיהלען אויף דעם זעלביגען שטייגער,

מוזען פערשווינדען אַלע „מיינס" און אין איינעם מיט זיי אַלע „דיינס". עס מוז פערשווינדען דאָס איינענטום־רעכט.

טאָלסטאָי איז געווען אַ קלאָהר אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסט ניט ווענינער ווי די אידישע איסיים, פון וואַנען עס האָט זיך גענר מען דער גאַנצער קריסטענטום; ער איז געווען אַ נעגנער פון דעם איינענטום־רעכט אין דעם זעלבינען זין, ווי דאָס זיינען געווען די בעגרינדער פון דעם קריסטליכען גלויבען — ישו און זיינע ערסטע תלמידים.

אָבער אפילו דער „ענאָיסט" ניעטצשע, „די גזלנ'ישע הארץ", האָט אויך ניט געקאָנט זיין קיין אָנהענגער פון דעם רעכט אויף איי־גענטום. טראַכט זיך נאָר אביסעל בעסער אריין אין דעם ענין און איך ועט קלאָהר זיין, אז דאָס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין. דאָס איי־גענטום־רעכט איז, ווי מיר האָבען נאָר וואָס געזעהן, אויפגעבויט אויף צוויי פּרינציפּען: אויף „מיין" און „דיין". וואָס „מיי־נע" איז „מיין" און דו האָסט קיין רעכט ניט אָהן מיין ערלויבניס צוצוריהרען זיך צו דעם, און וואס „דיינע" איז „דיין" און איך האָב קיין רעכט ניט אָהן „דיין" ערלויבניס צו בענוצען זיך מיט דעם. ווי־באַלד אָבער איך נראָב אונטער איין איינציגען פון די דאָזיגע פּרינ־ציפּען, אַזוי פאַלט פונאַנדער דאָס גאַנצע איינענטום־רעכט. טאָל־סטאָי האָט אונטערגעגראָבען דעם פּרינציפּ פון „מיין"; ניעטצשע זואָרצעלט אויס דעם פּרינציפּ פון „דיין". קוים איז מיר קיין זאַך ניט פערוועהרט (אַללעס איסט ערלויבט) צוליעב דער ענטוויקעלונג פון מיין „זעלבסט", קוים האָב איך מיט קיינעם מיך ניט צו רעכע־נען, ווען אין קאָן שטעהט דער קאַמפּף פאַר דעם בעסערען טייל פון מיין איך, קאָן מיר אויך קיינער ניט זיין אין וועג, איך זאָל מיר צונעהמען דאָס, אין וואָס איך נויטיג זיך באמת. איך קאָן ניט האָבען קיין דרך־ארץ פאַר דעם „דיין", אַלץ איינס, צי דו געהערסט צו דער גרויסער מאסע, וואָס האָט איבערהויפּט ניט מעהר רעכט אין מיינע אויגען, ווי די אָקסען און שעפּסען, אָדער ווען אפילו דו ביזט אפּוראַט אַזאַ „איבער־מענש" ווי איך אַליין; — ווײלע אויך פאַר אונז, איבער־מענשען צווישען זיך, הערשט דער זועלביגער כלל פון „אַללעס איסט ערלויבט". און וויבאַלד פון אונזער צווישען־לעבען פערשווינדען די „דיינס", מוזען ממילא אויך פאַנאַנדערפאַלען די

„מיינס". אַט דער נויטווענדיגער פועל־יוצא פון ניעטצשע'ס איבער־מענש־טעאָריע און זיין ראַדיקאַלען „עגאָיזם" איז קלאָהר געשטאַנען פאַר זיינע אויגען, בעת ער האָט געשילדערט דאָס לעבען פון די „איבער־מענשען" צווישען זיך: פאַלשטענדיגע ברידערשאַפט הערשט צווישען זיי, אָהן וועלכע עס איז גרענעצען און „פערבאָטען". איהר זעהט: דער עקסטרעמער „בטול היש" פון דעם „אַלטרו־איסט" טאָלסטאָי און דער עקסטרעמער „אני ואפסי עוד" פון דעם „עגאָיסט" ניעטצשע, ניסען זיך אין דער אייגענטום־פראַגע ביידע צונויף אין דעם קאָמוניזם פון אַ קאַרל מאַרקס.

צו אַן ענהליכען רעזולטאַט קומען מיר, ווען מיר פערגלייכען זייערע דרייענס אידעען וועגען דעם צווייטען ווינקעל־שטיין פון אונזער געזעלשאַפטליכען געביי — דעם געזעץ, אָדער דעם ש ט אַ אַ ט. די מאַכט פון דעם שטאַאַט רוהט אויף דעם געזעץ. אויף וואָס רוהט אָבער די מאַכט פון דעם געזעץ? נישיים נישט מעהר ווי אויף דעם שמיקעל פאַפּיער, אויף וועלכען דאָס געזעץ איז געשריעבען אָדער געדרוקט? נישיים ליעגט זיין גאַנצע קראַפט נאָר אין דעם, וואָס אין איהם ווערט אויסגעדריקט דער ווילען פון דעם געזעצגעבער? און ווי איז, אַז איך האָב ניט קיין ברעקעל רעספּעקט פאַר דעם ווילען פון דעם געזעצגעבער און וויל איהם ניט פאָלגען? וואָלט די גאַנצע מאַכט פון דעם געזעץ געלעגען נאָר אין מיין רעספּעקט צו איהם, וואָלט זי אין גאַנצען צושמעטערט געוואָרען אַן מיין בייזען ווילען. דאָס געזעץ האָט אָבער אַ שטאַרקערע און זיכערערע שמירה, איידער דאָס וואָרט און דעם ווילען פון דעם איינצעלנעם. דער שטאַאַט היט אָב דאָס געזעץ דורך די ש ט ר אַ ף. איהר קאָנט מיך ניט צ ו ז י נ ג ע ן, איך זאָל טהאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איך וויל ניט, אָדער ניט טהאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איך וויל און קאָן. אָבער דערפאַר קאָנט איהר מיך שלעפּען צום בית־דין, און דער בית־דין וועט מיך איבערענטפערען צום תליון, און דער תליון וועט מיר, אַלס שטראָף, אָנטהאָן ביטערע צרות, מיך כאַפּען פאַר'ן גאָרגעל און אין דעם ערגסטען פאַל — דערווערגען. אין דער לעצטער ליניע רוהט דעריבער די מאַכט פון דעם שטאַאַט אויף דער מאַכט אָנצוווענדען געוואַלט אנטקעגען מיר, אָנצוטהאָן מיר בייז.

שוין דאָס אַליין איז גענוג, אַז טאָלסטאָי זאָל זיין אַ געגנער

פון איטליכען שטאאט און פון יעדוועדען געזעץ. וואס פאר א שלעכטס איינער זאל ניט האבען געטהאן, וואס פאר א פערברעכען ער זאל ניט האבען בעגאנגען, — ענטפער ניט, זאגט טאלסטאי, מיט בייז אויף בייז, קעמפף ניט אנטקעגען געוואלט מיט געוואלט. טריי ביז צו דעם עקסטרעם צו דעם רייגעם אור־קריסטענטום, וואס פערוועהרט איינעם צו משפט'ען דעם אנדערען, מוז טאלסטאי אויך פערלאנגען, אז יעדער „משפט" זאל אבגעשאפט ווערען און מטילא אויך יעדע שטראף, יעדע געוואלט, וואס דער תליון ווענדט אן אויף דעם פערברעכער׳ דורך דעם ווערט אבער אין גאנצען צוריעט יענעם יסוד, אויף וועלכען עס האלט זיך דער געזעץ און אין איינעם מיט דעם „געזעץ" פאלט אויך פאנאנדער דער שטאאט. ניעטצשע ווידער מוז אונטערגראבען דעם יסוד פון געזעץ און שטאאט שוין דערפאר, ווייל דער אויבער־מענש קאן ניט אננעהמען איבער זיך קיין מאכט, וואס זאל האבען דאס רעכט צו פערצאמען זיין ווילען.

אז ניעטצשע און טאלסטאי זענען געווען אנארכיסטען אין דעם פולסטען און טיעפסטען זין פון דעם ווארט, — דאס איז איצטער שוין פאר קיינעם ניט קיין סוד. א ביסעל שווערער ווערט דער פונקט, ווען מיר געהען איבער צו מארקס'ען. מארקס איז גאנץ געווים ניט געווען קיין אנארכיסט, ניט נאר פאר דער איצטיגער צייט פון קאמפף, ווען עס ליעגט אין די אינטערעסען פון דעם פראלעטאריאט אויסצונוצען די שטאאטס־מאשין און מיט איהר הילף דערנעהנטערן די סאציאלע רעוואלוציע. ער איז געווען א געגנער פון דעם אנארכיזם אויך פאר דער ווייטער צוקונפט, — אבער בשום אופן ניט דערפאר, וואס דער אנארכיזם שאפט אב דעם שטאאט און דאס געזעץ, דעם פיזישען צוואנג, וואס איין טייל מענשען ווענדט אן אויף דעם אנדער טייל. אין דעם פונקט איז קארל מארקס געווען פונקט אזא אנארכיסט, ווי א קראפאטקין. דער מארקסיזם געהט זיך פאנאנדער מיט דעם אנארכיזם (א חוץ פאר דער איצטיגער צייט) נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער אנארכיזם קעמפפט אנטקעגען א גרויסער, צענטראליזירטער עקאנאמישער באלעבאטישקייט, פאר וועלכער מארקס שטעלט זיך איין. אבער אויך דעם צענטראליזירטען ניגאנטישען מענשהייטס־קאמוניזם, ווי קארל מארקס זעהט איהם פאראויס,

קאָן מען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען אָהן אַ ברעקעל שטאַאַט, אָהן אַ ברעקעל פיזישען צוואַנג און שטראָף, ריין דורך פרייוויליגע אַבמאַכען, ווי יענע פרייוויליגע אַבמאַכען פון פאָלק צו פאָלק, וואָס הערשען איצטער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען לעבען. איבער זיי איז ערגעץ ניטאָ קיין אויבערהאַר און קיינער האַלט ניט אויף זיי קיין בייטש אין דער האַנד. און אין דער אמת'ען האָט קאַרל מאַרקס טאַקע אַזוי געקוקט אויף דער צוקונפט. דער שטאַאַט, ד. ה. די פיזישע מאַכט פון איין מענשען איבער דעם אַנדערן, איז פאַר איהם געווען אַ היסטאָרישער פראָדוקט, ארויסגעוואַקסען פון פריוואַט־אייגענטהום און קלאַסען־קאַמפף, אַ שווערד־מיטעל פון די הערשענדע קלאַסען אַנטגעגען די בעהערשטע. אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס קאָנען ניט זיין קיין הערשענדע און בעהערשטע קלאַסען, קאָן, לויט מאַרקס, אויך ניט זיין קיין שטאַאַט און קיין „געזעץ".

דאַרף מען נאָך זיך לאַנג אָבשטעלען אויף דער דריטער זייל פון דעם געזעלשאַפטליכען געביי, אויף דער קירכע און דער רעליגיאָן? בנוגע צו מאַרקס, דעם מאַטעריאַליסטישען אַטעאיסט, און צו ניעטצשע, דעם „אַנטי־קריסט", זיינען דאָ איבעריג אַלע פירושים. אָבער אַפילו דער „פרומער", „קריסטליכער" טאָלסטאָי, פאַר וועמען די רעליגיאָן איז דאָס העכסטע אין דער וועלט, איז געווען אַקוראַט אַזאַ פערביטערטער געגנער פון יעדער קירכע, יעדען הערשענדען, ארויפגעצוואונגענעם גלויבען, ווי יענע צוויי וועלט־בעריהמטע „אַפיקורסים". טאָלסטאָי ווייס נאָר פון איין־איינציגען מקור פאַר דער אמת'ער רעליגיע: דאָס אייגענע רעליגיעזע בעוואוסטזיין פון יעדען יחיד. אַ רעליגיע, וואָס זאָל אַנטפּלעקען פאַר וועמען עס איז וועלכע עס איז „אני מאמין'ס", וואָס יענער מוז אָננעהמען, אַפילו ווען ער גלויבט ניט אין זיי, אָדער וואָס ער נעהמט אָן, ווייל ער פערשטעהט אַליין ניט, אין וואָס אַזוינס ער מוז דאָ גלויבען, — אַזאַ רעליגיע איז דער ריינער היפּוך פון דעם, וואָס זי דאַרף זיין. און אַ גלויבען, וואָס וויל זיך אריינמישען אין דעם אַנדערן'ס לעבען און צווינגען וועמען עס איז צו טהאָן, וואָס איהם געפעלט ניט, איז שוין ניט קיין גלויבען, נאָר אַ שטאַאַט, אַ שטיק מיוועלשע מאַכט, צוגעדעקט מיט דעם

מאַנטעל פון אַ געטליכען געבאָט. אראָבצורייסען דעם געטליכען מאַנטעל פון אַלע עקזיסטירענדע קירכען, קלאָהר בעווייזען פאַר דער וועלט די שטיק טייוועלשע מאַכט, וואָס שטעקט אין זיי, איז געוועזען איינע פון די ליעבלינגס־טהעמען, וועלכע טאָלסטאָי האָט אַזוי אָפט און ערנסט בעאַרבייט.

מיר בלייבט נאָך צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם פער־שען יסוד פון דעם איצטיגען לעבען, דעם פאַמיליען־פּרינציפּ, — דעם קדשי־קדשים פון דער איצטיגער באַלעבאַטישער וועלט. דער פאַמיליען־פּרינציפּ איז נים נאָר אַ רעגעל, אויפגעשטעלט פון דעם שטאַאַט און געהייליגט פון דער הערשענדער רעליגיאָן, וואָס בע־שטימט, ווער עס מעג מיט וועמען הנאה האָבען אין דעם סעקסועלען לעבען; ניט נאָר אַ קאָנטראַקט צווישען מאַן און פרוי, אַז זיי מו־ען סעקסועל געהערען איינער צו דעם אנדערן. עס איז דערצו נאָך אַ סאָציאַל־עטישער אידעאַל, וואָס פערלאַנגט אַז דאָס בעסטע שטרעבען פון דעם מענשען, אַלע זיינע כחות זאָלען אין ערשטער ליניע זיין אָנגעווענדט אויף דעם גליק פון זיין „פאַמיליע“. קודם כל איך, מיין „צווייטע העלפט“ און מיינע קינדערלעך; דערנאָך די גאַנצע משפחה פון מיינע קרובים און דערנאָך — מיין פאָטער־לאַנד און ערשט נאָר־נאָר צום סוף די גאַנצע איבעריגע מענשהייט.

פון אָט דעם פאַמיליען־פּרינציפּ אין זיינע ביידע בעדיי־טונגען, סיי ווי אַ רעגעל, וואָס בעשטימט דעם סעקסועלען לעבען פון מאַן און פרוי, סיי ווי אַן אידעאַל, וואָס דאַרף זיין דער צענטער פון דעם מענשענס דאגות, — האָבען זיך גלייך שאַרף אָבגעזאָגט אַלע אונזערע דריי ראַדיקאַלע דענקער. מ אַ ר ק ס האָט, לויט זיין שטיינער, אויפגעוויעזען אויף די געשיכטליכע אורזאַכען, וואָס האָבען די פאַמיליע ארויסגערופען אין לעבען, און אויף די עקאָ־נאָמישע צושטענדען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס גראָבען אונטער איהרע וואָרצלען אין דער איצטיגער צייט און מאַכען, אַז זי זאָל אין דער צוקונפט אין גאַנצען פערדאַרען. נ י ע ט צ ש ע האָט אין איהר געזעהן די קווינט־עסענץ פון דער טומאה, דעם קאָנצענטרירטען גיפט פון דעם פ י ל י ס ט ע ר־לעבען, וואָס פערהויקערט דעם מענשליכען גייסט און פערשפּאַרט איהם אין אַ הינער־שטייג. און אפילו ט אָ ל ס ט אָ י, דער פרומער,

און גוטער, און הייליגער טאָלסטאָי, האָט אויך ניט געפונען קיין איין גוט וואָרט פאַר איהר. און ווי, אין דער אמת'ן, וואָלט אַ טאָלסטאָי געקאָנט ווערען איהר פערטהיידיגער און בעשיצער? ווי אַסקעטיש טאָלסטאָי זאָל ניט זיין געזאָנען, ווי וועניג ער זאָל ניט האַלטען פון דעם גוף'ס תאוה, ווי זעהר איהם וואָלט זיך געוואָלט, אַז יעדער מענש זאָל זיין גאַנצען לעבען אָבלעבען „אָהן זינד", האָט ער גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע: פון דער פּשוט'ער ערדישער ליעבע קאָן מען ניט פּטור ווערען, און דאָרטען, וואו זי איז דאָ, דאָרטען, וואו דער מענש האָט שוין אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות אין דעם קאַמפּף מיט דעם גוף, און פיהלט אַז ער מוז ליעבען, — דאָרטען נויטיגט זיך ניט די ליעבע אין דער הסכמה פון דעם פּאָליציימייסטער און אין דער ברכה פון דעם גלח: דאָרטען איז זי אַבסאָלוט פּריי און קיין געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע האָט קיין רעכט ניט צו שטעלען זיך איהר אַנטקעגען. די ליעבע איז אַ פּריוואַטע, אינטימע אַנגעלעגענהייט פון די וואָס ליעבען, זייער אייגענער געוויסען דאַרף בעשטימען זייער לעבען און קיין מאַכט פון דרויסען טאָר זיך ניט אריינמישען אין דעם. טאָלסטאָי איז אויך געווען הימעל־ווייט פון דעם געדאַנק, אַז „מיינע אייגענע", „מיין משפּחה" האָט מעהר רעכט אויף מיין ליעבע און זאָרג, איידער אַ „ווילד פרעמדער". אין דעם „מלכות־שמים" אויף דער וועלט, וועלכע טאָלסטאָי האָט געפּרעדיגט אין זיינע שריפטען, איז ניטאָ קיין נפקא מיניה צווישען אייגענע און פרעמדע: אַלע מענשען, אָהן אַ אויסנאַהם, זענען אייגענע, אַלע זענען זיי „גאָט'ס קינדער", אַלע — ברידער און שוועסטער.

עס פערשטעהט זיך, אַז אויך אין דעם פּונקט פון נאַציאָנאַליזם און פּאַטערלאַנד־ליעבע זענען אַלע דריי דענקער געגאַנגען האַנד אין האַנד און האָבען דורכאויס אָבגעלייקענט, אַז איין פאָלק אָדער איין לאַנד זאָל ביי וועמען עס איז זיין מעהר מיוחס פאַר אַן אַנדער פאָלק, אָדער פאַר אַן אַנדער לאַנד. טאָלסטאָי און ניעטצשע זענען געווען ראַדיקאַלע קאָסמאָפּאָליטען, וואָס האָבען איבערהויפּט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט וועלכע עס איז פעלקער־אונטערשיידען. מאַרקס איז כל ימיו געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס האָט איינגעזעהן, אַז יעדער פאָלק וויל

פיהרען אַן אייגענעם קולטורעלען לעבען אויף זיין אייגענעם שטיי־נער און אַז ער האָט גאַנץ געוויס אַ רעכט דערצו; אָבער אויך מאַרקס האָט אין דערזעלביגער צייט פערלאַנגט, עס זאָל אָבגע־שאַפט ווערען יעדע הערשאַפט פון איין פאָלק איבער דעם אַנדערן, און אַז אַלע פעלקער זאָלען סאָלידאַריש לעבען ווי ברידער אין דער איין־איינציגער משפחה פון דער מענשהייט.

עס איז ניט מיין היינטיגע אויפגאַבע קריטיש אָבצושטעלען זיך אויף די געדאַנקען פון טאָלסטאָי, ניעטצשע און מאַרקס און אויספאָרשען, אויף וויפיעל זיי זענען גערעכט אין זייער ראַדיקאַ־לער קריטיק פון אַלע יענע יסודות, אויף וועלכע עס רוהט דאָס מאָדערנע לעבען. איך וויל נאָר בעמערקען, אַז איך בין ניט אין גאַנצען איינשטימיג מיט זיי, דער עיקר אין די פראַגען פון איי־גענטהום, פאַמיליע און געזעץ. מיר דוכט, אַז דאָ וועט דער ראַ־דיקאַלער געדאַנק פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט מוזען אַריינברענגען גאַנץ וויכטיגע קאָררעקטורען, אויף דעם זעלביגען שטייגער, אויף וועלכען קאַרל מאַרקס האָט, נאָך מיין מיינונג, אויסגעבעסערט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, דורך דעם, וואָס ער האָט איהם פערוואַנדעלט אין דעם אינטערנאַציאָנאַליזם. דער אינטער־נאַציאָנאַליזם „שאַפט ניט אָב“ קיין פעלקער, ווי דאָס וויל דער קאָסמאָפּאָליטיזם; ער וויל זיי פערברידערן. עס קאָן זיין, אַז אויך איינענטהום, פאַמיליע און געזעץ, אָדער שטאַאַט, קאָנען מיט דעם זעלביגען רעכט פערוואַנדעלט ווערען אין אַנדערע העכערע פּרינציפּען, וואָס פערטיליגען אָבער ניט דעם עצם פון זייער זיין. אָבער, ווי געזאָגט, עס איז ניט איצטער די צייט צו פערנעהמען זיך מיט דער קריטיק פון דעם אַלטען ראַדיקאַלען געדאַנק. מיין אויפגאַבע איז געווען צו בעווייזען אייך, אין וואָס עס איז בע־שטאַנען דער ראַדיקאַלער יושר פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין די געדאַנקען פון זיינע דריי בעסטע פערטרעטער.

דער פערגלייך צווישען די דריי דענקער איז אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי בעלעהרענד, אַז איך וועל מיר נעהמען די פרייהייט אָנצו־פיהרען נאָך אייניגע פּונקטען, ווען אַפילו איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מען קאָן קיין מאָל ניט אויסשעפּען דעם גאַנצען ענין.

מיר זענען בעקאַנט געוואָרען מיט דעם וויכטיגסטען פונקט „וועגען דאָס העכסטע גוט פאַר דעם מענשען“, אין וועלכען זיי אַלע דריי געהען זיך פאַנאַנדער. מיר האָבען אויך אָנגעפיהרט אַ סך זעהר וויכטיגע פונקטען, אין וועלכע זיי געהען זיך אַלע דריי צונויף. איך וויל דאָ איצטער אָנריהרען פון אויבען־אויף איינינע טעאָרעטישע פראַגען, אין וועלכע צוויי פון אונזערע דענקער קעמפּפען האַנד אין האַנד אַנטקעגען דעם דריטען: טאָלסטאָי און ניעטצשע האַנד אין האַנד אַנטקעגען מאַרקס'ען; ניעטצשע און מאַרקס גרעאַנקליך פערבונדען אַנטקעגען טאָלסטאָי; מאַרקס און טאָלסטאָי סאָלידאַרישׁ אַנטקעגען ניעטצשע.

טאָלסטאָי און ניעטצשע זענעןביידע מ י ס ט י ק ע ר. ביידע גלויבען אין „מבשרי אחזה אלוה“: דורך מיין לייב דערקען איך די גאָטהייט. אין זיין אייגענער נשמה געפינט טאָלסטאָי די ליעבע צו דער מענשהייט און אין זיין געדאַנק ווערט די ליעבע פערוואַנדעלט אין אַ ניצוץ, אַ פונק פון דעם געטליכען שכל, וואָס הערשט אין דער גאַנצער וועלט און וואָס ברענגט זיך אַליין ארויס אין ליעבע און ליידען, אין דער פרייד פון מסירת נפש. ניעטצשע געפינט אין זיין אייגענער נשמה אַ שטרעבען צו הויכע אונענדליכע הימלען, אַ ליידענשאַפטליכען האס צו אַלץ וואס איז געמיין, וואַכעדיג, שלעפעריג און פערטהאָן אין דער זוהמא פון דעם טאָג־טעגליכען זיין. און אויפ'ן שטעל ווערט פאַר איהם זיין נשמה, זיין „זעלבסט“, אַן אויסגוס פון יענער וועלט־קראַפט, וואָס בעהערשט די גאַנצע וועלט־ענטוויקלונג, דאָס שטרעבען פון דער נאַטור צו אַלץ העכערע, רייגערע און מעכטיגערע פאָרמען פון לעבען, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען דעם „ווילען צו מאַכט“. קאַרל מאַרקס איז פריי פון דעם דאָזיגען נאַטור־פילאָסאָפישען מיסטיציזם. אַ מאַטעריאַליסט פון גאָר־גאָר דער אַלטער שוהל, גלויבט ער אין דער טויטקייט פון דער נאַטור. זי האָט ניט קיין „נשמות“, קיין שכל'ס און קיין ווילענס, און עס איז ניטאָ אויף איהר קיין גייסטיגער איבערהאַרד. אַלע גייסטיגע ערשיינונגען זיינען אין מאַרקס' אויגען ניט מעהר ווי אַ צ ו ש ט אַ נ ד אין דער אייביגער טויטער מאַטעריע און געפינען זיך נאָר אין לעבעדיגע מאַרך און נערוועז. מיט דעם טויט פון דעם אָרגאַניזם, צו וועלכען עס האָבען געהערט דער

מארך און די נערוועז, צורינגען אויף יענע נשמות, שכל'ס און ווילענס און פערשווינדען אויף אייביג.

אין די מאראלישע פראגען, אין דעם גרויסען פראבלעם וועגען דאס העכסטע גוט, זענען טאלסטאי און ניעטצשע — ר א צ י א נ א ל י ס ט ע ן, וואס פערלאזען זיך אויף דעם אייגענעם שכל און גלויבען אין זיין מאכט ארויסצובריינגען דעם „אבסאלוטען" אמת. און ווי זאל מען נים גלויבען אין איהם? ער איז דאך א „חלק אלוה ממעל", א טייל פון דער גייסטיגער וועלט־סובסטאנץ גופא. זאל ער אין דעם מענשען נים וויסען, וואס ער וויל און טהוט אין דער נאטור? עס איז דעריבער קלאהר אהן א סום ספק, אז גאט ו ו י ל די ליעבע צו דער מענשהייט, וויל די מסירת נפש צוליעב איהר און אז דאס איז דאס העכסטע גוט, — זאגט טאלסטאי. עס איז דעריבער קלאהר אהן א שום ספק, אז די גאטהייט, אדער די וועלט־סובסטאנץ, האט אין דער אדמה די גאנצע מענשהייט, ווייל זי טראכט שוין איצט וועגען אן „איבער־מענשהייט", — זאגט ניעטצשע. — מארקס איז אין דער מאראל־פילאסאפיע, ווי אין אלע פראגען, וואס האבען צו טהאן מיט מענשליכע אבשעצונגען און מענשליכע הסכמות, נים קיין ראציאנאליסט, נאר א ר ע ל א ט י ו ו י ס ט. נימא פאר מארקס'ען קיין אבסאלוטע אמת'ן אויף דעם פעלד פון מאראל. לויט די אומשטענדען בייטען זיי זיך ביי דעם מענשען. דער „גייסט" פון דער געזעלשאפט, איהר בעוואוסט־זיין, שפיעגעלט נאר אב די „מאטעריע" פון דער געזעלשאפט, איהר עקאנאמישען „זיין".

טאלסטאי און ניעטצשע זיינען געווען א נ א ר כ י ס ט ע ן אין דעם זין, וואס פאר זיי איז דער איינצעל־מענש, דער אינדיווי־דואום, געווען דער צענטער פון דעם זיין. איהם האבען זיי אין אויג, צו איהם ווענדען זיי זיך מיט זייער פרעדיגט, אויף איהם בויען זיי זייערע האפענונגען. — מארקס איז א סאציאליסט. דער איינצעלנער איז פאר איהם נים מעהר, ווי א ט י י ל, א צ ע ל פון דעם געזעלשאפטליכען ארגאניזם. אין דעם לעבען פון דער ג ע ז ע ל ש א פ ט פערטיעפט זיך מארקס, איהרע געזעצען פארשט ער אויס, אין איהר ענטוויקלונג איז ער פעראינטערעסירט, און זיי־נע האפענונגען בוים ער אויף א י ה ר ע אינוועניגסטע פראצעסען.

אָבער אין איינינע פונקטען פערלאָזט ניעטצשע טאָלסטאָי'ען און פעראייניגט זיך מיט זיין פריהערדיגען געגנער, מאַרקס, צו בעקעמפפען דעם פריהערדיגען חבר. איך שמועס שוין ניט וועגען דעם, וואָס זיי ביידע, ניעטצשע און מאַרקס, מוזען אָננעהמען אַ „פולען מויל געלעכטער", ווי דער העברעער וואָלט געזאָגט, ווי נאָר טאָלסטאָי הויבט אָן רעדען צו זיי וועגען קריסטליכע ליעבע און קריסטליכע גערעכטיגקייט. האָט ווען עס איז וואו עס איז די דאָזיגע „ליעבע" און „גערעכטיגקייט", אפילו ווען זי האָט געוואָלט זיין ערנסט, געקאָנט אַ קאַץ אָן עק פערבינדען?! איך רעד אויך ניט דערפון, וואָס ניעטצשע און מאַרקס קאָנען בשום אופן ניט צושטימען צו טאָלסטאָי אין זיין גלויבען אין דעם „פרייען ווילען", אין זיין בעטראַכטען דעם מענשען ווי אַ זעלבסטשטענדיגע בריאה, וואָס קאָן צו יעדער צייט — ער דאַרף נאָר וועלען! — בעהערשען און רעגעלן זיין לעבען פון זיך אַליין, — ניעטצשע און מאַרקס האָבען צו שטאַרק געגלויבט אין דער אייזערנער מאַכט פון דער נאַטירליכער ענטוויקעלונג, זיי זאָלען קאָנען צולאָזען אַזאַ'ן אויסנאַהם פון דעם כלל פאַר דעם מענשען. איך האָב דאָ אין זין, אָן אַנדער פונקט, נאָך אַ וויכטיגערען, אין וועלכען ניעטצשע און מאַרקס געהען אין איינעם להיפך צו טאָלסטאָי. דאָס איז די פראַגע וועגען **גליקזעליגקייט**, דעם צענטראַל-פונקט, אַרום וועלכען עס דרעהען זיך אַלע געדאַנקען טאָלסטאָי'ס.

טאָלסטאָי גלויבט אין גליקזעליגקייט, אין דער מעגליכקייט פון גליק און פרייד פאַר דעם מענשען און ער זוכט אויסצוגעפינען, ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען דאָס איז מעגליך פאַר איהם. ניעטצשע לייקענט לגמרי די מעגליכקייט און די **ווינשבאַרקייט** פון גליק פאַר דעם מענשען. ער מיינט אַז די גאַנצע מעשה פון „גליק" איז אָן אויסגעטראַכטע און אַ נאַרישע. דאָס האָט זי דער פרא אדם, דער „פיליסטער", אויסגעטראַכט און האָט דערביי, זאָגט ער, געפינטעלט מיט די אויגען...

צו וועמען פון זיי וואָלט צוגעשטאַנען מאַרקס? אַ סך מיינען — און ניעטצשע אַליין וואָלט געזאָגט: „גאַנץ געווים צו טאָלסטאָי". איז דען מאַרקס ניט קיין סאָציאַליסט? און וויל דען ניט דער סאָציאַליזם „בעגליקען" די מענשהייט? דער דאָזיגער אָבער-

גלויבען, אז מארקס האט געוואלט „בעגליקען" די מענשהייט, איז אזוי ווייט פערשפרייט, אז מיר האבען איהם געפונען אפילו ביי אזא חשוב'ען מארקסיסט, ווי דער רוסישער ב ע ל ט א ו ו, וואס האט אין דעם נאמען פון דעם מארקסיזם אבסאלוט דערקלערט, אז זיין מאראלישער פרינציפ איז דער זעלביגער, וואס הערשט ביי אלע אוטיליטאריער, און אז אויך דאס לעצטע ענדציעל פון דעם סאציאליזם דארף אריינגעבראכט ווערען אין דעם אוטיליטארישען גרונדזאץ: „דאס העכסט־מעגליכע גליק פאר דער גרעסט־מעגליכער צאהל". דאס בעווייזט אבער, ווי וועניג אפילו זעהר חשוב'ע מארקסיסטען זיינען אריינגעדרונגען אין די טיעפעניסען פון זייער איינענער תורה. מארקס האט ניט געקאנט האלטען פון דעם אוטיליטארישען גליקזעליגקייטס־פרינציפ, — גאר פשוט דערפאר, ווייל גליק איז פאר איהם א סוביעקטיווע זאך, וואס יעדער איינער פערשטעהט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואס איז אפשר קיינמאל אויף דער וועלט ניט געווען און וועט אפשר קיינמאל אויף דער וועלט ניט זיין. די ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ווען מען בעטראכט זי אין דעם ליכט, אין וועלכען מארקס האט זי אוועקגעשטעלט, שטרעבט ניט צו דעם גליק פון די איינצעלנע, נאר צו עפעס אן אנדער זאך, — אויב איהר ווילט, — עפעס א גרעסערע זאך: צו דער מ א כ ט פון דער מענשליכער געזעלשאפט איבער דער נאטור דורך די ענטוויקלונג פון איהרע פראדוקטיוו־קרעפט. ד א ס איז דער גרונד־געדאנק פון מארקס'ען, דער צענטראל־פונקט פון זיין געשיכטס־פילאזאפיע. און ווי טיעף האט מארקס געשעצט די גרויסע נצחונות פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איבער דער נאטור, ווען אפילו זיי זיינען פערבונדען מיט אונצעהליגע ליידען פון מיליאנען; און ווי ערנסט האט ער גענומען די אונצעהליגע יסורים פון די מיליאנען, וויסענדיג אז די דאזיגע יסורים זענען א נויטווענדיגער מאמענט, א רעוואלוציאנערער מאמענט: זיי פיהרען צו א נייער געזעלשאפטליכער פארם, וואס וועט נאך שטארקער מאכען די מאכט פון דער געזעלשאפט איבער דער נאטור.... אויב איהר ווילט שטעקט דא א שטיק „סאציאלער ניעטצשעאניזם" אין דעם דאזיגען געדאנק, — די פאעזיע און דער פאפאס פון „וועלען צו מאכט!", — און מיט וואס פאר א פעראכ־

מונג האָט געקוקט קאַרל מאַרקס אויף דער אוטיליטאַרישער טעאָ־ריע פון דעם „העכסט־מעגליכען גליק" און אויף איהר גייסטיגען פאַטער, דעם ענגלענדער ב ע נ ט ה א ם. „וואָלט איך געהאַט דעם קוראַזש פון מיין פריינד היינריך היינע", זאָגט ער ערגעץ־וואו אינ'ם „קאַפּיטאַל", „וואָלט איך איהם אָנרופען: אַ גאון אין טפשות".... זיין, דער גליקזעליגקייטס־אידעאַל איז פאַר זיי געווען צו קליין, אי פאַר ניעטצשע'ן, אי פאַר מאַרקס'ען.

דערפאַר זיינען דאָ איינינע פונקטען, וואו מאַרקס און טאָל־סטאָי נעהען זיך צונויף אין זייער נעמיינזאַמען קאַמפּף אַנטקעגען ניעטצשע'ן. איך וועל דאָ ברענגען נאָר איינעם, וואָס איז אָבער זעהר וויכטיג פאַר זייער ביידענס כאַראַקטעריסטיק. ביידע,סאי מאַרקס, סאי טאָלסטאָי, קאָנען אויף ניעטצשע'ס „אויבער־מענשען" ניט קוקען אַנדערש, ווי אויף אַ ווייסטע פאַנטאַזיע, אויסגעטראַכט פון אַ קראַנקען מוח. אַן „אויבער־מענש", וואָס רייסט זיך אין גאַנצען אָב פון די מאַסען, וואָס שטעלט זיך אַוועק ווי אַ היפּך צו זיי, וואָס וויל אפילו גאָר ניט ווירקען אויף זיי און אויפהויבען זיי צו זיך, איז פשוט אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, וועמעס בעשטרעבונגען עס זיינען לכתחילה פער'משפט צו פערזינקען אין תהו־ובהו. די מענשליכע געשיכטע און די מענשליכע ענטוויקעלונג ווערט געמאַכט ניט פון די „העלדען", נאָר פון די גרויסע מאַסען. וואָס פאַר אַ געזעצען עס זאָלען ניט שטעהן הינטער די מאַסען, ווי מען זאָל ניט קוקען אויף יענער מאַכט, וואָס טרייבט זיי אַלץ פאָראויס און פאָראויס, אָבער אין ז י י און נאָר אין זיי ווערט פערווירקליכט דער מענשליכער פּראָגרעס. זיי זענען די אמת'ע טרעגער פון דער מענשליכער געשיכטע. ז י י ע ר שכל און ז י י ע ר יושר ווערט דורכגע־פיהרט אין לעבען. די גלענצענדע מעשים פון דעם „העלד", וואָס ווערען אַזוי אָפט בעזונגען פון דעם היסטאָריקער, זענען, ווען מען קוקט זיך צו נעהנטער צו זיי, ניט קיין פּראָדוקט פון „זיין" ווילען און „זיין" שכל, נאָר פון יענער העכערער מאַכט, וואָס בעהערשט דאָס מענשליכע לעבען און וואָס טרעט בולט ארויס אין די בעוועגונגען פון די מאַסען. דער „העלד", וואָס איז פאַר ניעטצשע'ן דער צ י ע ל פון דער געשיכטע, איז ניט קיין זעלבסט־ציעל, נאָר אין בעסטען פאַל — ניט מעהר ווי אַ געצייג אין איהרע הענד. עס

פיהרט ניט, ער ווערט געשטופּט. דאָס איז דער הויפּט „אַני־מאַמין“ פון מארקס'עס געשיכטס־פילאָסאָפיע, דאָס איז אויך דער גרונד־געדאַנק פון טאָלסטאָי'ס ראָמאַן „קריעג און פריעדען“...

אָבער — גענוג פערגלייכען. איך האָף, אז די וועניגע פונקטען, וואָס איך האָב אייך געבראַכט, — א קליינינקער טייל פון דעם, וואָס מען האָט געקאָנט צונויפשטעלען, — גיעבען אייך א מעהר אָדער וועניגער קלאָהרען בילד, ווי אזוי די וויכטיגסטע שטרעמונגען פון דעם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט, — די טעאָרעטישע און די פּראַקטישע, — האָבען זיך אָבגעשפּיעגעלט אין די מוחות פון טאָלסטאָי, ניעטצשע און מארקס, וואָס עס האָט זיי צונויפגעפיהרט אין איינעם, און אין וואָס זיי זענען פיינדליך איינער צום אנדערן.

איצטער קאָנען מיר אוועקשטעלען די שאלה וועגען דעם ווערטה פון דער גייסטיגער ירושה, וואָס דאָס נייענצעהנטע יאָהרהונדערט לאָזט אונז איבער אין דער פאָרם פון זייערע סיסטעמען, — דעם ווערטה, דער עיקר פאַר יענעם גרונד־פּראָבלעם, וועלכען מיר האָבען די גאַנצע צייט געהאַט פאַר אונזערע אויגען, דעם פּראָבלעם פון דעם „העכסטען גוט“. וואָס דאַרף דער מענש טהאָן? וואָס איז דאָס העכסטע גוט, צו וועלכען ער זאָל שטרעבען? איז דאָס באמת א „מוז“, אז דער „יושר“ זאָל זיך פאַנאַנדערגעהן אין אזעלכע דריי פיינדליכע ריכטונגען, ווי דער אַבסאָלוטער „אַלטרואיזם“ פון טאָלסטאָי, דער אַבסאָלוטער עגאָיזם פון ניעטצשע און דער סאָציאַליזם פון קאַרל מארקס? זיינען זיי, די דריי ריכטונגען, ווירקליך פיינדליך איינע צו דער אַנדערער?

אָבער איידער איך וועל פּראָבירען פערענטפערען די פראַגע, וויל איך אייך דערמאָנען א קלייניגקייט אויס דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם געדאַנק.

נאָך אין דעם סוף פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, כמעט נאָר אויפ'ן שוועל פון דעם נייענצעהנטען, האָט איינער א דייטשער געלערענטער פּראָפעסאָר איינגעטיילט אַלע מענשליכע אידעאַלען אין דריי גרויסע גרופּען: די ליעבע צו אמת, די ליעבע צו יושר (צום „גוטס“), די ליעבע צו שעהנקייט, און שוין יענער פּראָפעסאָר האָט

פערשטאַנען, אַז זיי אַלע דריי דאַרפען ווערען פעראייניגט אין איינעם. „דאַס וואַהרע, גוטע אונד שעהנע" — איז געוואָרען אַ פאָרמעל, וועלכע יעדער געבילדעטער אינ׳ם אָנהויב פונ׳ם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט האָט פון מויל ניט ארויסגעלאָזען און האָט ניט אויפגעהערט איבערצוקייען ביז צו חלשות. שפּעטער אין די ראַדיקאַלע צייטען, — אפשר אַ דאַנק שטירנער׳ן, — האָט מען קיבש געמאַכט חוזק פון דער דאָזיגער פאָרמעל, און אויך אין אונזערע לעצטע צייטען האָט מען זיך נענוג געוויטצעלט וועגען „דאַס וואַהרע, גוטע און שעהנע!" און קיין חדוש ניט, וואָס יעדער רעוואָלוציאָנערער פעריאָד וויטצעלט זיך איבער דער פאָרמעל. אין אַ צייט, ווען פון דעם הערשענדען אמת איז שוין לאַנג געוואָרען אַ הימעל־שרייענדער שקר, און ער, דער שקר, שרייבט זיך נאָך אַלץ אונטער מיט דעם אַלטען נאָמען „אמת" און ווערט אַ ברעקעל ניט רוים פון דעם דאָזיגען ליגען; אין אַ צייט, ווען די הערשענדע אונגערעכטיגקייט געהט מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ, און די פּאָליציי טרייבט פאַנאַנדער דעם עולם און שרייט: „מאַכט אַ וואָרע! דער יושר געהט!"; אין אַ צייט, ווען אַן אַלטע מומיע, ביי וועמען דער מויל איז שוין אפשר פול מיט ווערים, ווערט צונעפּוצט מיט פּודרע און פאַרב און עס ווערט פערלאַנגט, מען זאָל זיך פאַר איהר בוקען, פאַר דער אייביגער שעהנקייט, — אין אַזאַ צייט, זאָג איך, איז באמת ניט גרינג צו נעהמען אין מויל די פאָרמעל: „דאַס וואַהרע, שעהנע אונד גוטע" און דערביי ניט געטרייצט ווערען צו העפטיגע לאָך ספּאַזמען.

אָבער — וואָס קאָן מען זיך העלפען? דער אַלטער דייטשער פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע איז פאָרט געווען גערעכט. ווי עס זאָל זיך ניט בייטען דער א י נ ה א ל ט פון דעם אמת, דעם יושר, דער שעהנקייט, עס זענען פאָרט דאָ א י י נ י ג ע אמת׳ן, א י י נ י ג ע געדאַנקען וועגען יושר און נאָר אַ סך פּראָדוקטען פון שעהנקייט, וואָס זענען נאָך עד היום אַזוי יונג און פריש, ווי אין דער צייט ווען זיי האָבען דערבליקט די ליכטיגע שיין פון דער וועלט. און ווי די אַנדערע אמת׳ן, יושר׳ס און שעהנקייטען זאָלען זיך ניט בייטען מיט יעדען דור, — וועלען אַלע אינזערע אידעאַלען זיך אַלע מאָל אַליין איינטיילען אין דער אויבען־דערמאָנטער

א י י ב י נ ע ר פאַרמעל: „דאָס וואהרע, שעהנע אונד גוטע", וואָס מיר ווילען איבערזעצען אין אידיש: „אמת, יושר און חן".

דאָס רוב מענשען יאָגען זיך אָבער ניט מעהר ווי נאָך א י י ן טייל פון דעם פאָרמעל, בעת מיר זאָלען, ווי גאַנצע מענשען, זיך יאָגען נאָך אַלע דריי.

מיר „זאָלען!" אָבער, הפנים, ניט לייכט איז דאָס דורכצוּ־פיהרען אין לעבען. זעלטען ווען אַ דענקער פעראייניגט אין זיין סיסטעם אַלע דריי זייטען פון דעם מענשליכען אידעאַל, מיט גלייכע רעכטען און אין גלייכע פראָפּאָרציאָנען. צו אָפט ווערט דאָס גלייכ־געוויכט פון אַ סיסטעם געשטערט צוליעב איין ש ל י ש פון אונזער איינהייטליכען אידעאַל, בעת די אַנדערע צוויי דריטעל ווערען אין גאַנצען אָדער כמעט אין גאַנצען פערוואָרפען אין אַ ווינקעל.

אויך די דריי דענקער, מיט וועלכע מיר אינטערעסירען זיך היינט, מאַכען ליידער ניט קיין אויסנאַהם פון דעם דאָזיגען, גאָר ניט אַזוי יום־טוב'דיגען פאַל.

עס איז ניט שווער צו טרעפען, אַז ביי מאַרקס'ען, דעם אָביעקטיווען, וויסענשאַפטליכען פאָרשער, דעם אָנהענגער פון שפּינאָזאָ'ס „ניט לאַכען, ניט וויינען, נאָר פ ע ר ש ט ע ה ן", ליעגט, נאַטירליך, דער שווער־פונקט פון דעם גאַנצען דענקען אין דעם אידעאַל פון אמת. „לאָמיר אויספאָרשען דעם געשיכטליכען ענט־וויקעלונגס־גאַנג ווי ער איז; לאָמיר איהם קוקען גלייך אויג אין אויג, דאָס איז די הויפּטזאַך! דער „יושר", די „שעהנקייט" און אַלע אַנדערע אידעאַלאָגיען זענען ניט מעהר ווי שאָטענס פון דעם נאַ־טירליכען גאַנג און מיט זיי מעג מען זיך וועניגער — אָדער אפשר גאָר ניט אינטערעסירען."

פאַר טאָלסטאָי, וויעדער, איז דער צענטער פון זיין נשמה דער „יושר", „דאָס גוטע". אמת און שעהנקייט, וויסענשאַפט און קונסט, האָבען אפשר גאָר קיין ווערטה ניט, אָדער נאָר אויף אַזוי פיעל ווערטה, אויף וויפיעל זיי העלפען דעם יושר, מיינט טאָלסטאָי.

און ניעטצשע'ס נשמה איז אין גאַנצען איינגעזונקען אין דעם אידעאַל פון ש ע ה נ ק י י ט. זאָל נאָר די אייגענע נשמה זיין שעהן אין איהר מאַכט און דער טיעפקייט פון איהר לעבען און ליידען; זאָל נאָר די שעהנע טראַגיק פון דעם העלד'ס לעבען און

קאַמפּף בענעהמען דאָס אויג, — און אַ כפּרה דער אמת: „ניכטס איסט וואהר!“ אַ כפּרה דער יושר: „אללעס איסט ערלאובט!“

שוין אָט דער פאַקט אַליין, וואָס מאַרקס, טאָלסטאָי און ניעטצשע האָבען זיך אונבעוואוסטערהייד איינגעטיילט אין דער ממשלה פון אמת, יושר און חן, איז שוין, דוכט מיר אַ קלאָהרער בעוויז, אַז זיי האָבען דעם איינהייטליכען מענשליכען אידעאַל פאַנאַנדערגעריסען אויף דרייען און אַז נאָר אין דער פעראייניגונג פון זיי דרייען ליעגט דער ריכטיגער וועג צו דעם „העכסטען גוט“. דאָס וועט אונז נאָך קלאָהרער ווערען, ווען מיר וועלען זיך ווענדען צו זייערע אידעאַלען גופא.

איך וועל אויך דאָ אָנהויבען מיט טאָלסטאָי.

טאָלסטאָי'ס געדאַנק, אַז דער עגאָיזם קאָן ניט ברענגען קיין אמת'ן גליק, אַז די זון פון לעבען מוז ווערען פערטונקעלט, ווי נאָר עס בעוויזט זיך איינעם די שווארצע אימה פון טויט; אַז נאָר די גרויסע ליעבע צו די מיטמענשען קאָן אונז רעטען פון יענער אימה און מאַכען פערגעסען אונזער אייגענעם ביטערען סוף, — די אַלע געדאַנקען טאָלסטאָי'ס בעטראַכט איך, ווי אַ גרויסע ו ו י ס ע נ־ ש אַ פ ט ל י כ ע ענטדעקונג, וואָס פערדיענט אין דעם לעבען פון דער מענשליכער נשמה צו שפּיעלען כמעט אַזאַ וויכטיגע ראָליע, וואָס ניוטאָן'ס גראַוויטאַציאָנס־געזעץ שפּיעלט אין דער ערקלעה־רונג פון דער נאַטור. ווען מען נעהמט טאָלסטאָי'ס געדאַנקען אריין אין פלייש און בלוט, ווען מען גראָבט אויף די פונקען פון מענשען־ליעבע ביי זיך אין הארצען און בלאָזט זיי פאַנאַנדער צו אַ פלאַם, איז יעמאָלט קאָן מען ניט נאָר מיט'ן מוח איינזעהן, נאָר מיט'ן געפיהל דערפיהלען, אַז מיין לעבען און דער לעבען פון אַלע אַנדערע מענשען איז אין תוך אריין איידאָו־דערזעלביגער לעבען און אַז מיין פערשווינדען איז אסור אַזאַ וויכטיגע פאַסירונג, מען זאָל זי מוזען אַזוי שטאַרק זיך נעהמען צום הארצען. דאָס איז פאַר מיר קלאָהר ווי דער טאָג. אָבער ארויסדרינגען דערפון, אַז „דעריבער“ זאָל איך לעבען נאָר צוליעב דעם אַנדערן און נאָר ניט צוליעב זיך, איז אַ היבשער שפּרונג, וועלכען מען דאַרף נאָך פריהער גוט־בע־קלעהרען, איידער מען מאַכט איהם.

לאָמיר פּרובען קאָנסעקווענט דורכפיהרען טאָלסטאָי'ס אַל־

טרואיזם אין געדאַנקען: איך לעב ניט צוליעב מיר, איך לעב צוליעב איין. מיין נשמה איז ניט מעהר ווי א שפּיעגעל, וואָס דאַרף אָבשפּיעגלען אייערע ליידען און פריידען. גוט, לאָז זיין אַזוי! איך וויל מיך דעריבער ווענדען צו איינעם פון אייך און רעדען בזה הלשון:

„מיין ליעבער ברודער, דו ווייסט, איך לעב נאָר צוליעב דיר. זאָג, וואָס איז דיין האַרצענס בגעהר? קיין קרבן וועט פאַר מיר ניט זיין שווער צו דערפילען דיין וואונש. זאָג, אפשר ציעהט דיך צו דער וויסענשאַפט און דו האָסט ניט קיין מיטלען צום שטודירען? אפשר ווילסטו ווערען א פּראָפעסאָר? זאָג — איך וועל אַלע מיינע כחות אַנווענדען, ווי א שקלאַף זיך רייסען אויף דער אַרבייט, נאָר דו זאָלסט האָבען וואָס דו דאַרפסט."

וואָס וועט ער מיר ענטפערען? ער וועט זאָגען:

„מיין ליעבער ברודער, פערגעס ניט, איך בין אויך א מענש ווי דו, איך וויל אויך דורכפיהלען דעם העכסטען גליק פון יסורים פאַר דעם אַנדערן. איך — א פּראָפעסאָר? לעב איך דען צוליעב זיך? איך לעב דאָך נאָר צוליעב דיר! זאָג: אפשר ווילסטו ווערען דער פּראָפעסאָר. וועל איך אַנשטרענגען מיינע כחות און אויסגעהן טראָפּענווייז פאַר דיין גליק"....

איהר פערשטעהט שוין די לאַגע? מיין לעבען דאַרף, לויט טאָלסטאָי, זיין אַנגעפילט נאָר מיט זיין לעבען. אָבער זיין לעבען איז ניט מעהר ווי א ליידיגע כלי, וואָס וואַרט, זי זאָל אַנגעפילט ווערען פון מיין לעבען.

איהר האָט געווים ווען עס איז געזעהן אין א צימער צוויי שפּיעגלען, וואָס הענגען פונקט איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן. דער ערשטער שפּיעגעל שפּיעגעלט אָב דעם צווייטען שפּיעגעל, און דער צווייטער שפּיעגעל שפּיעגעלט אָב דעם ערשטען שפּיעגעל און די אָבשפּיעגלונג פון דעם צווייטען שפּיעגעל אין דעם ערשטען שפּיעגעל, וואָס שפּיעגעלט אין זיך אָב די אָבשפּיעגלונג פון דער אָבגעשפּיעגעלטער אָבשפּיעגלונג, וואָס ווערט אָבגעשפּיעגעלט אין א נייער אָבשפּיעגלונג, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, — צוויי אונענדליכע ציילען פון אָבשפּיעגלונגען, וואָס שפּיעגלען אָב — זייער אַלעמענס וויסטקייט!

כדי איך זאָל קאָנען לעבען צוליעב יענעמ'ס לעבען, דאַרף

יענעם'ס לעבען נים נאר זיין א ליידיגע אבשפּיעגלונג פון מיין ליידיגען שפּיעגעל; עס דארף פערמעגען עפּעס, וואס האט א ווערטה אין זיך גופא, נים נאר דעם ווערטה, וואס ער קאן עס אין יסורים של אהבה אפּפערן פאר מיר, — עפּעס אזוינס, צוליעב וואס א י ה ם זאל זיך לוינען צו לעבען פאר זיך אליין, און נים צוליעב מיר. ערשט יעמאלט קאן מיין נשמה אבשפּיעגלען יענעם'ס ווערטה און ברענגען קרבנות צוליעב איהם. אבער איך בין דאך — פון מיין זיים — אויך נים נאר אן „איך". דעם צווייטען בין איך א „דו", צוליעב וועלכען ער זאל זיך קאנען מקריב זיין. ממילא מוז אויך אין מיין לעבען זיין אזוינס, וואס האט א ווערטה נים נאר פאר איהם, נאר פאר מיר אליין, עפּעס אזוינס, צוליעב וואס עס לוינט זיך צו לעבען פאר ז י ך און נים נאר פאר דעם אנדערן. דאס הייסט, עס מוז אין א געוויסער מאס זיין אן עגאיזם, כדי עס זאל איבערהויפּט קאנען געמאלט זיין אן אלטרואיזם.

דער אלטער, אבער אייביג לעבענדער פ י כ ט ע האט אמאל בעשריעבען, ווי אזוי דער „וועלט־איך" מוז דורך די אינ־וועניגסטע לאגיק פון זיין ענטוויקעלונג אוועקשטעלען אין זיך גופא א „נים־איך" אנטקעגען דעם אייגענעם „איך". טאלסטאי'ס מא־ראלישע נשמה פון „נים־איך" מוז, געטריבען דורך דיזעלביגע אינ־וועניגסטע לאגיק, ווידער אוועקשטעלען אין זיך גופא אן „איך", כדי עס זאל מעגליך ווערען א לעבען צוליעב דעם „נים־איך".

אבער וואס פאר אן ארט „איך" זאל דאס זיין?

אויף דער שאלה גיט אונז אן ענטפער נ י ע ט צ ש ע. דאס זאל זיין דיין „ז ע ל ב ס ט", יענער „דבוק" אין דיין נשמה, וואס איז דיר טהייערער פאר דיין לעבען. צוליעב איהם זאל יעדער איי־נער לעבען און קעמפּפען. און העלפען אויך די אנדערע — זאגען מיר איצטער מיט טאלסטאי — אין דעם שווערען קאמפּף צוליעב דעם אייגענעם „זעלבסט". יע! דאס איז נים נאר קיין גרינגער קאמפּף, — דער קאמפּף פאר דעם אייגענעם „זעלבסט". איך וועל נעהמען נאר א פשוט'ען ביישפּיעל, וואס וועט אונז קלאהר מאכען דעם ענין.

אין אן ארעמער צאהל־רייכער פאמיליע, אבער א פרומער און א בכבוד'ער, מיט גאנץ אלטע אנשויאונגען ווענען א חשוב'ען

לעבען, איז דער עלטערער זוהן, דער איינציגער בעל־מפרנס, פּלוצ־לונג, נים פּאַר קיין אידיש קינד געדאַכט, געוואָרען אַ פּאָעט. עסען און טרינקען גערט איהם מעהר נים אין קאָפּ, די ארבייט פאַלט פון די הענד. ער נעהמט אום און חלום'ט חלומות און בעזינגט זיי אין ליעדלעך. אַנשטאַט צו געהן אין מארק, דערשמעקען ערגעץ אַ פּרנסה, לויפט ער נאָר אין וואלד, אָדער בעהאַלט זיך אויפ'ן בוידעם מיט זיינע ביכלעך און פּאַפּירלעך. ווייטע וועלטען ציהען איהם צו זיך, אוועק וויל ער פון דער היים, וואו איהם איז אַזוי ענג, וואו מען פערשטעהט איהם נים, וואו מען לאַכט פון איהם אָדער שילט איהם מיט טויטע קללות פאַר זיין „משוגעת". אַט דער יונגער־מאַן האָט ענטדעקט אין זיך אַ „זעלבסט" — און וויפיעל קרבנות מוז ער ברענגען צוליעב איהם! זיין גאַנצע פאַמיליע, אַט די אַלע נאָ־הענטע און טהייערע, וואָס זיינען איהם אַזוי איינגעבאַקען אין הארצען, צוליעב וועלכע ער זאָל, ווי אַ טאָלסטאָיאַנער, לעבען, זיינען נענען איהם. זיין איינענער „איך" איז נענען איהם. ווייל ווי נאָר ער וואַרפט אוועק זיין „נאַרישקייט", אַזוי וואַרט אויף איהם אַ רייכער שדוך, מיט אַ דיקער, געזונטער כלה, — ממש אַ טיראָלער בהמה, — מיט אַ סך נדן, מיט אַ שמאַלץ־גרוב פון כל־טוב אין דעם מילנער'ס שטוב.... און זיין „איך" פערשטעהט גאַנץ גוט, אז דאָס אַלץ איז נאָר נים קיין שלעכטער משא ומתן. אָבער ער פערשטעהט אויך גאַנץ גוט, אז ווען ער זאָל נאָכגעבען די אינטערעסען פון דעם עגאָיסטישען „איך", אַזוי מוז ער אריינטרעטען אין שטויב זיין איינענעם „זעלבסט". וואָס זאָל ער טהאָן?

אַי, ווי מען דאַרף דאָ האָבען אַ שטיק פון ניעטצשע'ס גולג'ר־שער הארץ, כדי אויסצושטעהן אַלע נסיונות! די „טיראָלער בהמה" מיט דער שמאַלץ־גרוב איז נאָך ווי עס איז. אָבער — די איינענע און טהייערע? ווי פערלאָזט מען זיי אויף הונגער און נויט? ווי בוים מען אוים זייער צער און דעם איינענעם צער אויף יסורים און לייד אין דער פרעמד? מען דאַרף פשוט זיין אַ גזלן, אַזוינס צו טהאָן.....

„זיי אַ גזלן!" — שרייט ניטצשעאַניש אין הארצען דאָס איי־גענע „זעלבסט". אָפּפער נים נאָר מיט דעם שמאַלץ־גרוב, אָפּפער אויך מיט דעם בעסטען, וואָס דיין נשמה פערמאָגט: דיין ליעבע

און רחמנות צו די אייגענע און טהייערע, — ווייל — און דאס זאגען שוין מיר, אנשטאט ניעטצשע'ן, — ווייל דו האסט ניט נאר פליכטען צו די אנדערע, דו האסט פליכטען צו דיין אייגענעם „זעלבסט“. די פאעזיע איז א צווייג פון דער מענשליכער קולטור. און אלע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור זענען געוואקסען, האבען זיך ארויסגעריסען פון א ניעדריגערער מדרגה צו א העכערער, נאר דורך דעם „דבוק“, נאר דורך דער הייליגער „משוגעת“, וואס איז אריין אין דעם מענשענס הארץ און האט אריינגעשלונגען אין זיך אלע געדאנקען און פעהיגקייטען פון דעם מענשען. די ליידענשאפט צו די קולטור־גיטער פון דער מענשהייט, — וויסענשאפט, טעכניק, פאעזיע, קונסט, פילאסאפיע, ארבייט לטובת הכלל, — איז א מענשליכע ליידענשאפט און איהרע יסודים, — די „חבלי לידה“ און די ליידען, מיט וועלכע די סביבה איז מזכה דעם געבארענעם העלד, — זיינען הייליגע יסורים, וואס שטעהען אקוראט אזוי הויך ווי די יסורים של אהבה פון טאלסטאי. דער מענשליכער פראגרעס אין אלע זיינע צווייגען, די ליידענשאפט צו די קולטור־גיטער פון דער מענשהייט זענען יענס עפעס אין דעם לעבען פון דעם מענשען, וואס פילען עס אן מיט אן אינהאלט און מאכען ערשט מעגליך די מסירת נפש פאר דעם אנדערען. צווישען טאלסטאי און ניעטצשע, צווישען דעם „יוצר טוב“ און דעם „יצר הרע“ איז דא ניטא קיין ברעקעל ווידערשפרוך. אהן דער ליעבע צו דעם צווייטען איז די נשמה, ווי א כלי אהן א דעק. אומזיסט זוכט איהר זי אנצופילען מיט „טיראלער בהמות“ און אפילו מיט פאעזיע און קולטור, דאס אלץ ווערט פערשלונגען דורך דעם שווארצען אבגרונד, דער „אימת מות“. דער „ואהבת לרעך“ איז די דעק, וואס מאכט, אז אייער נשמה זאל קאנען אריינגעהמען אין זיך אן אינהאלט, אז דער שווארצער אבגרונד זאל פערשווינדען. אבער אויב איהר בלייבט שטעהן ביי דעם „ואהבת“, בלייבט דאס גאנצע מענשליכע לעבען לעדיג ווי א לעדיגע כלי, ווי אן אונענדליכער צייל פון שפיעגלען, וואס שפיעגלען אב אלעמענס וויסטקייט. ערשט ניעטצשע פערענטפערט די פראגע וועגען דעם א י נ ה א ל ט פון דער מענשליכער נשמה, וואס ניט די מעגליכקייט צו לעבען אי פאר זיך, אי פאר דעם אנדערן.

ווער וועט זיעגען ביי דעם פּאָעטישען יונגען־מאַן, וואָס מיר
האָבען גענומען פאר א ביישפּיעל: דער „גזלן“ אָדער דער „מלאך“
— ניעטצשע אָדער טאָלסטאָי? לאָז זיין, אז דער „גזלן“ האָט גע־
איענט, און דער יונגער־מאַן האָט זיך א לאָז געטהאָן אין די ווייטע
וועלט... ער איז באמת געוואָרען א פּאָעט. אָבער — אך! אויף אונ־
זער זינדיגער ערד איז אפילו א הימעלשער פּאָעט ניט פריי פון
מענשליכע בעדערפניסען. אויך א פּאָעט דאַרף האָבען וואָס צו
עסען, און א שיך, און א קלייד, ווען ער איז אפילו פריי פון די
הוצאות פאַר'ן באַרביערער. אויף די אלע נישט־ווערטהיגע קלייניג־
קייטען דאַרף מען האָבען געלד, און די בעלי־בתים פונ'ם געלד זייי־
נען די קאַפּיטאַליסטען. צו זיי מוז ער טראָגען זיין הארץ, זיין
„זעלבסט“, ווי א סחורה אויפ'ן מארק... נאָך א צאַפּעלדיגע, א
בלוט־טריעפענדע ליעגט זיין הארץ ביי דעם קרעמער אויף דער שמו־
ציגער וואָג און דער קרעמער וועגט זי און בעטאַפּט זי מיט די שמו־
ציגע פינגער, און קוויינקעלט זיך, און זאָגט:

„אייער הארץ, ליעבער פריינד, איז נאָך צו פ ר י ש. אויף
פרישע הערצער זיינען איצטער נימאָ קיין בעלנים. זי דאַרף זיין
אביסעלע צונעלענען, אביסעלע, איך בעט אייבער אייער כבוד, מיט
א ריח... און אפשר טאָקע מיט א שטאַרקען. די, וואָס שוין גאָר
גאָר צופוילט, ווערען ממש צוצוקערט. לאָזט זי דערווייל, יונגער־
מאַן, ביי מיר, זי וועט שוין דאָ בעקומען דעם נויטיגען גערוך“...

וואָס זאָל דער יונגער־מאַן טהאָן? אנטקעגען דער מאַכט פון
דעם קאַפּיטאַליזם העלפט שוין ניעטצשע'ס „גזלנות“ אויך ניט. אן
אַנדער „גזלנות“ דאַרף זיך פאַנאַנדערברענען אין אונזער ברוסט:
ד י ר ע ו ו א ל ו צ י א נ ע ר ע „ג ז ל נ ו ת“ פון אונזער דריטען
דענקער, פון קאַרל מאַרקס!

וואָס איז די פּעולה פון אלע אונזערע מאָראַלישע פּרעדיגטען.
פון אלע ריכטיגע וועגען צו דעם מענשליכען „העכסטען גוט“, אז די
גרויסע מאַסען זענען נאָך דאָס רוב בבחינת אָקסען און פיה, וואָס
שטיינען זיך ניט און בענקען ניט נ א ך א מ ע נ ש ל י כ ע ן
לעבען, אין זיי. די גרויסע מאַסען, די אַרבייטער, די בעלי־בתים,
זענען די אמת'ע הערשער איבער דעם מענשליכען גורל! וואָלט דער
מענשליכער אידעאַל זיך אָבשטעלען ביי טאָלסטאָי און ניעטצשע,

וואָלט ער געמוזט בלייבען שטעהן ביי אַ וואַנד: ביי דעם טעמפּען פערשטאַנד און דעם פּערגליוועטען ווילען פון די מאַסען, — די בעלי־בתים, וואָס בעהערשען דאָס לעבען.

צום גליק איז אויף די בעלי־בתים דאָ נאָך אַ גרעסערער בעל־הבית, — די געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון דעם לעבען, און אויף יענע געזעלשאַפטליכע פאָרמען איז דאָ נאָך אַן אויבערהאַר: דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלער פּראָגרעס, וואָס זאָל איבערבייטען די אַלטע געזעלשאַפטליכע לעבענס־פאָרמען און צושלאָגען די טעמפּקייט און פערגליווערטקייט פון דעם איצטיגען מענשען. אָט צו דעם רעוואָלוציאָנערען אויבער־האַרר רופט אונז מאַרקס, — צוליעב איהם זאָלען מיר לעבען, זיין אַרבייט זאָלען מיר פריידיג טהאָן.

און ווען זיין אַרבייט וועט געטהאָן ווערען, — ווען די דאגת חיונה וועט אַראָב פון דעם איינצעלנעם און וועט פערענטפערט ווערען דורך דעם האַרמאָנישען צוזאַמענווירקען פון דעם גאַנצען כלל, — ערשט יעמאָלט וועט דעם מענשענס נשמה ווערען מסוגל אין גאַנצען אריינצונעהמען די העכסטע מענשליכע אידעאַלען. דער פּאָעט וועט יעמאָלט ניט דאַרפען לאָזען זיין האַרץ אין קראָם, „ביז זי וועט קריגען דעם ריכטיגען ריח“; און יעדער איינער וועט קאָנען פריי לעבען צוליעב זיין אייגענעם „זעלבסט“ און — אין ליעבע צו די מיטמענשען — פריידיג העלפען יעדען איינעם אין זיין שטרעבען צו דעם „העכסטען גוט“.

טאָלסטאָי, ניעטצשע און מאַרקס זיינען, דעריבער, אין תוך אריין ניט קיין הפכים. די „ירושה“, וואָס זיי לאָזען אונז איבער, איז איין איינהייטליכער י ו ש ר, אויסגעאַרבייט פון די בעסטע דענקער פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט און צוזאַמענגעפּרעסט אין זייערע דריי סיסטעמען, וואָס זענען אויף דעם ערשטען בליק אַזוי פערשיידען איינס פון דעם אַנדערן.

דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט נעהמט איבער די ירושה און דעם יושר אין זייער איינהייטליכקייט און גאַנצקייט. שוין הויבט איצטער אָן צו קלינגען אַ נאָמען, וואָס וועט אפשר ווערען אקוראַט אַזוי פּאָפּולער אין די יונגע יאָהרען פון אונזער יאָהרהונדערט, ווי די נעמען פון די דריי איז געוואָרען פּאָפּולער אין די לעצטע יאָהרען פון דעם פאָרינען. איך האָב דאָ אין זינען מ אַ ר י ס

דר. ח. זשיטלאווסקי

מ ע ט ע ר ל י נ ק. שוין מעטערלינק, ווי נאך אנדערע דענקער פון זיין דור, האבען נעטהאן דאס, וואס דער צוואנציגסטער יאהרהונ־דערט האט נעדארפט טהאן מיט דער גייסטיגער ירושה פון דעם נייענצעהנטען: זיי האבען אין זייער מאראלישער וועלטאנשויאונג פעראייניגט דעם „יושר" פון טאלסטאי „און" דעם יושר פון ניעטצשע „און" דעם יושר פון קארל מארקס.

װעגן לעאָניד אַנדרעיעװ'ס „אַנאַטעמאַ״

וועגען לעאניד אנדרעיעוו׳ס „אנאטעמא“

חברים און פריינד!

איידער איך וועל איבערגעהן צו מיין אייגענטליכער טהעמע, ערלויבט מיר צו מאכען א פאר קליינע הקדמות.

קודם כל וויל איך זאגען א פאר ווערטער וועגען אנדרעיעוו׳ס שאפען בכלל.

א סך מענשען מיינען נאך עד היום, אז דער גלאנץ און די גרויס פון דער רוסישער ליטעראטור האט זיך געענדיגט מיט די קאריפעען פון דער רוסישער בעלעטריסטיק: די טורגעניעווס, דאסטאיעווסקים, טאלסטאים; אז נאך זייער טויט האט דער רוסישער גייסט שוין ניט ארויסגעבראכט קיין איין גאון, וואס זאל זיך קאנען מעסטען מיט יענע „גדולים“. אויף די צעהנדליגער נייע טאלאנטען, וואס האבען ארויסגעשפראצט אין דעם משך פון די אכציגער און ניינציגער יאהרען און וואס הערען ניט אויף צו בעוויזען זיך ביז אויף דעם היינטיגען טאג, האט מען געקוקט ווי אויף קליין־געוויקס, וואס בעדעקט דעם באדען, אויף וועלכען עס שטעהען יענע ריעזען, — א קליין־געוויקס, וואס ווערט אין גאנצען בעהאלטען אין דעם שאטען פון די גרויסע.

דאס איז א געוואלטיגער טעות, און דער טעות האט זיך גענומען דערפון, וואס קיינער פון דעם יונגוואוקס איז ניט ארויסגעטרעטען גלייך פון דעם ערשטען מאל מיט אזעלכע ווערק, וואס זאלען זיין אבסאלוט נייע און זאלען איבערלאזען אזא שטארקען רושם, ווי דאס האבען געטהאן דאסטאיעווסקי׳ס „ארעמע מענשען“, טורגעניעוו׳ס „כתבים פון א יעגער“, טאלסטאי׳ס „קינדהייט און אינגעלשע יאהרען“. דאס „יונגוואוקס“ איז געקומען מיט שעהנינקע קליינגיקייטען, מיט סמנים פון אמת׳ען טאלאנט, אבער

אין זייער שאַפען איז נאָך געווען ניכר די השפעה פון די גדולים, פון וועמעס מאכט זיי האָבען זיך ניט געקאָנט בעפרייען. אין בעסטען פאַל האָט מען בעמערקט אין זיי טאַלאַנטען פון דרעזעלבינער אַרט וואָס ביי די גרויסע, נאָר פון אַ סך אַ שוואַכערען גראַד. אָבער אין דער צייט, וואָס מיר האָבען אַלץ ניט געקאָנט אַבריסען אונזער אויג פון די הויכע, שלאַנקע, פיעל-צווייגיגע בוימער, איז זיך דאָס „קליינוואַרג“ געוואַקסען אויף זיין אייגענעם שטייגער און איינצעלנע פון איהם זיינען געוואָרען אַלץ העכער און דיקער און צווייגינער. ביז דער דור, וואָס איז גייסטיג אויפגעוואַקסען מיט זיי אין איינעם, האָט פּלוצלונג בעמערקט, אַז זיי זענען שוין „מיט לייטען גלייך“ און אַז זיי דאַרפען ביי זיך בשום אופן ניט אַראָבפאַלען פאַר די בעוואונדערטע גאונים.

דאָס איז געוואָרען קלאָהר קודם כל וועגען טשעכאָוו'ן, וואָס די קריטיק האָט אין דער ערשטער צייט גאָר ניט פערשטאַנען „מיט וואָס מען עסט איהם“, דערנאָך איז גאָרקי דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ גאון. אמת, איצטער נעהט אַן אַ היבשע פלוגתא צווישען די תנאים פון דער קריטיק מכח גאָרקי'ן. אַ טייל וויל האָבען, אַז זיין גרויס און בעריהמטקייט האָט ער צו פערדאַנקען ניט דעם אייגענעם טאַלאַנט, וואָס איז בעצם פון אַ גאַנץ מיטעלען וואוקס, נאָר דעם רעוואָליוציאָנערען גייסט, וואָס האָט גראַד איהם אויסגעקליעבען פאַר זיין נביא און האָט איהם אַרויסגעשטופּט אין פראָנט. אויס רעוואָליוציע — אויס גאָרקי! — מיינען איצטער זיינע פערקלענערער. פון דער אַנדערער זייט ווייזען אַנדערע אויף די א י י ב י ג ע געשטאַלטען און לעבענס-בילדער, וועלכע ער האָט געשאַפען, און קאַווירען איהם אַ בכבוד'ען פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון דער רוסישער ליטעראַטור גלייך לעבען טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי און טשעכאָוו.

און עס מעהרען זיך איצטער שטימען, וואָס זאָגען מיט רעכט, אַז אויב גאָרקי'ן קומט אַזאַ בכבוד'ער פּלאַץ, איז שוין אַנדרעיעוו'ן אודאי און אודאי.

איך קאָן דאָ מיך ניט אַריינלאָזען אין דעם סכסוך פון דער רוסישער קריטיק. דאָס וואָלט אונז פערוויקעלט אין אַ נעץ פון ריין ליטעראַרישע אַנאַליזען. איך וויל מיך דאָ בעגנוגענען מיט אַ

פאַר בעמערקונגען, וואָס האָבען, פערשטעהט זיך, ניט די פּרעמענגזיע אויסצודריקען דעם אַבסאָלוטען אמת. זיי זענען ניט מעהר, ווי מיין פּערזענליכע מיינונג וועגען דעם ליטעראַרישען ווערטה פון די דריי גרויסע „יונגע": טשעכאָוו, גאָרקי און אַנדרעיעוו, ווען מען פערגלייכט זיי מיט די קאָריפעען.

אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט נאָר טשעכאָוו'ס נאָמען באמת אַ רעכט דערמאָהנט צו ווערען „בנשימא אחת", אין איין אָטהעם, מיט די נעמען פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו, — אָבער ניט גאָרקי'ס. ניט גאָרקי'ס דערפאַר, ווייל ער איז צו פּאַרבענרייך, צו זוגיג. דאָס קלינגט אַ ביסעל ווי דער חסרון, וואָס „די כלה איז צו שעהן". מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז ווען „די כלה איז צו שעהן" — קאָן עס אפשר זעלטען ווען שאַרען צו אַ שדוך, אָבער דאָס קאָן אָפטמאָל גאַנץ געוויס ווערען אַ בעדייטענדער חסרון אין דער קונסט. די כלה, וואָס איך מיין דאָ, איז דאָס לעבען און די איינדרוקען פון לעבען, מיט וועלכע דער קינסטלער איז פול און וועלכע ער רופט אין אונז אַרויס. גאָרקי האָט געוויס אַ חוש אויך פאַר די טונקעלע זייטען פון דעם מענשליכען לעבען און איז בעקאַנט אויך מיט אַ סך פינסטערע אָבגרונדען אין דעם מענשען'ס ברוסט. אָבער זיין נשמה ווערט מעהר צוגעצויגען צו די ליכטיגערע, צו די זונען-מענשען, וואָס פערקערפּערן אין זיך, יעדערער פּיצלעכווייז, — דעם אידעאַל פון זיין הארצען. און גראָד דאָ, אין דער שילדערונג פון זיינע ליעבלינגס-פיגורען, אין וועלכע גאָרקי האָט אויסגעשפּרייט זיין טאַלאַנט אין זיין גאַנצער גרויס, איז לייכט צו בעמערקען זיין שוואַכקייט: ער איז צו סוביעקטיוו, זיינע פּלינלען קאָנען איהם ניט אויפהויבען העכער, איידער דאָס לעבען און די איהם ליעבע מענשען, וועלכע ער מאָלט. איהר בעמערקט, ווי ער קוועלט פון זיי אָן, איהר פיהלט, אַז ער איז ניט נאָר זייער מאָלער, נאָר אויך זייער אַדוואָקאַט. ווי ווייט גאָרקי זאָל ניט אָבשטעהן פון יענער אַלטער, שוין לאַנג פערשימעלטער קונסט, וואָס האָט אַרויסגעפיהרט „העלדען", כדי מען זאָל זיך אַראָבנעהמען אַ מוסטער פון זיי, — אין איהם איז דאָך געבליעבען איננוועניג אַ שטיק העלדען-דיכטער, און זיינע גרעסערע ווערק זענען ניט פריי פון

העלדען־ראָמאַנטיק, — אַ זאַך וואָס איהר וועט קיינמאָל ניט נעפינען ניט ביי דאָסטאָיעווסקי'ן, ניט ביי טורגעניעוו'ן און טאָלסטאָי, אַ פּשיטא שוין ניט ביי טשעכאָוו'ן. ביי זיי, ביי אַלעמען זענען געווים דאָ פיגורען און לעבענס־מאָמענטען, וואָס זענען זיי טהייערער, איידער אַנדערע, און דעריבער מאָלען זיי זיי אויס מיט גרעסערער ליעבשאַפט און וואַרעמקייט. אָבער אפילו די שעהנסטע געשטאַלטען און די פּרעכטיגסטע לעבענס־מאָמענטען ווערען געשילדערט מיט אַלע זייערע פעהלערען, מיט אַלע חסרונות און קליינליכקייטען, אַקוראַט אַזוי, ווי דאָס קומט פאָר אין דעם ווירקליכען לעבען.

אין דערינען דריקט זיך אויס יענער וויכטיגער כאַראַקטערשטריך, וואָס מאַכט די גרויסע רוסישע קינסטלער צו אַ גאַנץ בעזונדער ערשיינונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט צו זיך ערגעץ קיין גלייכען ניט. אין יעדען פון זיי לעבט אונבעוואוסט אַ בענקשאַפט נאָך פאָלקאָמענהייט, נאָך אַבסאָלוטער שעהנקייט און האַרמאָניע, און אין דערזעלביגער צייט האָבען זיי אַ שאַרף און ניכטער אויג, וואָס לאָזט זיך פון קיין זאַך ניט פערבלענדען, וואָס זעהט יעדען שפרינקעלע אויף דער קלאָרסטער און ריינסטער זאַך. דער רעזולטאַט פון די צוויי עלעמענטען, דעם אידעאַל, וואָס לעבט אין האַרצען, און דער ווירקליכקייט, וואָס שטעהט פאַר די אויגען, איז אַלעמאָל ביי זיי אַ געוויסער ציכטיגער, עניוות'דיגער אומעט, וואָס ליעגט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אויף דעם גרונד פון זייער נשמה. אין יעדען שטריך, וואָס זיי מאָלען, אין יעדען פיהר מיט'ן פענזיל זייערען פיהלט איהר, אַז מען גיט אייך איבער ניט נאָר דעם אינהאַלט פון מענש און לעבען, נאָר אויך זייער גרעניץ, זייער מהלך פון דעם אונענדליכען אידעאַל. דער אידעאַל ווערט, פערשטעהט זיך, ניט געשילדערט אין ווערטער, אַפילו ניט אָנגעטייט מיט אַ „ודי לחכימא“, אָבער איהר שפירט איהם אין יענעם לייכטען, דורכזיכטיגען נעפעל פון בענקשאַפט, וואָס טראָגט זיך אַרום יעדען ווערק פון די גרויסע רוסישע קינסטלער. אין דערינען ליעגט זייער צויבערקראַפט אויף דער נשמה פון יעדען מענשען. אין דעם פּרט פון ציכטיגער, עניות'דיגער טרויעריגקייט, וואָס לאָזט

אונז אַריינבליקען אין דעם תוך פון מענש און לעבען און אין דער וועלבינער צייט מאַכט אונז אונבעוואוסט פיהלען זייער מהלך פון דעם אידעאַל, שטעהט מטשעכאָוו אפשר נאָך העכער, איידער זיינע פאַרגעהער. אָבער איהר וועט קיין שמץ דערפון ניט געפינען אין גאָרקי'ס שאַפען.

נו, און אַנדרעיעוו? — עס איז ניט לייכט פאַרטיג צו ווערען מיט דעם ענטפער וועגען איהם.

די צרה מיט אַנדרעיעוו'ן איז, וואָס מיר האָבען ניט איין אַנדרעיעוו'ן, נאָר עטליכע. אין אייניגע פון זיינע ווערק, ווי אין אין „שוויינען“, „דאָס לעבען פון וואַסילי פיוויסקי“, „דער גובערנאַטאָר“, „די זיעבען געהאַנגענע“, איז ער אַ בענאַבט קינד פון יענער גרויסער משפחה. אויך ער האָט די נאָב צו מאָלען דעם מענשען און דאָס לעבען מיט יענער ציכטיגער עניוות, אין וועלכער עס איז איינגעוויקעלט די בענקשאַפט נאָך דעם אונענדליכען. דעם אַנדרעיעוו קאָן מען גאַנץ זיכער, ניט נעקווייקעלט אַ מינוט, אַוועקשטעלען אין איין שורה מיט די רוסישע גדולים.

אָבער אָט איז נאָך אַן אַנדרעיעוו, דער אַנדרעיעוו פון דעם „רויטען געלעכטער“ און דער „וואַנד“, דער אַנדרעיעוו פון צייהן־קריצעניש און האָר־רייסעניש, מיט די משוגענע האַוואַיעס פון אַ בעל־שם, וואָס וויל אַרויסטרייבען אַ דבוק, — אַנדרעיעוו דער „שאַמאַן“, וואָס וויל בעשווערען אַלע בייזע רוחות און פאַנאַנדער־טרייסלען די זיילען פון דער בעשאַפונג. דאָ איז שוין קיין שפור ניטאָ פון ציכטיגע עניוות. און די גרעסטע צרה דערביי איז, וואָס איהר קוקט צו צו זיין ווילדען וואַרפען זיך מיט אַ קאַלטבלוטיגען געמיטה, מיט ווענינ צוטרויענדע אויגען. אייך דוכט זיך, אז ער וויל אין זיך אַליין אַריינטרייבען אַ דבוק, אָדער נאָך ערגער: איינשמועסען אונז, אַז דער דבוק זיצט שוין אין איהם, בעת די אויגען זיינע זענען נאָך גאָר ווי ביי אַ „קלאָהרען“ און דער הייזע־ריגער קרעהען זיינער איז ניט מעהר ווי „געמאַכט“. דעם אַנדרעיעוו'ן האָב איך קיין מאָל ניט פערשטאַנען און איך זאָג מיך אָב איהם צו פערשטעהן. דאָס הייסט: די געדאַנקען זיינע, וואָס ער וויל אַרויסברענגען מיט זיין פער'עקשן'טען שלאָגען זיך קאָפּ אָן דער וואַנד, איז גראָד ניט אַזוי שווער צו פאַנאַנדער־

שיפּריערען. אָבער אַז איהר שיפּירירט זיי פּאַנאַנדער, געפינט איהר, אַז ער האָט אייך ניט מיטגעטהיילט קיין איינציגען נייען „סוד“, ניט צוגעגעבען קיין איינציגען נייען שטריך צו די אור־אַלטע וועלט־סודות, — צו די סודות פון מענשליכען לעבען און טויט, — וואס פּייניגען זיין מוח. און איהר פרעגט זיך: צו וואס האָט ער געדאַרפט דעם גאַנצען, אַזוי משונה׳דיג געקינסטעל־טען שיפר? סימבאָליש אויסצומאָלען, צו איללוסטרירען די גרויסע רעטענישען? איבערזעצען די ערנסטע, טיעפע שאלות פון דעם מענשליכען שכל און געפיהל אין די ווילדע קולות פון דער משוגע געוואָרענער פאַנטאַזיע? ס׳וואָלטען אפשר דערפון ארויס זעהר וויכטיגע קינסטלערישע ווערק, וואס טראָגען אין זיך ניט קיין קלענערע זאַך, ווי דעם שטרענגען משפט איבער דעם גאַנצען מענשליכען גורל, ווען נאָר ניט דער חסרון זייערער, וועלכען איך האָב שוין בעריהרט: זייער געקינצעלטקייט און אויפגעבלאָזענ־קייט, דאָס, וואָס אַנדרעיעוו׳ס גוואַלדעווען נעהמט אונז ניט, וואָס זיינע אויסגעשרייען גרילצען נאָר אין די אויערען און דרינגען ניט אריין אין הארצען, ווען אפילו אויך אין אונזערע הערצער האָבען זיך צונויפגעפּרעסט שרעקען פון פינסטערניס און זיי וואָל־טען זיך גריילעך געוואָלט אַרויסרייסען אין אַן אימה׳דיגען אויס־געשריי...

צום גליק האָבען מיר אַ דריטען אַנדרעיעוו, וואָס איז שוין ניט גלייך צו די ערשטע צוויי: דער אַנדרעיעוו, וואָס האָט אָנ־געשריעבען אונזער „אַנאַטעמאַ“ און נאָך פריהער — אַ ווערק, וואָס איז זעהר נאָהענט צו איהם: „דאָס לעבען פון אַ מענשען“. אין „אַנאַטעמאַ“ און עהנליכע ווערק איז אַנדרעיעוו׳ס טאַלאַנט אַ מין צונויפגוס פון זיינע צוויי פריהערדיגע אַרטען: פון דעם אָביעקטיווען פערטיעפען זיך אין די איינצעלנע בילדער פון לעבען און די איינצעלנע נשמות פון די מענשען, ווי אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעווסקי, און פון דער אַנדער זייט — פון דעם סוביעק־טיווען פראָטעסט אַנטגעגען די צרות פון לעבען בכלל, פון דעם גזר־דין און דעם משפט איבער דעם גורל פון דעם מענשליכען לעבען. דערהויפּט אין „אַנאַטעמאַ“. דאָ זענען די צוויי זייטען פון אַנדרעיעוו׳ס שאַפען אַזוי ענג צונויפגעוואַקסען אין איינעם,

אַז זיין טאַלאַנט טרעט ערשט דאָ אַרויס, ווי אַ נייע, דורכאויס אָריגינעלע ערשיינונג און ציהט צו אונזערע הערצער מיט אַ נייעם, זיין אייגענעם חן.

ווי די ווערק פון דעם „שאַמאַניש"-שרייערישען טיפּ, באַשטעהען זיי אויך אין גרונד פון פילאָסאָפיש-מעטאַפיזישע סימבאָלען, אָבער די סימבאָלען זענען דאָ צונויפגעגאָסען מיט רעאַליסטישע לעבענס-בילדער. דער דענקער וועגען דעם לעבען בכלל געהט דאָ האַנד אין האַנד מיט דעם מאָלער פון דעם לעבען'ס אייגענהייטען. עס קאָן זיין, אַז אין דערינען ליעגט טאַקע דער כשוף פון אַזעלכע ווערק, וואָס זיי רעדען צו דערזעלביגער צייט אי צו אונזער עסטהעטישען כח הדמיון, אי צו אונזער אויפגערודערטען שכל. און בעת דער כח-הדמיון קוועלט אָן פון דעם עסטהעטישען נחת, וואָס ער האָט, ווייל ער זעהט פאַר זיך דאָס פולע לעבען, אויסגעדריקט אין אַ קורצען בילד, הערט דער געדאַנק ניט אויף צו צאַפּלען זיך אין די נעצען פון יענעם רעטעניש, וואָס אַנדרעיעוו וויקעלט פאַר איהם פאַנאַנדער אין דעם גאַנצען ווערק.

אויך „אַנאַטעמאַ" איז, ווי יעדעס סימבאָלישע ווערק, אַ קונציגע שיפריר-אַרבייט. אָבער זיין פאַנאַנדער-שיפרירען קומט ניט אָן אַזוי לייכט, און ווען די אַרבייט ווערט שוין געטהאָן און דער געדאַנק — אָדער דער סכום פון געדאַנקען — ווערט אַרויסדעסטילירט פון די איינצעלנע בילדער, — האָט מען יעמאָלט פאַר זיך ניט נאָר אָן אַלטען-אַלטען פּסוק, מיט וועלכען מען איז שוין בעקאַנט געוועזען פון לאַנג, נאָר אויך אַ נייע „גירסא" פון דעם פּסוק, וואָס שטעלט איהם — דעם פּסוק מיין איך — אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

דורך אַזעלכע ווערק ווי „אַנאַטעמאַ" האָט אַנדרעיעוו אין דער רוסישער ליטעראַטור פערנומען אַ גאַנץ אייגענעם פּלאַץ. דורך די גרויס און די רייכקייט פון זיין טאַלאַנט, גאַנץ נאָהענט צו טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי — און נאָהענט זיין צו זיי ביידען איז, ווי איהר פערשטעהט אַליין, נאָר ניט קיין קליינער שבח, — וואַקסט ער זיי ביידען אַריבער דורך די ריכטונג פון זיין טאַלאַנט און די אויפגאַבע, וואָס ער שטעלט זיך אַוועק — צו מאָלען די גרונד-פּראָבלעמען פון דעם פילאָסאָפישען און רעלי-

גיעזען דענקען, יענע פראבלעמען, וואס זענען אזוי וויכטיג פאר דעם מענשען.

וואלטען די דריי אנדרעיעוו'ס, וואס איך האב נאר וואס געשילדערט, געווען אבגעטהיילט איינער פון דעם אנדערען אין דער צייט; וואלטען זיי אין לעבען ארויסגעטרעטען איינער נאך דעם אנדערן אין יענעם סדר, ווי איך האב זיי געשילדערט, וואלט איך מיר יעמאלט לייכט געקאנט דערקלעהרען די ע נ ט וו י ק ע ל ו נ ג פון אנדרעיעוו'ס שאפען.

אויסגעפרובט זיין „דאסטאיעווסקי" אין אזעלכע מייסטער־ווערק, ווי „דאס שווייגען" אדער די „פינסטערניס"; דורכגע־שפירט אין זיך די קראפט פון א טאלסטאי אין די „זיעבען גע־האנגענע", דוכט זיך אויס אנדרעיעוו'ן, אז ער קאן מיט די צוויי גרויסע ארטען פון קינסטלערישען זעהען אריינדרינגען אין די אייבינע סודות פון דעם מענשליכען געדאנק. זיין גייסט הויבט זיך אויף אין א ראשען פליה ביז צו די גרענעצען פון די לעצטע הימלען, דארטען, וואו עס הערשען די אייבינע אידעען. אנגע־שטרענגט שטעלט ער אן אויף זיי זיין קינסטלערישען בליק און דאס, וואס ער זעהט, וויל ער אונז איבערגעבען אין בילדער און שטימונגען. אבער ביי די גרענעצען פון דעם מענשליכען וויסען בעווייזט זיך אויך די גרעניץ פון זיין קראפט. די אבסטראקטע, פילאסאפישע אידעען און פראבלעמען — איהר מעגט ווי גלויבען, אז זיי זענען ניט מעהר ווי דער אינגווייניגסטער תמצית פון אונ־זערע ערדישע ליידען און זארגען, — קוים האבען זיי זיך אויפ־געהויבען פון אונז צו די הימלען פון דעם ריינעם געדאנק, לאזען זיי זיך הפנים ניט אריינפאנגען אין דער קאמערא אבסקורא פון דעם קינסטלערישען בת הדמיון; און אפשר איז אנדרעיעוו'ס קראפט צו שוואך פאר אזוינס, מיט וואס א נ ע ט ה ע איז קוים פארטיג געווארען אין דעם צווייטען טהייל „פויסט". ווי די מעשה איז: אנשטאט בילדער פון טראנסצענדענטאלע אידעען זענען ביי אנדרעיעוו'ן ארויסגעקומען קאריקאטורען פון איבער־אנגעצווינגענע געפיהלען, און ער האט געמוזט זיך א לאז טהאן צוריק צו דער ערד. אבער פליהענדיג צוריק, איז ער געקומען צו א שטעל, וואו די הימלען פון דעם ריינעם געדאנק האבען נאך ניט אויפגעהערט,

אָבער שוין האָבן גענומען דורכשימערן דורך זיי די איינצעלנע געשטאַלטן פון דער ערד, וואָס האָבן באמת אַ גאַנץ נייעם אויס־זעהן, ווען זייערע שטראַהלען הויבן זיך אָן איבערצוברעכן אין דער סטפערע פון דעם פילאָסאָפיש־רעליגיעזן געדאַנק. בעצוויבערט פון דעם נייעם אויסבליק, וואָס האָט זיך אויפגעדעקט פאַר איהם, איז זיין גייסט געבליבן שוועבן אין יענע הימלישע רעגיאָנען, דורך וועלכע עס זעהט זיך די ערד. ער לאָזט זיך אַ מאָל אַראָב ניעדע־ריגער צו דער ערד — און יעמאָלט איז אין איהם גובר דער רעאַליסט; ער ניט זיך אַ מאָל אַ ביסעל אַ העכערן הויב אין די הימלען — און יעמאָלט ווערט ער מעהר סימבאָליסט, — אָבער קיין מאָל געהט ער שוין ניט ארויס אין גאַנצען פון דער הימלישער אידעען־אַטמאָספערע, דורך וועלכע עס שימערט דורך דאָס רעאַלע לעבען, און קיין מאָל ווערט ער ניט אונטריי צו זיין נייער קינסט־לערישער אויפגאַבע — מאָלען די רעאַלע לעבענס־בילדער אַזוי, ווי זיי ווערען דורכגעבראָכען דורך דער פּריזמע פון דער פילאָ־סאָפישער אידעע.

אין דער ווירקליכקייט אָבער טויג ניט אַזאַ דערקלערונג פון אַנדרעיעוו׳ס ענטוויקלונג דערפאַר, ווייל די דריי ריכטונגען פון אַנ־דרעיעוו׳ס שאַפען געהען ניט איינע נאָך די אַנדערע, לויט דעם, טהעאָרעטיש גאָר ניט מיאוס׳ען, סדר, וואָס מיר האָבען אויפגע־צייכענט. זיי זענען ביי אַנדרעיעוו׳ן כמעט אַלע מאָל געווען און זענען נאָך עד היום צונויפגעמישט אין זיין נשמה. אָט איז ער אונז מזכה מיט אַ שטיק אייגען־אויסגעטראַכטענעם „דאָסטאָיעווסקי“ אָדער „טאָלסטאָי“ און אָט קומט אַ בלענדענד שעהנער געפלעכט פון רעאַליסטיק און סימבאָליק, און אָט גיט ער אונז אַ שטיק צייהן־קריצעניש, האַר־רייסעניש און „קאָפּ־אָן־דער־וואַנד־שלאָגע־ניש“ און תיכף נאָכדעם — איבער אַ ניים אַ ניי ווערק פון ריינעם רעאַליזם, אָדער פון רעאַליזם געמישט מיט סימבאָליק.

עס ווייזט אויס, אַז אַנדרעיעוו איז נאָך אַליין ניט אין גאַנ־צען קלאָהר מכח דער טבע פון זיין אייגענעם טאַלאַנט און איז ניט אין גאַנצען צופריעדען מיט קיין איינער פון זיינע ריכטונגען. האָט ער נאָך עד היום ניט געפונען זיך אַליין? וואַקסט אין איהם שרגעץ וואו אין דער טיעף נאָך אַ נייער אַנדרעיעוו, דער אמת׳ער

אנדרעיעוו, וואָס דאַרף ערשט קומען, וועלכען ער פיהלט אין זיך, אָבער וועלכען ער קאָן נאָך ניט ארויסברענגען — און זאָל דאָס זיין די אורזאַך פון זיין אומרוהע, פון זיין אונצופריעדענקייט מיט זיין איינגענעם שאַפען? אָדער איז שוין אזא טבע ביי זיין גייסט, אז ער קאָן בשום אופן ניט פערגליווערט ווערען אין א וועלכער עס איז איין־איינציגער פאָרם, אז ער מוז אלע ווייַלע בייטען זיין אויסערע געשטאַלט, אז ער האָט קיין מורא ניט ווידער ארויפ־צושלעפען אויף זיך די פעל פון א ווילדען טיגער, ווען אפילו ער ווייס גאַנץ גוט, אז ער איז אין איהר א סך מעהר לעכערליך, איידער שרעקליך, — אבי ניט בלייבען אין דער פאָרם, אין וועלכער ער איז נאָר וואָס געוועזען? — ווער קאָן דאָס וויסען? און וואָס איז אין גרונד דאָס אונזער דאגה? מיר האָבען איהם צו נעהמען אזוי ווי ער איז; און אזוי ווי ער איז, איז ער א גרויסער קינסטלער, א טיעף פיהלענדער, ווען אויך ניט גאָר קלאָהר זעהענדער דענקער, וואָס קאָן אין א סך פּרטים אויסהאַלטען א פערגלייך מיט גאָר די גרעסטע אין דער מענשליכער ליטעראַטור. געוויס וועט ניט אַלץ פערבלייבען אויף דורי־דורות פון דעם, וואָס ער האָט געשאַפען. באַלד פערדאַרען און אַראָבפאַלען וועלען, ווי איך גלויב, יענע ווערק פון דעם „צווייטען" אנדרעיעוו, וואו ער האָט זיך געפּרובט רייסען אויף גלייכע ווענד. אָבער צו די ווערק, וואָס האָבען א רעכט געלייענט צו ווערען און נאָך א מאָל איבערגעלייענט צו ווערען אויך פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער, געהערט בלי שום ספק אויך זיין „אנאַטעמאַ", מיט וועלכען מיר ווילען איצטער א ביסעל נעהנטער בעקאַנט ווערען.

דאָס איז איין הקדמה. אָבער מיר מוזען מאַכען נאָך איינע.

„אנאַטעמאַ", ווי איך האָב שוין בעמערקט, געהערט צו יענער ריכטונג פון אנדרעיעוו'ס טאַלאַנט, וואו די סימבאָליק גיסט זיך ביי איהם צונויף מיט דער רעאַליסטיק. זיי זענען אלע, ווי איך האָב שוין אויך אָנגעטייט, קונציגע שיפריר־ווערק, וואָס זיינען גאָר ניט אזוי לייכט פאַנאַנדערצושיפרירען אין גאַנצען. איך וויל אָבער מיט דעם בשום אופן ניט זאָגען, אז דער געדאַנק, אָדער דער סכום פון געדאַנקען, וואָס איז איינגעוויקעלט אין זיי, האָט זיך פריהער אַנטפּלעקט פאַר אנדרעיעוו'ס שכל אין זייער ריינער פילאָ־

סאַפּישער פאָרם און דערנאָך איז אַנדרעיעוו אומגעגאַנגען און כסדר געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר א קונציגען שיפר פון בילדער און שטימונגען ער זאָל אויס„מוח'ען", כדי עס זאָל אויסקומען אי שעהן פאַר דעם עסטהעטישען כח־הדמיון, אי מאַגנעטיש פאַר דעם פערינטערעסירטען געדאַנק, אי — דער עיקר! — א ביסעל אינטריגעריש פאַר דעם לעזער דורך די אויסערליכע פערפּלאָנטערטקייט און נעפּעלדיגקייט פון דעם סימבאָל.

אַזוי שאַפט קיין איינציגער גרויסער דיכטער ניט. אזוי האָט אפשר דער „צווייטער" אַנדרעיעוו געשאַפען, דער פון דעם „רויטען געלעכטער" און דער „וואַנד", אָבער בשום אופן ניט דער פון „אַנאַטעמאַ". וואָס מעהר איך טראַכט וועגן דער ניט־קלאָרקייט פון אַנדרעיעוו'ס סימבאָלען אין זיינע בעסערע ווערק, אלץ מעהר לעגט זיך מיר אויפ'ן שכל אזא מין סברה.

זעלטען ווען א דיכטער'ס געמיטה איז צו א געוויסער צייט בעפרוכטעט נאָר מיט איין איינציגער טהעמע. דאָס רוב טראָגט די נשמה אין זיך קערענדלעך פון ע ט ל י כ ע טהעמעס מיט א מאָל, וואָס וואַקסען זיך אלע אין איין צייט, אָפטמאָל אין דעם אונבעוואוסטען און האַלב בעוואוסטען שאַפען. און עס טרעפט אויך אַזוי, אז בעת דער דיכטער איז בעשעפטיגט מיט דעם בעוואוסטען אויסאַרבייטען פון א וועלכען עס איז קינסטלערישען געדאַנק, בעת זיין „אויבערשטיבעל" פון דעם קלאָהרען פערשטאַנד איז פול פון געשטאַלטען און בילדער, וואָס געהערען צו יענעם עניין, געהט אָן אן אינטענסיווע, גייסטיגע, האַלב אונבעוואוסטע ארבייט אין דעם „אונטערשטען גאָרען". דאָרטען קאָן אין דער צייט אויסגעטראָגען ווערען גאָר אן אַנדער קינסטלעריש ווערק, וואָס האָט מיט דעם ערשטען קיין ברעקעל שייכות ניט. אזוי איז ביי דוד פינסקי'ן, צ. ב., אין גאַנצען פאַרטיג געוואָרען „דער שטומער משיח" גראָד אין יענער צייט, ווען ער האָט פיעבערהאַפט געשריעבען א גאַנץ אַנדער דראַמאַ. ער האָט געמוזט גיכער „אָבפּטר'ן" די ערשטע ארבייט, כדי צו קאָנען מקבל פנים זיין דעם נייעם גייסט, וואָס האָט זיך גלייך ארויסגעגאָסען אין דער פאָרם, ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען אין דעם אונבעוואוסטען אָדער האַלב־בעוואוסטען שאַפען.

דאָרטען קאָן אָבער פאָרקומען נאָך אַן אַנדער פּראָצעס. בעת די נשמה איז פול, ווי א בעיט מיט דער זריעה פון עטליכע נעדאַנקען מיט א מאָל, פאַסירט אָפטמאָל, אַז אין דעם אונבעוואוסטען שאַפען פּלאָנטערן זיך צונויף די טהעמען מיט זייערע וואָרצלען אָדער זייערע צווייגען. דער דיכטער פאַנטאַזירט, לאָמיר זאָגען, האַלב אונבעוואוסט וועגען די געשטאַלטען פון „די זיעבען געהאַנגענע", וואָס ליעגען נאָך אין זייער ערשטער ניט־ענטוויקעלטער פּופּען־פאָרם, אָבער פון די געשטאַלטען וויקעלט זיך פּלוצלונג ארויס א בילד, וואָס פּאַסט גאָר צו דעם טהעמע פון דער „פינסטערנים". אָבער דאָס אונבעוואוסטע פאַנטאַזירען בעמערקט דאָס ניט און דאָס לעצטע בילד בלייבט א לאַנגע צייט איינגעוויקעלט אין די ערשטע. אָדער: דער דיכטער ווערט צוגעצויגען צו א וועלכער עס איז פּאַסירונג פון דעם ווירקליכען לעבען, ער ווערט געשתומם פון א נייעם שטריך אין דער מענשליכער נשמה, וועלכען ער האָט נאָר וואָס ענטדעקט. ער טראַכט זיך אין זיי אַריין און ער פ י ה ל ט אונבעוואוסט, אַז זיי האָבען א שייכות צו די טהעמען, וואָס צייטיגען זיך אין דער שטיל פון זיין קינסטלערישען געמיטה. צו די טהעמען! אָבער צו וועלכער פון זיי? אין דעם מאָמענט וואָלט איהם זעהר שווער געווען צו ענטפערען דערויף, און ער טראַכט גאָר ניט וועגען דעם ענטפער. די נייע זעהונג אָדער דעם נייעם בעמערק שיקט ער גלייך אַראָב אין דעם אונבעוואוסטען, ווייל דאָס „איבער־שטיבעל" איז פערנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש, און דאָרטען אין דער „אָראַנזשערייע" זעצט עס זיך אָב אפשר גאָר ניט אויף דעם פּאַסענדען פּלאַץ. און אַזוי וואַקסט און פּלאָנטערט זיך צונויף דער גאַנצער מאַטעריאַל, ביז איין טהעמע ווערט אין גאַנצען צייטיג. יעמאָלט הויבט זיך אָן די אַרבייט אויך פון דעם קלאָהרען פערשטאַנד. ער פּלאָנטערט ארויס די צייטיגע פּלאַנץ פון אַלע איבעריגע, נאָך ניט פאַרטיגע, ריינינגט זי אָב פון אַלע בילדער און בעמערקען, וואָס געהערען ניט צו איהר, נאָר צו אַנדערע, אָדער וואָס האָבען אפשר אין זיך אַליין די קראַפט צו ווערען א זריעה פאַר א בעזונדער פּלאַנץ, און שילדערט זי אָב אין איהר אינדיווידועלער פּראַכט. אַזוי ווערען אויס־

געאַרבייט די קלאָהרע, שאַרף דורכגעטראַכטע מייסטער־ווערק, וועלכע מיר בעוואונדערען ביי אַ טאָלסטאָי אָדער טורגעניעוו.

עס קומט אָבער אַ מאָל פאָר, אַז אין דעם האַלב־בעוואוסטען שאַפען פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע ווערען די וואָרצלען און די צווייגען פון די פערשיידענע טהעמען ניט נאָר צונויפגע־פלאָנטערט אין איינעם, נאָר אַזוי צונויפגעוואַקסען, אַז זיי ווייזען אויס ווי איין איינציגער גאַנצער אָרגאַניזם. די בעהעפטונגס־קראַפט, וואָס בינדט צונויף אין איינעם די פערשיידענע טהעמען, בעשטעהט יעמאָלט ניט נאָר אין דער פּשוט'ער פּסיכאָלאָגישער קרובה'שאַפט צווישען בילד און בילד. אַ וועלכער עס איז טיעפער לעבענס־געדאַנק נעהמט זיי אַלעמען ארום, און די צונויפגעוואַק־סענע טהעמעס ווערען אין דער אמת'ן איין־איינציגע האַרמאָנישע זאַך, וואָס האָט אַ גאַנץ אייגענע בעדייטונג און אַ בעזונדערען, אייגענעם קינסטלערישען חן. די צונויפגענאָסענע בילדער פון פערשיידענע טהעמען מוזען אָבער דערביי פערליערען זייער לאָ־גישע קלאָהרקייט, דער שאַרפער געדאַנק מוז ביי זייער אַנבליק ווערען אַ ביסעל מטושטש. דערפאַר אָבער העלפען די איינצעלנע צונויפגענאָסענע טיילען איינע די אַנדערע ארויסצוברענגען יענעם אָבקלאַנג אין אונזער געפיהל, וואָס שטימט צו זייער אַלעמענ'ס גרונד־טאָן, צו דעם טיעפען לעבענס־אמת, וואָס נעהמט זיי אַלעמען ארום.

אַ דאַנק דער גרויסער ראָליע פון דעם „אונבעוואוסטען" אין דעם בעשאַפען פון אַזעלכע ווערק, קאָן געמאָלט זיין, אַז דער קינסטלער אַליין וויים אויך ניט אויף קלאָהר, וואָס אַזוינס עס איז ביי איהם בעשאַפען געוואָרען. און פרעגט מען ביי איהם וועגען דעם, האָט ער קיין אַנדער תירוץ ניט, ווי: „עס האָט זיך מיר אַזוי פערוואָלט". וואָלט אָבער דער קינסטלער פערשטאַנען, אַז אין דעם בעשאַפען פון גרויסע ווערק איבערהויפט שפּיעלט דער בעוואוסטער ווילען נאָר אַ בעהעלפערישע ראָליע; אַז דאָרטען, וואו ער פיהלט אין זיך אַ שטאַרקען קאַפּריז פון דעם ווילען, וועל־כען ער קאָן ניט ביישטעהן, איז דאָס גאַנץ געוויס אַ סמן, אַז זיין „זשעני", דער קלוגער בעל־חלום פון זיין שאַפען, האָט דערביי אַ גאַנץ ערנסטען, טיעפערען מיין, וואָלט ער יעמאָלט זיך ניט בענוגענט

מיט דעם שטיפערישען „עס־האָט־זיך־מיר־אַזוי־פערוואָלט״ ; גאָר, אנציינענדיג אויף זיין ווערק, וואָלט ער זיך גאַנץ פשוט מודה געווען: „חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא״, — „א טרוים האָט מיר גע־טרוימט, און איך וויים ניט וואָס עס בעדייט״. זאָלען די קריטי־קער, אויב זיי קאָנען, מיר „פותר־חלום־זיין״.

אָט אזא מין צונויפגעוואקסען ווערק איז אַנדרעיעוו'ס „אנאַ־טעמאַ״. פערשיידענע טהעמען האָבען זיך דאָ צונויפגעגאָסען אין איינעם, פון וועלכע יעדע איינע וואָלט געקאָנט ארויסוואקסען צו א בעזונדערען קינסטלערישען ווערק. עס איז גאָר ניט שווער ארויסצושיילען פון „אנאַטעמאַ״ הויפּטזעכליך דריי איינצעלנע קינסטלערישע מאָטיווען: אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישען מאָ־טיוו: די נשמה־פּיין פון אַן אנטערעסאנטען אידען, דוד לייזער; א סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישען מאָטיוו, — די פערבאָרגענסטע פאָרדע־רונגען, וואָס לעבען אין דער נשמה פון די גרויסע מענשען־מאסען, און א פילאָסאָפישען מאָטיוו: דער קאַמפּף פון דעם מענשליכען שכל אנטקעגען די אייביגע סודות פון דער וועלט. אָבער די אַלע דריי מאָטיווען זענען אין דעם דיכטער'ס נשמה געווען ארומגע־נומען מיט איין איינציגען לעבענס־צער, דעם צער פאַר דעם מענ־שען און זיין לעבען אויף דער וועלט. אָט דער צער טרייבט אַנ־דרעיעוו'ן, ווי אויך אַנדערע, אמת'ע קינסטלער, צו זוכען אַן ענטפער אויף דער גרויסער שאלה וועגען דעם ווערטה פון דעם מענשען'ס לעבען, אויסצוגעפינען סוף־כל־סוף, ווי אַנדרעיעוו דריקט זיך אויס, „דעם אמת וועגען דעם מענשען'ס גורל״. און דער ענטפער אויף דעם פּראָבלעם, וואָס איז אויסגעוואקסען אין דעם קינסטלער'ס געמיטה, וואָס איז איהם אַליין אפשר ניט אין גאַנצען קלאָהר, איז געוואָרען א קריסטאַליזאַציאָנס־פּונקט, ארום וועלכען עס האָבען זיך ארומגעזעצט דער אינדיווידועל־פּסיכאָ־לאָגישער, דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער און דער ריין פילאָסאָ־פישער מאָטיוו.

פערגעסען מיר ניט: אַנדרעיעוו איז קודם כל א פ י ל אָ־ס אָ פ י ש ע ר שריפטשטעלער, וועמען עס האָבען קיין מאָל ניט געלאָזט צורוה די גרויסע פראַגען וועגען לעבען און טויט, וועגען דעם מענשליכען מאַרטיריום, וועגען די אונגערעכטע, ניט פער־

דיענטע ליידען פון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער וועלט, וועגן די גרעניצען פון דעם מענשליכען וויסען. עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגען, אַז אין דעם פונקט איז אַנדרעיעוו גראָד אַן אויסנאַהם אין דער רוסישער ליטעראַטור. מען האָט אין דער לעצטער צייט איינגעזעהן, אַז אָט דער ברענענדיגער אינטערעס צו די אייביגע פילאָסאָפישע פראַגען איז אַ סמן מובהק פאַר אַלע גרויסע רוסישע שריפטשטעלער. געוויס, עס איז ניטאָ סיין איין גדול אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין פריי פון די אייביגע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, און וואָס גרעסער דער קינסטלער, אַלץ שטאַרקער איז אין איהם דער פילאָסאָפישער פערלאַנג, אָבער ביי קיין איין ליטעראַטור פון קיין איין פאָלק האָט דער פילאָסאָפישער אינטערעס, די אָבשעצונג פון וועלט, לעבען און מענש בכלל, ניט געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, ווי גראָד אויף די רוסישע מיסטער. מען קאָן זאָגען, אַז איבער דעם גאַנצען רוסישען שאַפען אין דער קונסט, פון פושקינען אָן ביז אַראָב אין אונזערע טעג, הענגט, ווי אַ בלייערנער וואָלקען, דער וועלט־סוד, וואָס לאָזט ניט צורוה דעם רוסישען געדאַנק. אָבער ביי קיינעם פון די רוסישע שריפטשטעלער איז דער „וועלט־סוד" ניט געוואָרען צום בעוואוסטען צענטר פון דעם קינסטלערישען שאַפען, ווי גראָד ביי אַנדרעיעוו'ן.

פון וואַנען שטאַמט אָט דער פילאָסאָפישער שטריך אין דער רוסישער ליטעראַטור?

איך וויל נאָך מיט אַ פּאָר ווערטער אויף די פראַגע קורץ בעריהרען — און מיר זענען פאַרטיג מיט אונזערע הקדמות.

עס וואָלט געווען צו פריה אַרויסצודרינגען פון דעם חשק צו פילאָסאָפירען, וואָס מיר געפינען אין דער רוסישער ליטעראַטור, אַז די רוסישע ראַסע איז בעזונדערס מסוגל צו דעם ריין פילאָסאָפישען שאַפען. מען טאָר ניט פערגעסען, אַז דערווייל האָבען די סלאַווען זיך ווייניג אויסגעפיינט אויף דעם פעלד פון דער ריין פילאָסאָפישער קולטור, אַקוראַט אַזוי ווייניג ווי די רוימער און די איטאַליענער און אפשר נאָך ווייניגער איידער זיי. דער גרויסער אינטערעס צו די פילאָסאָפישע פראָבלעמען פון לעבען, טויט און זיין פערדיענטע ליידען נעהמט זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור,

ווי איך גלויב, פון א גאנץ אנדער מקור: פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די רוסישע אינטעליגענץ. ווע־נינסטענס, איז דאָס אמת, ביז צו א גאנץ גרויסען גראַד. פון פּושקין'ס צייטען אָן איז פאַר דער רוסישער אינטעליגענץ אוועק־געשטעלט געוואָרען דער פּראָבלעם פון פּאָליטישע פרייהייט, און דער קאַמפּף פאַר איהר איז פון זיין בעגינען ביז אויף דעם היי־טיגען טאָג, אות באות, א קאַמפּף אויף לעבען און טויט.

דער שיקזאַל פון די דעקאַבריסטען, — די געהאַנגענע און אין סיביר פערמאַטערטע, — האָט שווער געדריקט אויף דעם גע־וויסען און דעם בעוואוסטזיין פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, ביעלינסקי, הערצען און דעם דור, וואָס האָט ארויסגעבראַכט גאָגאָל'ן. דער שיקזאַל פון די „פעטראַשעווצי" האָט פערפינסטערט דעם פריה־מאָרגען פון דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, נעקראַסאָוו און זייער דור. אין דעם סוף פון די 50ער און דעם אנהויב פון די זעכציגער יאָהרען האָט די אינטעליגענץ, אמת, א ביסעל פרייער אָבגעעטהעמט און יעמאָלט האָבען זיך אויך בעוויזען לעבענס־פריידיגע קלאַנגען אין דער ליטעראַטור און דער קריטיק. באַלד האָט זיך אָבער ווידער אָנגעהויבען דער ביטערער קאַמפּף, וועל־כען די „נאַראָדניקי" און „נאַראָדאָוואָלצי" האָבען מיט אזוי פיעל מסירת נפש געפיהרט, און אין דער אַטמאָספערע, וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט זייערע קרעכצען, מיט דעם לעצטען כאָרכלען פון זייערע יונגע לעבענס, זענען אויסגעוואַקסען די טאַלאַנטען פון א גאַרשאָן, גאַרשין, מערעזשקאָווסקי און טשעכאָוו. די רעוואָליו־ציאָנערע בעוועגונג פון די 90ער יאָהרען און די ערשטע יאָהרען פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט האָט גע'סוד'עט אין די אויערן פון א גאָרקי און אַן אנדרעיעוו דאָס ליעד פון טויט און מאַטערנים.

די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור איז א ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסען אונטער די קלאַנגען פון תפיסה־קייטען, אונטער דעם פייפען פון דעם תליון'ס בייטש. דער געהאַנגענער האָט זיך אויף זיין תליה תמיד געוויעגט פאַר די אויגען, אין דער לופט האָט זיך תמיד געטראָגען דער טרויעריגער נגון פון די „הרוגי מלכות", וואָס האָט אַקאָמפּאַנירט צו די זיפצען פון דעם גאַנצען געמאַטער־טען פאָלק. שוין באַלד הונדערט יאָהר, ווי איבער די קעפּ פון די

בעסטע רוסישע קינדער שוועבט דער שווארצער פויגעל — טויט — און פאָכעט מיט זיינע פליגלען. איז דען א חדו"ש, וואָס ער וועהעט אָן געדאנקען פון טויט, ליידען, בעליידיגטען יושר און מסירת נפש. געוויס, אזא אטמאָספערע מוז ארויסברענגען ניט נאָר פעסימיסטישע פילאָסאָפיע, נאָר אויך „דאָס ליעד פון דעם שטורעם־פויגעל" און דעם ענטהוזיאזם פון קאמפף ביי די העלדען פון קאמפף. אבער די שעהנע ליטעראטור איז זעלטען דער דירעקטער אויסדרוק פון די, וואָס געהען פריידיג אין דעם טויט. זי שפיעגעלט אָב קודם כל די פסיכאָלאָגיע פון די, וואָס בלייבען לכתחילה דרויסען פון קאמפף, וואָס קוקען איהם צו און פיהלען איהם מיט, אָדער פון די, וואָס האָבען, פערוואונדעטע, מיט געבראָכענע הערצער, מיט א גהינום אין געוויסען, געמוזט ארויסגעהן פון דער צייל. אויף זיי, אויף אלעמען פאָכעט אָן דער שווארצער פויגעל די אימה פאר'ן לעבען און ביי זיי, ביי אלעמען, וואַקסט אויס צו קאָלאָסאלע מאָסען דאָס אייביגע פראָבלעם פון דעם זיין אויף דער וועלט. וואָס איז די וועלט? וואָס איז דער זין פון דעם לעבען? וואָס איז דער ווערטה פון דעם מענשען? פאר וואָס הערשט תמיד רויב און רציחה איבער עדעלמוטה און יושר? וואָס איז יושר? איז דאָס ניט מעהר ווי א מענשליכער אויסטראַכט, אָדער איז ער א געטליך געבאָט? קאָן איהם דער מענשליכער שכל משיג זיין? — די אלע פראגען שטעהען תמיד פאר די אויגען אין לעבען און פאָדערען אָן ענטפער.

דער פעסימיזם און דער אָפּטימיזם קעמפפען, ווי איהר ווייסט, פאר דעם ענטפער אויף די דאָזיגע שאלות, און דער גרונד־צוועק פון דעם ווערק „אנאטעמא" איז אויך ניט קיין אנדערער, ווי אויפצונעהמען דאָס פראָבלעם פון אָפּטימיזם און פעסימיזם אין זיין גאנצער גרויס און פרובען געבען אויף איהם אָן איינענע תשובה.

דאָס איז אין איין וואָרט דער סימבאָלישער צוועק פון דער דראמאַ.

לאָמיר פריהער בעקאנט ווערען מיט דעם ספור המעשה.

דער פראָלאָג שפיעלט זיך אָב אויף א שפּוי פון א באַרג,

וואָס זיין שפיץ ווערט פערלוירען אין דער אונבעגרעניצטעה הויך. אין דערמיטען פונ'ם ארויפ־אַ־בארג, שטעהען מורא'דיג גרויסע אייזערנע, פעסט־פערשלאָסענע טויערען, וואָס דריקען די ערד מיט זייער מאיום'דיגער שווערקייט. די טויערן מארקירען מיט זיך „דעם סוף פון דער וועלט, אויף וויפיעל דער שכל קאָן איהם משיג זיין“; הינטער די טויערן וואָהנט, שווייגזאַם און איינגעוויקעלט אין דעם אייביגען סוד, „דער אָנהויב פון יעדען זיין, דער גרויסער שכל פון דעם וועלט־אַל“. ביי די טויערען שטעהט אונבעוועגליך און פערשוויעגען דער „עמיצער, וואָס איז דער שומר פון אריינגאַנג“. דער גאַנצער פּראָלאָג בעשטעהט אין דעם, וואָס „אנאטעמא“, דער פערשאָלטענער, בעט זיך באַלד מיט רחמים, באַלד מיט רוגזא ביי דעם פערגליווערטען שומר פון אריינגאַנג, ער זאָל איהם צולאָזען אַ בליק טהאָן הינטער די טויערן, ערגעץ וואו דורך אַ שפּעלטעלע דערזעהן די אייביגקייט. אז ניט, זאָל ער איהם לפּחות אויסזאָגען דעם נאָמען פון דעם, וואָס וואָהנט הינטער די טויערן...

— „דעם נאָמען, דעם נאָמען!“ — בעט זיך אַנאַטעמאַ. — „אַלץ אין דער וועלט בענקט נאָך גוטס און וויים ניט, ווי צו געפינען איהם. אַלץ אין דער וועלט וויל לעבען און געפינט נאָר דעם טויט. וואָס איז דער נאָמען פון גוטס? וואָס איז דער נאָמען פון דעם אייביגען לעבען?“

און אז אַלע בקשות העלפען ניט, אז דאָס בילד פון די מענשליכע ליידען און די זיפצען פון דער וועלט ריהרען ניט דעם שומר'ם הארץ, בעריהמט זיך אַנאַטעמאַ, אז ער וועט זיך אָברעכענען מיט איהם דערפאַר מיט דוד לייזער'ס לעבען. דוד לייזער, זאגט ער, איז „אַ נארישער, אָבער עהרליכער מענש און אויב מען זאָל איהם גוט דורכפּעכען און אָנצינדען, וועט פון איהם ארויס ניט קיין שלעכטער פאַקעל פאַר מיין יום־טוב“. „דיין טרויעריג לעבען“, זאָגט ער אין געדאַנקען צו דוד לייזער'ן, „וועל איך ווי אַ שטיין פון אַ שליידער האָלץ אַ שאָס טהאָן אין דעם שטאָלצען הימעל — און עס וועלען אַ ציטער טהאָן די יסודות פון די הויכע הימלען“.

בעת איך האָב געלייענט דעם פּראָלאָג פון אַנאַטהעמאַ, האָבען מיר אין די אויערן געקלונגען אַ פּאָר ליערליך פון היינריך

היינע, וואָס וואָלטען געקאָנט אוועקגעשטעלט ווערען ווי עפּי־גראַפען צו אַנדרעיעוו׳ס דראַמאַ. איין ליעדעל לייענט זיך אין אַ פּראָזאַאישער איבערזעצונג אַזוי:

ביים ים, ביים וויסטען, נאַכטליכען ים
שטעהט אַ יונגער מאַן.
די ברוסט פול צער, דער קאָפּ פול ספיקות,
און מיט פינסטערע ליפען פרעגט ער די וואַלען:
אָ, אַנטפּלעקט מיר די סודות פון לעבען,
די פּיין־פולע, אור־אַלטע סודות,
וואָס אויף זיי האָבען שוין אַ סך מוחות געדאַרט, —
קעפּ אין היעראָגליפען־היטלען,
קעפּ אין טורבאַן און אין שוואַרצען בארעט,
קעפּ אין פּאַריקען און טויזענטער אַנדערע
אָרעמע, שוויצענדע מענשליכע קעפּ, —
זאָגט מיר, וואָס בעטייט דאָס דער מענש?
פון וואַנען קומט ער? וואוהין געהט ער אַוועק?
ווער וואָהנט דאָרטען אויבען, אויף די גילדערנע שטערען?
עס מורמלען די וואַלען זייער אייביג געמורמעל,
עס וועהעט דער ווינד און עס פליהען די וואָלקענס,
עס פינקלען די שטערען גלייכגילטיג און קאַלט, —
און דער נאַר שטעהט און וואַרט אויף אַן ענטפער.

און אָט איז נאָך אַ ליעדעל אויף דער טהעמע פון די אייביגע סתירות; שוין אין אַ ביסעל אַ קינסטלערישער, אָבער דערפאַר, אַ פּאָעטישערע איבערזעצונג.

לאָז די הייליגע משלים
און די דריידלעך פון גמרא!
אויף די שווערע, האַרבע שאלות
גיב אַ תשובה אונז אַ קלאָהרע.

פאַר וואָס שלעפּט זיך בלוטענד, עלענד
אין יסורים דער גערעכטער,

בעת עס פאָהרט אום זיעגרייך, גליקליך
אויף אַ הויכען פערד דער שלעכטער?

וואו ליעגט דאָ די שולד? איז אפשר
ניט גאַנץ יכול'דיג דער בורא?
אָדער טהוט ער'ם מיט אַ כיון
און מאַכט חוזק פון זיין תורה?

דאָס אַלץ פרעגען מיר כסדר,
ביז עס קומט מיט בלאַסע הענד ווער
און פערשטאָפּט מיט ערד די מיילער...
אָבער — איז דאָס דען אַן ענטפער?

שוין אין דעם „פּראָלאָג" צו דעם „אנאַטעמאַ" טרעט אַרויס די גאַנצע בענקשאַפט נאָך דעם ענטפער, אויף וועלכען „דער נאַר" איז געשטאַנען און געוואַרט ביי דעם נאַכטליכען ים.

„רוף מיר אָן דעם נאָמען פון דעם, וואָס הינטער די טויערן", בעט זיך אנאַטעמאַ ביי דעם „עמיצען, וואָס איז דער שומר פון אריינגאַנג". „שטילערהייד רוף איהם אָן, קיינער'ט ניט הערען. נאָר איך, דער ווייזער אנאַטעמאַ, וואָס בענקט נאָכ'ן אמת, וועל דאָס וויסען".

„דערגעהען צו דיר ניט", פרעגט ער איהם, „די שטימען, וואָס שילטען? וואָס געהען אויס פון די כחות אונטער דער משא פון שלעכטס?... וואָס בענקען אונענדליך און שרעקליך?"...

נאָך דייטליכער טרעט ארויס דער ים־מאָטיוו ביי דוד־לייזער'ן. „איין מאָל, אויפ'ן ברעג ים, דערצעהלט אלץ נאָך אנאַטעמאַ, האָב איך בעגעגענט דוד לייזער'ן, בעת ער האָט געפרעגט די וועלען, אויף וואָס זיי בעקלאָגען זיך אזוי". און שפּעטער דער־וויסען מיר זיך, אַז דוד לייזער פלעגט טאַקע אָפט געהן זיך דורכ־שמועסען מיט די וועלען.

„וואָס האָסטו געטהאָן ביים ים?" — האָט איהם אַ מאָל גע־פרעגט זיין ווייב, שרה.

ד ו ד: „איך האָב געקוקט אויף די וואַלן, שרה, און האָב זיי געפרעגט: פון וואַנען קומען זיי און וואוהין געהען זיי? איך האָב געטראַכט וועגען דעם לעבען, שרה: פון וואַנען איז ער געקומען און וואוהין געהט ער אַוועק?"

שרה: „איז וואָס האָבען דיר געזאָגט די וואַלן, דוד?"

ד ו ד: „זיי האָבען נאָך נישט געזאָגט, שרה... זיי קומען און געהען ווידער אַוועק, און דער מענש אויפ'ן ברעג ים וואַרט אומזיסט אויף אַן ענטפער פונ'ם ים".

אָבער — ווער און וואָס איז דוד לייזער?

דוד, מיט דעם פאַמיליען־נאָמען לייזער, איז אַ פּשוט'ער איד מיט אַ גרויער לאַנגער באָרד, וואָס האָט געהאַנדעלט לעבען אַדעם אין אַן אָרעמען ביידעל מיט סאָדאַ־וואַסער און הערינג. אין אייגעם מיט זיין ווייב, שרה, פיהרט ער זיין קבצנישען מסחור און, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע קאָנקורענטען זיינע, וואָס האָבען זייערע ביידעלעך לעבען איהם — אויך מיט דערזעלביגער סחורה — קוקען זיי אויס זייערע אויגען — אויף אַ קונה. אַ זוהן האָט ער, נחום, אַ דערריגען, שוין באַלד ביים שטאַרבען, געהט ער אום איבער'ן שטאָדט און „זוכט" פאַר דעם מסחר „קרעדיט". אויך אַ טאָכטער האָבען די לייזער'ס, רויזע, אַ בילד־שעהנהייט, פון וועלכער מען פאָדערט אָבער, אַז זי זאָל אומגעהן תמיד פערשמוצט און איינגעהויקערט, כדי זי זאָל אויסזעהן ווי אַ משלחת, „ווייל שעהנקייט איז אַ צו געפעהרליכער אוצר" פאַר אַן אָרעמאַן, ווי שרה דערקלעהרט דאָס, „און עס איז גרינגער איינהיטען געלד פון אַ גזלן, איידער שעהנקייט פון אַ שלעכטען".

פאַר וואָס האָט אַנדרעיעוו אויסגעקליבען גראָד אַזאַ דוד לייזער'ן, אַנאַטעמאַ זאָל פון איהם „אויספּעבען אַ פאַקעל צוליעב זיין יום־טוב"?

איך האָב מורא, אַז טיילוויז איז אין דעם שולדיג אַנדרעעוו'ס קנאַפּע בעקענטשאַפט מיט דעם איצטיגען אידען. צו דעם אידישען לעבען און צו די אידישע טיפּען האָט ער, הפנים, קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך נעהנטער צוצוקוקען. ביי זיין גאַנצער פריינדליכקייט צו אידען, ביי זיין אמת ווארעמער סימפּאַטיע צו אונז, וואָס רעדט אַזוי קלאָהר אין זיינע אידישע פיגורען, האָט ער

נישט געקאָנט בעפרייען זיי פון א געוויסען שטריך, מיט וועלכן זיי טרעטען ארוים אין דער רוסישער, בייזוויליגער קאַריקאַטור, אי־בערהויפט ביי דעם שוין איצטער פערגעסענעם פּאַוועל ווײַנבערג: דאָס איז דער שטריך פון גרענעצלאָזער נאַאיוויטעט. אָבער בעת אין דער רוסישער קאַריקאַטור איז דער שטריך פערבונדען מיט פּשוט׳ע דומהייט און הארצלאָזיגקייט, פערבינדט איהם אנדרעיעוו מיט א שטריך פון סענטימענטאַלער טיעפקייט אין געפיהל און גע־דאַנקען. א פּשוט׳ער מענש מיט א סענטימענטאַל נאַאיווער טיעפ־קייט אין געפיהל און געדאַנק איז דער איד דער דוד לייזער — און אזא נישט קיין איבערגעשפּיצטער, פון נאַטור אוים גוטער מענש קאָן לייכטער געמאַכט ווערען פאַר דעם סימבאָל פון יענעם מענש אי־בערהויפּט, וועלכען אנאַטעמאַ ברויכט פאַר זיין פּלאַן: א פרומער, גאָט איבערגעגעבענער, וואָס קאָן געהן אויף דער עקידה פאַר דער מענשהייט.

דערצו דוכט זיך אנדרעיעוו׳ען, אז ביי די איצטיגע אידען לעבט דער רעליגיעזער גלויבען כמעט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי אַמאָל אין די ביבעל־צייטען: מיט דער תמימות׳דיגער נאָהענט־קייט צו גאָט, ווען דער רבונו־של־עולם איז געווען כביכול א גאַנצער בן־בית ביי אונזערע אבות. הערט אוים צום ביישפּיעל, א געשפּרעך צווישען נחום׳ען און שרה׳ן.

דער דערריגער זוהן זאָגט צו זיין מוטער: „מאַמע, איך וועל מעהר נישט געהן זוכען קרעדים. איך וועל מיט דעם טאַטען געהן אויפ׳ן ברעג ים. עס איז מיר צייט צו פרעגען ביי גאָט וועגען מיין גורל“.

שרה: „פרעג נישט, נחום, פרעג נישט!“

נחום: „ניין, איך׳ל פרעגען.“

שרה (בעט זיך): „מען דאַרף נישט, נחום, נישט פרעג“.

אנדרעעוו גלויבט, הפנים, אז אזא געשפּרעך, וואָס וואָלט אפשר געקאָנט מעגליך זיין אין דעם אַלטען פּאַלעסטינא, קאָן זיך נאָך עד היום אָבשפּילען איצטער אין אָדעס. אנדרעעוו איז אַזוי ווייניג בעקאַנט מיט דעם איצטיגען אידען, אז — א קליינינגקייט, אָבער א כאַראַקטעריסטישע! — ער לאָזט דעם אַלטען פרומען דוד לייזער׳ען, ביי איהם זאָל זיך וואַלגערען א תנ״ך אונטער׳ן טיש,

און ער זאָל דאָס מערקען און עס נישט אויפהויבען, און נישט אַ קוש טהאָן. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אין דער שילדערונג פון דוד לייזער'ען טרעט אַזוי ווייניג אַרויס דער א י ד. פאַר אַנדרעעוו'ען איז געווען אינטערעסאַנט נישט דער איד דוד, נאָר דער מענש דוד מיט דער סענטימענטאַל־נאַאיווער טיעפקייט אין דער נשמה, מיט דער תמימות'דיגער נאָהענטקייט צו גאָט. אַזאַ מענשען האָט זיך אַנדרעעוו געקאָנט פאָרשטעלען נאָר ביי אידען, און דערפאַר, אפשר, האָט ער אויסגעקליבען פאַר דער הויבט־פיגור פון זיין דראַמאַ דעם אידען דוד לייזער.

און פון דעסטוועגען, — ווי ווייניג עס פאַסען צו דעם איצטיגען אידען סענטימענטאַל־נאַאיווע טיעפקייט און תמימות'דיגע נאָהענטקייט צו גאָט, — איז דאָס פאָרט געווען אַ ריכטיגער קינסטלערישער אינסטינקט ביי אַנדרעעוו'ען — צו זוכען זיין העלד ביי די איצטיגע אידען. פרובט אין געדאַנק אַוועקשטעלען אַנשטאָט דוד'ען אַן אַנדער מענשען, אַ רוסישען „מיעשצאַנין", אַ פוילישען „שליאַכטשיטש", אַ מענשען פון וועלכען פאָלק איהר ווילט, פון וועלכען קלאַס איהר ווילט, און עס וועט אייך ווערען קלאָהר, אַז אויב די מעשה, וואָס אַנדרעעוו דערצעהלט אונז, וואָלט איבערהויפּט געקאָנט ערגעץ־וואו פּאַסירען, וואָלט זי זיך געקאָנט אָבשפּיעלען נאָר מיט אַ אידען אין דער ראָלע פון דעם הויפּט־העלד.

ווי סימבאָליש די פיגור פון דוד לייזער'ען זאָל נישט זיין, — ער איז דער סימבאָל פון דעם גוטען און גערעכטען מענשען, אויב איהר ווילט, פון גוטס און גערעכטיגקייט בכלל, — ווי בלאַס עס זאָלען נישט זיין די נאַציאָנאַל־אידישע שטריכען אין איהם, בלייבט דוד לייזער דאָך אַ אידישער טיפּ, — אַ פערטער גרויסער אידישער טיפּ, געמאָלט פון אַ נישט־אידען, וואָס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערען לעבען די דריי אַנדערע גרויסע טיפּען אין דער וועלט־ליטעראַטור, געמאָלט פון נישט־אידען: לעבען שעקספּיער'ס „שיילאָק", לעסינג'ס „נתן החכם" און גוטצקאָוו'ס „אוריאל אַקאָסטאַ", — דוד לייזער איז אפשר דער אידישליכסטער פון זיי, פון אַלעמען.

על כל פנים איז די טראַגעדיע פון דוד לייזער'ס נשמה אַ טעמע פאַר זיך, וואָס איז גענוג רייך און אינטערעסאַנט, מען זאָל צוליעב איהר אַליין זיך אָבשטעלען אויף אַנדרעעוו'ס ווערק.

ווען דוד לייזער איז געקומען צו זיין אָרעמען סאָדאָ־ביירעל צוריק פון ברעג ים, וואו ער האָט, ביי דעם אַנבליק פון די וואָלען, געטראַכט וועגען דעם גורל פון דעם מענשליכען לעבען, האָט איהם דער שיקזאל בענעגענט מיט א הויפען גליק. אן אדוואָקאט האָט איהם געבראַכט א גרויסע ירושה פון אמעריקא, פון א פערשטאָר־בענעם ברודער. אין דער יוגענד איז דער ברודער ענטלאָפען פון מיליטער־דיענסט און דוד האָט געדארפט דיענען אָנשטאָט איהם. איצטער נאָכ'ן טויט, בעצאָהלט דער ברודער דוד'ן פאר דער עולה, וואָס ער האָט בענאַנגען אנטקעגען איהם. דער גאַנצער פערמעגען פון דעם אמעריקאנער גביר, צוויי מיליאָן דאָלאר — „פיער מיליאָן רובעל!“ — פערטייטשט עס דער אדוואָקאט — געהט איבער צו דוד לייזער'ען. דער אדוואָקאט איז ניט קיין אַנדערער ווי אונזער אנאטעמא, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער ערד, כדי אויסצופיהרען זיין קריעגס־פּלאַן אנטקעגען די הימלען.

אָבער דוד לייזער וויל אין אָנהויב גאָר ניט וויסען פון דער ירושה. אויסגעמאַטערט פון לעבען, אין הארצען זיך שוין פון לאַנג אויסגעאיינט מיט דעם געדאַנק פון טויט, שוין לאַנג פריעדען גע־שלאָסען מיט גאָט, זעהט ער אין דעם בארג גאָלד א נייע סכנה פאר די רוה פון זיין נשמה, א נסיון, וואָס קאָן ניט שטאַמען פון גאָט.

„טרייבט איהם אוועק“, שרייט ער צו די ארומיגע. „דאָס איז דער שטן. איהר מיינט, ער האָט געבראַכט פיער מיליאָן רובעל? ניין, פיער מיליאָן בעליידיגונגען האָט ער געבראַכט. פיער מיליאָן געלעכטערס האָט ער א וואָרף געטהאָן אויף מיין קאָפּ... פיער ים'ען ביטערע טרערען האָב איך פערגאָסען אויפ'ן לעבען, פיער ווינדען פון דער ערד זיינען געווען מיינע זיפצען; הונגער און קרענק האָבען אויפגעגעסען מיינע פיער קינדער, און איצטער, בעת איך האַלט ביים שטארבען, ברענגט מען מיר פיער מיליאָנען. וועלען זיי מיר אומקעהרען מיינע יונגע טעג, פערבראַכט אין רחמות, איינגעענגט אין צער, ארומגערינגעלט פון יסורים, בעקרוינט מיט עגמת נפש? וועלען זיי מיר צוריקברענגען לאָז זיין איין טאָג פון מיין הונגער, לאָז זיין איין טרער, וואָס איז געפאַלען אויף א שטיין, לאָז זיין איין שפּיי, וואָס מען האָט מיר געשפּיגען אין פנים?“....

שוואַך איז געווען דוד לייזער'ס לעבען. אָבער, הפנים, אויך

אזא לעבען איז איהם טייער און די פּלוצלעכע עשירות וואָלט פאַר איהם געהאַט אַ ווערטה, ווען זי וואָלט נאָך געקאָנט צוריקברענגען די אויף אייביג פערפלאָסענע טעג פון הונגער, טרערען און בעליי־דיגונג, — אַן עכט אידישע צוגעבונדענקייט צום לעבען, וואָס פאַר אַ לעבען דאָס זאָל ניט זיין, אפילו צו דעם ש פּ יי פון דעם לעבען, דריקט זיך דאָ אוים אין דוד לייזער'ס קלאָגען.

אָבער פיער מיליאָן רובעל האָבען נישט די קראַפט צוריקצו־ברענגען „לאָז זיין איין שפּיי, וואָס מען האָט איהם געשפּיגען אין פּנים". און דוד לייזער פאַרשילט די מיליאָנען.

„פיער מיליאָנען קללות, — אַט דאָס זענען דיינע פיער מיליאָן רובעל", טענה'ט ער ווייטער, איבערבליקענדיג זיין גאַנצען לעבען. „אַי, חנה, אַי, בנימין און רפאל, אַי, מיין קליינינקער משה'לע, איהר, מיינע קליינע פויגעלעך, געשטאָרבען פון קעלט אויף די הוילע צווייגעלעך פון ווינטער — וואָס וועט איהר זאָגען, ווען אייער טאַטע וועט זיך צוריהרען צו די געלד? ניין, איך דאַרף נישט קיין געלד! איך זאָג אייך, איך דאַרף נישט קיין געלד. איך בין אַן אַלטער איד, וואָס שטאַרבט פון הונגער. איך זעה נישט אין דעם גאָט."

אַנאַטעמאַ ווערט נישט נתפּעל פון די אַלע קלאָגען. ער קען צו גוט דעם מענשען. ער ווייס, אַז סוף־כּל־סוף וועט דוד לייזער איינ־וויליגען, אפשר נישט צוליעב זיך, איז, ווענינגסטענס, צוליעב זיין ווייב און קינדער. און — כך הוה! — דוד נעהמט אָן די ירושה, דינגט אַ רייכען פּאַלאַץ און הויבט אָן צו פירען, — דערווייל אויף קרעדיט, — דאָס געלד איז נאָך נישט געקומען פון אַמעריקאַ, — אַ לעבען פון אַ גרויסען עושר.

די שעהנע טאָכטער, רויזע, דאַרף שוין נישט באַהאַלטען איהר שעהנקייט. זי בילדעט זיך, לערענט זיך פאָהרען רייטענדיג, איז אַרומגערינגעלט מיט אַריסטאָקראַטישע קאַוואַליערען, און אין איהר יונגען שעהנעם קאָפּ האָבען זיך אויפגעוועקט חלומות פון גלאַנץ און מאַכט. די מוטער שרה קוועלט אָן פון איהר גליק. אפילו דער דעריגער נחום, וואָס האַלט שוין ביים טויט, האָט זיך געלאָזט דינגען אַ טאַנץ־לעהרער און ווענדעט אָן זיינע לעצטע ביסעל כוחות,

כדי אַרויסצובאַרענגען אַ ריכטיגען „פּאַ". — אַנאַטעמאַ אונטער דעם נאָמען פון „נולליוס" האָט אויפגעגעבען זיין יורידישע פּראַקטיק און איז געוואָרען אַ פּריוואַט־סעקרעטער ביי דוד'ן. אָבער דוד לייזער'ען האָט דער גליקליכער אומבייט אין זיין לעבען ניט געבראַכט קיין נחת. דער אַלטער, פון לעבען אויסגעמאַטערטער איד קאָן שוין ניט געפינען קיין גליק אין געלד און די הנאות פון דעם עולם הזה. זיין נשמה איז איינגעוויקעלט אין שווערע וואָלקענס פון צער. די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר איהם איבערגעביטען און האָט זיך צוגעקעהרט צו איהם נאָר ניט פון איהר שעהנסטער זייט. קודם כל איז איהם דעם פרומען, תמימות'דיגען מאַן צואווידער געוואָרען די שפל'קייט פון דעם מענשליכען כאַראַקטער, מיט וועלכען ער איז ערשט איצ־טער בעקאַנט געוואָרען.

„שווער צו קוקען אויף מענשען", בעקלאַגט ער זיך פאַר נולליוס'ן... „פון יעמאָלט אָן האָבען זיך די מענשען אַזוי ניט שעהן איבערגעביטען. געפעלט אייך, אַז מען פערגוינט זיך פאַר אייך צו ניעדריג, נולליוס? מיר געפעלט דאָס ניט: מענשען זענען ניט קיין הינט, וואָס זאָלען קריעכען אויפ'ן בויך. און געפעלט אייך, נולליוס, ווען מענשען זאָגען אייך, אַז איהר זייט דער קליגסטער, דער איי־דעלסטער, דער בעסטער פון אַלע, וואָס לעבען, בעת איהר זייט אַ געוועהנליכער אַלטער איד, ווי אַ סך אַנדערע. מיר געפעלט דאָס ניט, נולליוס: פאַר די קינדער פון גאָט פון אמת וחסד פּאַסט ניט צו ליינען, אפילו ווען די אכזריות פון דעם אמת זאָל זיי ברענגען דעם טויט."

און דערנאָך — די שווערע אומרוה אין דעם אייגענעם האַר־צען. עס איז אין איהם אויפגעוואַכט געוואָרען אַ הונגער צום לעבען, צו דער עולם הזה, בעת דער טויט הענגט שוין אויפ'ן נאָז. „קאָן איך פאַר כל הנעלטען קויפען לכל הפחות איין טאָג געזונד און לעבען?" — פרעגט ער ביי נולליוס'ען. און כדי נאָך שאַרפער צו פיהלען די ביטערע איראָניע פון זיין שיקזאַל, דאַרף ער נאָך אַלע טאָג זעהן פאַר זיינע אויגען ווי זיין זוהן, נחום, לערענט זיך טאַנצען פאַר'ן טויט.

איך קאָן זיך ניט אָבזאָגען פון דעם פערגעניגען, דורכלייענען

פאַר איך, אביסעל אַבגעעקירצט, וועניגסטענס, די ערשטע העלפט פון דער מאוים'דינער טאַנץ־סצענע.*)

„אַ רייכער זאַל מיט ווייסען מאַרמאָר בעפוצט, מיט גרויסע איטאַליעגישע פענסטער און אַן אויסגאַנג צום וועראַנדאַ. עס איז מיטאָג־צייט. פון די אָפענע פענסטער זעהען זיך האַלב טראָפישע פלאַנצען און די טיעפע בלאָהקייט פון ים... ביים טיש זיצט דוד לייזער. ער איז זעהר טרויעריג. אביסעל וויטער אויפ'ן דיוואַן זיצט ברייטלעך שרה, רייך, אָבער אָהן געשמאַק געקליידט. זי קוקט ווי נחום לערענט זיך טאַנצען. נחום איז זעהר בלייך, הוסט און קאָן זיך קוים האַלטען פון שוואַכקייט, דערהויפּט, ווען ער דאַרף, לויט די רעגעלן פון טאַנץ, שטעהן אויף איין פוס. אָבער ער לערענט זיך האַרטנעקיג; ער איז זעהר עלעגאַנט געקליידט, נאָר דער אויסערגעוועהנליכער בונטער זשילעט פון אַ שרייענדער פאַרב און דער האַלזטוך פערדאַרבען דעם איינדרוק. ארום נחום'ען דרעהט זיך, באַלאַנסירענדיג און זיך אַראָבלאָזענדיג, דער טאַנץ־לעהרער מיט אַ פידעל און סמיק אין די הענד. דאָס איז אַ נעטער מאַן, אונגעוועהנליך לייכט אין בעוועגונגען; טראָגט אַ ווייסע וועסט און לאַקירטע שיכלעך. ביים אריינגאַנג שטעהט אשמדאַי (אַנאַטעמאַ) מיט אַ טרויעריגען פּנים און קוקט מיט אַ פאַרוואורף."

ל ע ה ר ע ר: איינס־צוויי־דריי; איינס־צוויי־דריי.

ש ר ה: זעה, דוד, זעה, ווי נחום'ען נעהט דאָס דער טאַנץ. איך וואלט בשום אופן ניט געקאָנט אזוי שפּרינגען — אַ־רימער יונג.

ד ו ד: איך זעה.

ל ע ה ר ע ר: הערר נחום איז זעהר טאַלאַנטפול. ביטע... איינס... צוויי־דריי. ערלויבט נאָר, ניט נאָר אזוי. דעם פוס דאַרפט איהר מאַכען עכטער, די בעוועגונג פון דער רעכטער פוס דאַרף זיין נעט אַבגערונדעט. אַט אזוי, אַט אזוי (ער ווייזט ווי). טאַנצען, מאַדאַם לייזער, איז נאָר אזוי ווי מאַטעמאַטיק; מען דאַרף דאָ אַ צירקעל... ביטע, מאָסיע נחום. איינס־צוויי־דריי איינס־צוויי־דריי. (שפּיעלט אויפ'ן פידעל.)

---

*) איך גיב עס איבער אין דער איבערזעצונג פון ס. קאַטץ, וואָס איז ערשיענען אין ניו־יאָרק אונטער דעם טיטעל: „דער אשמדאי".

נ ח ו ם (אָתן אָטהעם): איינס־צוויי־דריי; איינס־צוויי־דריי....

ער דרעהט זיך און פּלוצלינג פאַלט ער שיער אום. שטעלט זיך אָב מיט אַן אויסגעמאַטערטען פּנים, בלוטלאָז און טויטליך דער בליק — דער הוסט שטיקט איהם. הוסט זיך אויס און טאַנצט ווייטער.

נ ח ו ם: איינס־צוויי־דריי.

ל ע ה ר ע ר: אַט אַזוי, אַזוי, מאַסיע נחום. נעמער, נעמער, איך בעט אייך. איינס־צוויי־דריי...״

דוכט אייך ניט, אַז דאָס האָט זיך דער מלאך־המות אַליין אַנגעטהאַן פאַר אַ טאַנץ־לעהרער און מיט גראַציעזע, קיילעכדיגע, נעט־אָבגערונדעטע „פּאַ״ דרעהט ער זיך אַריין מיט נחום׳ען אין דעם קבר אַריין? וועניגסטענס האָט דאָס אַזוי געווירקט אויף דוד לייזער׳ען.

דאָס גליק, וואָס רייכקייט קאָן ברענגען, פערשטעהט שוין דוד לייזער גאַנץ גוט. מען קאָן פאַר כל הגעלטען ניט קויפען איין איינציגען טאָג פון לעבען און געזונט. און אפילו, אַז מען וואָלט שוין דאָס יע געקאָנט קויפען, — וואָס איז דאָס גאַנצע לעבען, אפילו דאָס רייכסטע און שעהנסטע, אויב ניט אַ גראַציעזער טאַנץ מיט קיילעכדיגע, נעט־אָבגערונדעטע פּאַ — גלייך אין קבר אַריין, אונטער דעם מאַטעמאַטיש אָבגעצירקעלטען טאַקט פון דעם ביינערנעם טאַנץ־לעהרער?

דוד לייזער זיפצעט, קרעכצעט ביטער אונטער דער שווערער לאַסט פון יענע אייביגע פראַגען, וואָס וואַקסען פּלוצלונג אויס פאַר דעם מענשען, ווען ער ווערט אַוועקגעשטעלט פּנים לפּנים צום טויט; וואָס זענען פּלוצלונג אויסגעוואַקסען אויך פאַר טאָלסטאָי, בעת ער איז געשטאַנען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון דעם אויסערען גליק.

אַלעמען איז בעקאַנט טאָלסטאָי׳ס תירוץ אויף דעם אייביגען פּראָבלעם פון דעם מענשליכען לעבען און טויט: ווילסטו לעבען נאָר פאַר זיך, וועסטו קיינמאָל ניט געפינען קיין אמת׳ן גליק, ווייל אַלץ וועט איינשלינגען דער שוואַרצער פּחד פאַר׳ן טויט. גליק, פרייד און דעם בעוואוסטזיין פון אונשטערבליכקייט קאָנסטו האָבען נאָר

יעמאַלט, ווען דו לעבסט ניט צוליעב זיך, נאָר צוליעב דער מענש־הייט, צוליעב גאָט, וואָס איז די ליעבע צו אַלעמען.

אויך פאַר דוד לייזער'ען האָט זיך סוף־כל־סוף אויפגעעפענט יענע טאָלסטאָישע טהיר אין גן־עדן. אָבער — מערקווירדיג! ניט ער, דוד לייזער, האָט צוערשט דערזעהן דעם ארויסגאַנג. אָנגעוויזען אויף איהם האָט איהם נאָר — אַנאַטעמאַ. יע, אַנאַטעמאַ, דער גלגול פון דעם שטן, וואָס איז בעקאַנטליך, אויך דער מלאך־המות און דער יצר הרע, ער האָט גענומען דערדען פון דוד לייזער'ס געוויסען, ווי אַן אַגיוסט קאָנט אָדער א טאָלסטאָי, ווענגען דער ליעבע צו דער מענשהייט.

אין דעם מאָמענט פון דעם העכסטען יאוש, ווען דוד פיהלט זיך פער'יתום'ט און אין גאַנצען אָבגעריסען פון גאָט, „ווען די נשמה יאָמערט פאַר'ן פחד פון טויט", ווייזט איהם נולליוס אָן אויף די אָרעמע לייט, וואָס זענען געקומען נאָך א נדבה, און גיט איהם די עצה — אוועקצוגעבען זיי זיין גאַנצען פערמעגען.

„דיין משוגעת בעשטעהט אין דעם, דוד לייזער", דערקלעהרט נולליוס - אַנאַטעמאַ - טאָלסטאָי, „וואָס דו האָסט דעם גאַנצען לעבען געזוכט גאָט און ווען גאָט איז צו דיר געקומען — האָסטו געזאָגט: איך קען דיך ניט. דיין טויט בעשטעהט אין דעם, דוד לייזער, וואָס, א פערבלענדעטער פון אונגליק, אזוי, ווי א פערד, וואָס דרעהט אין דער פינסטער די ראָד אַלץ אין דעם זעלביגען קרייז, האָסטו פערלאָרען אויס'ן אויג די מענשען און איינזאַם ביזטו געבליבען צווישען זיי מיט דיינע עשירות און מיט דיין חלאת. דאָרטען, דרויסען וואַרט אויף דיר לעבען — און דו, בלינדער, פערמאַכסט פאַר איהם די טהיר. טאַנץ דוד, טאַנץ — דער טויט האָט אויפגעהויבען דעם סמיק און וואַרט אויף דיר. אביסעל גראַציעזער, דוד לייזער, בריה'שדיגער, קיילעכיגער דעם פאַ!"

ד ו ד: וואָס ווילסטו פון מיר?

אַ נ אַ ט ע מ אַ: גיב אוועק צוריק גאָט, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען.

ד ו ד (אַנגערוקט): האָט מיר דען גאָט וואָס געגעבען?

אַ נ אַ ט ע מ אַ: יעדער רובעל אין דיין קעשענע איז א מע־סער, וואָס דו שטעכסט אריין אין'ס האַרץ פון דעם הונגעריגען

צוטייל דיינע גיטער פאַר אָרעמע לייט, גיעב ברויט די הונגעריגע און דו וועסט בעזיעגען דעם טויט.

ד ו ד: קיין סקאָרקע האָט קיינער דוד'ן ניט געגעבען, בעת ער האָט געהונגערט, וועל איך מיט זייער זאטקייט אַנזעטיגען דעם הונגער, וואָס איז אין מיינע ביינער?

א נ אַ ט ע מ אַ: אין זיי וועסטו זאט זיין.

ד ו ד: וועל איך דען צוריק אומקעהרען די געזונט און די קראַפט?

א נ אַ ט ע מ אַ: אין זיי וועסטו שטאַרק זיין.

ד ו ד: וועל איך פעריאָגען דעם טויט, וואָס איז שוין אינ'ם בלוט, דעם שיטערען, ווי אַ וואַסער, וואָס איז שוין אין מיינע אָדערען, די האַרטע, ווי טרוקענע שטריק? וועל איך דען צוריק אומקעהרען דאָס לעבען?

א נ אַ ט ע מ אַ: מיט זייער לעבען וועסטו פער'כפל'ען דיין לעבען. איצט האָסטו נאָר איין הארץ, דוד. ביי דיר וועלען ווערט מיליאָנען הערצער.

ד ו ד: אַ ב ע ר א י ך ו ו ע ל ש ט אַ ר ב ע ן?

אנאַטעמאַ: ד ו ו ע ס ט ז י י ן א ו נ ש ט ע ר ב ל י ך!

פון וועלכער אונשטערבליכקייט רעדט דאָ אנאַטעמאַ? — מיינט ער די רעליגיעזע, יענע־וועלטיגע אונשטערבליכקייט, מיט וועלכער דער רבונו־של־עולם בעצאָהלט דעם מענשען, פאַר וואָס ער האָט גוט אויסגעפיהרט זיין געבאָט? אָדער האָט ער אפשר אין זינען יענע אונשטערבליכקייט, וועלכע אָגיוסט קאָנט האָט אונז געלערענט, — דאָס אייביגע לעבען אין דעם זכרון פון דער מענשהייט דורך די גוטע מעשים, וואָס ער טהוט פאַר איהר? אָדער איז דאָ געמיינט נאָך אַן אַנדער ארט אונשטערבליכקייט — די, אויך וועלכע טאָלסטאָי האָט אונז אָנגעוויעזען?... ווען דער מענש הויבט אָן צו לעבען אין ליעבע און ליידען פאַר דער מענשהייט, אַזוי ווערט אין איהם דערוועקט, לערענט אונז טאָלסטאָי, יענער פונק פון דער געטליכער ליעבע, וואָס איז פאַראַן ביי יעדען איינעם פון אונז און וואָס קאָן ניט פערשווינדען מיט דעם טויט. מיט דעם ערוואַכען פון דער געטליכער ליעבע אין זיין ברוסט, דערוועקט זיך אין דעם מענ־

שען אויך דאָס בעוואוסטזיין, אז ער איז אַ טייל פון דער אונשטערבליכער גאָטהייט און ממילא אַליין אונשטערבליך — און עס פערשווינדט פון איהם דער פּחד פאַר׳ן טויט. אָדער האָט דאַ אַנאַטעמאַ אין זין נאָך אַנאַנדער מין אונשטערבליכקייט?

די שאלה בלייבט ניט קלאָהר פאַר דעם לעזער, אָבער דער־ווייל איז דאָס אויך ניט וויכטיג פאַר אונז. וויכטיג איז, אז די אַלע טאָלסטאָי׳שע טענות און טהעאָריען פון אַנאַטעמאַ זענען געפאַלען אויף אַ גוטען באָדען. אייגענטליך, האָט דער געטליכער פונק פון ליעבע צו דער מענשהייט שוין לאַנג געלעבט אין דוד לייזער׳ס ברוסט. ער איז נאָר געווען צוגעדעקט מיט אַ באַרג ביטערניסען, אָנגעזאַמעלט פון דעם אונגליקליכען לעבען. דער וכוח מיט אַנאַטע־מאַ־טאָלסטאָי האָט נאָר פאַנאַנדערגעגראָבען דעם באַרג אַש — פאַנאַנדערגעבלאָזען דעם פונק — און פון דאָרטען האָבען גענומען שלאָגען די העלע פלאַמען פון ליעבע. ער בעשליסט פאַנאַנדערצו־טיילען זיין פערמעגען.

„אָך, קלוגער נולליוס, אָך נאַרישער נולליוס“, זאָגט ער צו אַנאַטעמאַ. „נישיים האָסטו ניט פערשטאַנען, אז איך וואַרט שוין לאַנג אויף די אָרעמע לייט און זייער קול איז אין מיינע אויערען און אין מיין הארצען... רוף אַהער די אָרעמע לייט“.

אָבער די מאָטיווען פון דוד לייזער׳ס בעשלוס זיינען דאָך אַביסעל אנדערע, איידער די, וועלכע אַנאַטעמאַ לעגט איהם פאָר־אַנדער. דער אייגענטליכער „טאָלסטאָי“ איז דאָ פאַרט דוד לייזער און ניט אַנאַטעמאַ. „ניט דעם מ ע נ ש ע ן“, זאָגט דוד, „נאָר ג אָ ט האָב איך אוועקגעגעבען מיין נשמה און זיין מאַכט איז אויף מיר“. ער פאָלגט ניט דער שטים פון מענשען־ליעבע, ווען אפילו דער קול פון די אונגליקליכע איז „אין זיינע אויערען און אין זיין הארצען“, נאָר דער „שטים פון גאָט“, אַן איננווענינגען האַלב־קלאָה־רען רעליגיעזען בעוואוסטזיין, אַז דורך די מעשים־טובים פון ליעבע און רחמנות ווערט ער נעהנטער צו זיין בעשעפער.

אין פלוג איז דאָ צווישען דוד׳ן און אַנאַטעמאַ נאָר אַ קליינינ־קער אונטערשייד. און עס ווייזט אויס, אז אַנאַטעמאַ בעמערקט איהם ניט. אָבער אין דער אמת׳ן איז דער אונטערשייד אַ געוואַלטיגער.

פאַר וואָס איז אַנאַטעמאַ געוואָרען אַזאַ מענשען־פריינד?

פאַר. וואָס קעמפפט ער אזוי פאַר דער מענשהייט און דער מסירת נפש צוליעב איהר? פאר וואָס ווייזט ער אזוי קלאָהר אָן אויף דאָס גליק און די פרייד פון מסירת נפש? — ער איז דאָך דער גלגול פון דעם שטן, זיין אויפגאַבע וואָלט דאָך בעדאַרפט זיין צו פערדאַרבען דוד'ס נשמה, אַנשטאָט דעם דערהויבט ער זי גאַר צו אַן אוּנענדליכער מאַראַלישער הויך?

מיר וועלען זיך שפּעטער אָבשטעלען אביסעל לענגער אויף דעם סימבאָל פון אַנאַטעמאַ. דערווייל איז גענוג, ווען מיר וועלען וויסען, אז ער איז מעהר א שפעטער גלגול פון דעם שטן, אז ער איז א גאָטעס־פיינד, אָבער א מענשען־פריינד, און עס איז איהם דעריבער באמת לייכט צו רעדען, ווי טאָלסטאָי, אָדער ריכטיגער, ווי אָגיוסט קאָנט, וועגען דער מענשהייט און דעם גליק פון מסירת נפש צוליעב איהר. פון דער אַנדער זייט אָבער וואַקסט אין זיין ברוסט אַן א ביטערער געלעכטער, ווען ער דערמאָנט זיך, ווי אָהנמעכטיג דער מענש איז, אפילו אויף זיין העכסטער מאַראַלישער הויך, לגבי דער נאַטור, וואס ווערט בעהערשט פון געטליכע סודות, וועלכע זיינען אויף אייביג פאַר אונז פערדעקט. פון זיין, אנאַטעמא'ס, שטאַנדפּונקט איז גאָט'ס וועלט א מאַוים'דיגע משוגעת, א שפּיי אין פּנים דעם שכל און דעם יושר, — א שפּיי מיט בלוט און גאַל. אָט דעם פּונקט וויל ער ארויסברענגען קלאָהר אָהן א ברעקעל ספק אין זיין קאַמפּף אַנטקעגען די הימלען. צוליעב דעם צוועק וויל ער „גוט אויספּעכען" דוד לייזער'ן. ער וויל בשום אופן ניט פערדאַרבען דוד לייזער'ס נשמה. אדרבה, וואָס העכער זי איז, וואָס שטראַהלענדער זי לייכט אין איהר געטליכער ריינקייט, אַלץ בעסער פאַר איהם. די רעזולטאַטען פון דוד לייזער'ס מעשים, וואָס זענען דיקטירט פון די עדעלסטע מאָטיווען, וועלען שוין אין גאָט'ס שעהנער וועלטעל זיין אַזעלכע, וואָס וועלען מוזען אויפטרייסלען די יסודות פון אלע הימלען, אויב דאָרטען איז נאָך דאָ א פונק פון שכל און פון יושר.

דער העכסטער מאָראַלישער אידעאַל פאַר אַנאַטעמאַ איז קאָנט'ס מענשהייט'ס ליעבע, וואָס דאָס איז אויך דעם אויבערשטען'ס געבאָט. אָבער דוד לייזער שטעלט זיך לכתחלה אַוועק אויף א מאָראַלישער ליניע, וואו די ליעבע צו דער מענשהייט איז ניט

דאָס לעצטע וואָרט, נאָר דאָס ע ר ש ט ע וואָרט, ניט דער אַנדציעל, נאָר דער וועג צום ציעל. דאָס ציעל איז די ליעבע צו גאָט, דער גערייניגטער רעליגיעזער געפיהל. דער געפיהל איז ניט די ליעבע צו דער מענשהייט, ווען אפילו ער דריקט זיך אויס אין איהר. די מסירת נפש און די מעשים טובים איז נאָר די אויסערליכע ש פ ר א ך, אין וועלכער עס רעדט צו אונז גאָט'ס שטים. ניט דעם מענשען, גאָט ניט דוד לייזער אוועק זיין נשמה...

און האָבענדיג אין לעצטער ליניע ניט דעם מענשען, נאָר גאָט אין זינען, קאָן זיך דוד לייזער אויפהויבען אין זיין מאָראַלישער הויך איבער די מענשליכע איינטיילונגען פון „גוט“ און „שלעכט“, פון „עהרליכע“ מענשען און „ניט־עהרליכע“. ער שטעלט זיך דאָ אוועק כמעט ווי אויף ניעטצשע'ס שטאַנדפונקט: „יענזייטס פאָן גוט אונד בעזע“. אַלע מענשען זענען גלייך אין ליידען, און ער לאָזט רופען צו זיך אַ ל ע ל י י ד ע נ ד ע. אַלעמען וויל ער ברענגען פרייד, אויף אַלעמען אויסגיסען זיין הילף, ווי די שטראַהלען פון דער זון, וואָס לייכטען גלייך העל אויף דעם צדיק און דעם רשע.

אַנאַטעמאַ זעהט הפנים ניט איין די נפקא מינה, וואָס צווישען זיין „קאַנטיזם“ און דוד לייזער'ס „טאָלסטאָיזם“. ער מיינט, ווייזט אויס, אַז דוד לייזער טאַנצט נאָך זיין פייפעל, און אפשר זעהט ער דערפאַר ניט איין די נפקא מינה, ווייל פאַר די ר ע ז ו ל ט א ט ע ן איז אַלץ איינס: ליידענשאַפטליכע ליעבע צו דער מענשהייט, אָדער טרייע גאָט־איבערגעבענקייט, וואָס האָט אויפגעוואַקסט אין דוד לייזער'ס ברוסט. סאַי ווי סאַי מוז דער סוף דערפון זיין — וואַהנזיניגע ליידען פאַר דער מענשהייט, איבערמענשליכע יסורים דוד לייזער'ן.

אָבער — לאָמיר ניט כאַפּען די פיש פאַר'ן נעטץ. מיר האַלטען נאָך ניט ביי די יסורים. אדרבה! מיר שטעהען איצטער ביי די טהירען פון אַ גן־עדן, וואָס אַ שעהנערען פון איהם האָט די מענשליכע פאַנטאַזיע קיינמאָל ניט געקאָנט אויסמאָלען: דעם גן־עדן פון דעם ריינעם, אמת'ען גליק, וואָס עפענט זיך דעם מענשען, בעת ער פיהלט, אַז ער האָט די אַנדערע באמת גליקליך געמאַכט.

דוד לייזער האָט צוטיילט זיין פערמעגען, און די פינסטערע וואָלקענס זיינען פערשוואונדען פון זיין נשמה און פון דער ערד־

טיגער וועלט. אַ נייע, פרישע, פרעהליכע זון איז אויפגעגאנגען אויף אַ נייעם פריש־געבוירענעם, פרעהליכען הימעל, און אַלץ שטראַהלט און גלאַנצט אין דעם שיין פון ליעבע און פרייד.

דעם העכסטען שטאַפּעל פון גליק דערגרייכט דוד לייזער אין יענעם מאָמענט, ווען איהם ווערט אַליין קלאָהר די גאַנצע בעדייטונג פון זיין גליק פאַר דעם גרויסען פּראָבלעם פון דעם מענשליכען לע־בען. ער וואקסט יעמאָלט אויס צו אַ געוואַלטיגער גרויס: ער ווערט אויף אַ מאָמענט אַ נביא, וואָס ברענגט דער מענשהייט די פרעה־ליכע בשורה פון גליק און אונשטערבליכקייט, פון „בלע המות לנצח.“

געשעהן איז עס בשעת דעם טריאומפאַלען קבלת־פּנים, וועל־כען די אָרעמע לייט האָבען געגעבען דוד לייזער׳ן. אמת, אויסערליך איז דער קבלת־פּנים, וועלכען מען האָט אַראַנזשירט ביי די סאָדא־ביידלעך, וואו דוד לייזער האָט אָבגעפינסטערט זיין גאַנצען לעבען, אַרויסגעקומען גאַנץ אָרעמליך. די מוזיק איז געווען אַ היימישע, פון היימישע כלי־זמר, מיט אַ דורכגעלעכערטען פּויק, אין וועלכען אַ הונט האָט געקאָנט אריינקריכען, און אַ צובויגענעם מעשענעם טרו־מייט, מיט עפּעס אַ יוצא־דופן׳דיגען קול. די מוזיק, וואָס אזא׳ן אָר־קעסטער האָט געקאָנט אַרויסברענגען, האָט געמוזט זיין אַ הימעל־שרייענדער קאַצען־יאָמער, פון וועלכען נאָר אַן אַנאַטעמאַ האָט געקאָנט מיט איראָנישע התפעלות אַרויסהערען „די האַרמאָניע פון׳ם וועלט־אַל“. אָבער אַנאַטעמאַ האָט זיך ניט איינגעהערט אין אַן אַנדער „האַרמאָניע פון׳ם וועלט־אַל“, אין דער מוזיק פון די הערצער, וואָס זענען געקומען אָבגעבען כבוד דוד לייזער׳ן און אָבדאַנקען איהם פאַר זיין טובה.

מערקווירדיג, אַז אויך ביי דער געלעגענהייט האָט איהם אַנאַ־טעמאַ געהאָלפען צו מאַכען אַ וויטערען שריט אין דער מאָראַלישער פאָלקאָמענהייט. אויף דער שמחה איז דוד געקומען אַן אומעטיגער, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז ער פערדיענט ניט דעם גאַנצען כבוד; הייסט עס, ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגען זיך. ערשט אַנאַטעמאַ דערמאָנט איהם, אַז עס איז ווייניג אָוועקצוגעבען דאָס מאַטעריעלע פאַר דער מענשהייט, אַז מען דאַרף איהר אָוועקגעבען די גאַנצע נשמה, דעם טרויער און די פרייד, מען דאַרף לעבען מיט זיי, מיט

די מענשען, מיט ז י י ע ר ע אונגליקען און מיט זייערע שמחות. נאָך אמאָל האָט זיך דערביי ארויסגעוויזען, אַז אַנאַטעמאַ שפּיעלט באמת זעהר גוט די ראָלע פון'ם יוצר־טוב, ווייל אין תוך אַריין איז ער א יוצר־טוב פאַר'ן מענשען. און נאָך אמאָל האָט זיך ארויסגע־וויזען, אַז ער דערצעהלט ניט קיין נייעס דוד לייזער'ן; אַז אין דער טיעף פון דוד'ס הארצען זענען די דאָזיגע אמת'ן שוין לאַנג געווען א לעבעדיגע פּסיכישע ווירקליכקייט. און אויך דאָס איז וויע־דער געוואָרען קלאָהר, אַז דוד לייזער'ס געדאַנקען־גאַנג איז פער־שיידען פון אַנאַטעמאַ'ס, אפילו ווען יענער איז דער יצר־טוב: מיט זיין אומעטיגקייט, מיינט דוד לייזער, האָט ער בעגאַנגען א זינד ניט אַנטקעגען מענשען, נאָר אַנטקעגען גאָט. „וועמען האָב איך גע־וואָלט נארען מיט מיין פערשטעלען זיך?" — מאַכט ער זיך אליין דעם פאָ־וואורף. „לעב איך דען ניט טאָג ווי נאַכט אין שמחה און שעפּ ניט מיט פולע הויפענס ליעבע און גליק? איז — פאַר וואָס האָב איך מיך פערשטעלט פאַר אַן אומעטיגען?"

אָבער דאָס האָט אַנאַטעמאַ גאַנץ געוויס ניט דערוואַרט, אַז דוד לייזער'ס נשמה זאָל זיך דערהויבען צו אַזאַ הויך פון קלאָהר־קייט און גרויס און מיט איהם זאָל פּאַסירען דאָס, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. אויף איהם איז געקומען עפּעס אַזוינס, פאַר וועלכען מיר האָבען קיין אַנדער נאָמען ניט, ווי נאָר „רוח הקודש" און „רוח הנבואה". געהענדיג מיט זיין ווייב און נולליוס'ען צוריק אַהיים פון דער שמחה, קעהרט זיך אום דוד לייזער און בעטראַכט דעם אָרט, וואו ער האָט פערבראַכט זיין אָרעמען לעבען. אָנגעלעהנט אויף שרה'ס אַקסלען רעדט ער צו איהר:

„זעה, שרה, אָט איז דער פּלאַץ, וואו עס איז אוועק אונזער לעבען — ווי טרויעריג און אָרעם ער איז און פון איהם אָטהעמט ווי פון א היימלאָזען מדבר. אָבער האָב איך דען ניט דאָ דערגאַנגען דעם גרויסען אמת וועגען דעם מענשענ'ס גורל? איך בין געווען אָרעם ווי א בעטלער, איינער אליין און נאָהענט צום טויט, א נאַר־ישער אלטער מאַן, וואָס האָט געזוכט אַן ענטפער ביי די וואַלען פון ים, אָבער — אָט זיינען געקומען מענשען — בין איך דען עלענד? בין איך דען אָרעם און נאָהענט צום טויט? הערט מיך אויס, נולליוס: ג י ט אַ ק י י ן ט ו י ט פ אַ ר ' ן מ ע נ ש ע ן. וואָס

פאַר אַ טויט? וואָס הייסט טויט? ווער, דער צרה'דיגער, האָט אויסגעטראַכט אזא משונה'דיג ווערטעל: טויט? ס'קאָן זיין, ער איז דאָ, איך ווייס ניט, אָבער איך, נולליוס... איך בין אונשטערבליך. (ווי פון אַ ליכטיגען שלאָג געטראָפען, בויגט ער זיך איין און הויבט אויף די הענד צום הימעל) אַי, ס'אַראַ'ן אימה: איך בין אונשטערבליך. וואו איז דער סוף פון הימעל? איך האָב איהם פערלאָרען. וואו איז דער סוף פון דעם מענשען? איך האָב איהם פערלאָרען — איך בין אונשטערבליך. אדני! אדני! יהי שם ד' מבורך, געבענשט איז אַלע אייבינקייטען זאָל זיין דער פערבאָרגענער נאָמען פון דעם, וואָס גיט אונשטערבליכקייט דעם מענשען... דער אונבעגרעניצטער ווייט פון די צייטען גיב איך איבער דעם מענשענ'ס גייסט: ער זאָל לעבען אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון דעם פייער. ער זאָל לעבען אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פונ'ם ליכט, וואָס איז לעבען. און די פינסטערניס זאָל בלייבען שטעהן ביי דעם שוועל, וואו עס וואוינט די אונשטערבליכע ליכטיגקייט. איך בין גליקליך, איך בין אונשטערבליך — אַ גאָט!"

איך בעט אייך, איהר זאָלט אריינגעהמען אין זכרון די דאָזיגע ווערטער, ווייל איך וועל שפּעטער רעדען באריכות וועגען דעם עניין פון יענער אונשטערבליכקייט, וואָס דוד לייזער האָט פּלוצלונג דערבליקט. דערווייל לאָמיר תשוּת גלויבען דוד לייזער'ן אָדער אַנדרעעו'ן אויפ'ן וואָרט... לייזער האָט דערשפּירט אין זיך די אונשטערבליכקייט.

אַ מעכטיגער שטראָם פון דעם ליכטיגען אָפּטימיזם שלאָגט דאָ פון דוד לייזער'ס נביאות. ווי האָט דאָס געווירקט אויף אנאַטעמאַ?

בעת דער רוח הקודש איז פּלוצלונג אראָב אויף דוד לייזער'ן און די ליכטיגע אייבינקייט האָט זיך פּלוצלונג אנטפּלעקט פאַר זיין געפיהל און ער האָט געמאַכט „שהחינו" אויף די אונשטערבליכקייט, האָט אנאַטעמאַ זיך מיט אימפּעט געווענדעט צו איהם: „דעם נאָמען! דעם נאָמען! דו ווייסט זיין נאָמען. דו האָסט מיך אָבגענאַרט." אָבער דוד האָט איהם ניט געהערט. ער איז געווען אין דער מאַכט פון דעם הייליגען גייסט, וואָס איז געקומען איבער איהם, ער האָט געבענשט דעם מענשען אין דער ווייט פון די צייטען און זיין

נשמה האָט געשוועבט אין פריידיגע התפעלות פון דעם אייביגען לעבען: „איך בין גליקליך, איך בין אומשטערבליך — אַ גאָט!״

דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַנאַטעמאַ׳ן פון אַלע כלים. איז דען די הייליגע נביאות פון דוד לייזער׳ן עפעס מעהר ווי אַ געפּלאַפּעל פון מענשליכער שכרות? ווילד, אין צאָרן, אָבער פאָרט אַ מטושטש׳ער, שרייט ער אויס: „דאָס איז אַ ליגען! אַ, ביז ווי לאַנג וועל איך נאָך הערען דעם שוטה! צפון און דרום, מזרח און מערב, איך רוף אייך גיבער, אַהער, דעם טייוועל צו הילף! מיט די פיער ים׳ען פון טרערען ניט אַ שטראָם אַהער און בעגראָבט אין אייער תהום דעם מענשען. אַהער! אַהער!״

„קיינער״, דערצעהלט אַנדרעיעוו, „הערט נישט דעם יאָמער פון אַנאַטעמאַ, נישט דוד, וועלכער איז אינגאַנצען בעלויכטען מיט דעם טריאומף פון אונשטערבליכקייט, ניט שרה, נישט די איבעריגע מענשען. זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז צוגעשמידט צו זיין הערליך־לייכטענדען פּנים און די אויפגעהויבענע הענד צום הימעל. איינער אַליין צאַפּעלט זיך אַנאַטעמאַ און שילט״.

דוד לייזער׳ס נביאות קאָן איהם נישט אַראָבברענגען פון זיין פּלאַן. ער קאָן אין איהר ניט זעהן דעם ענטפער אויף די פּראָבלעמען וואָס פּלאָגען זיין גייסט. ער מוז זעהן אין איהר נישט מעהר ווי דאָס געפּלאַפּעל פון מענשליכע שכרות: דוד לייזער׳ס גאַנצער גן־עדן מוז דאָך פערטרונקען ווערען אין די פיער ים׳ען פון מענשליכע טרערען.

און די פיער ים׳ען זענען געקומען, און מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבען די אייגענטליכע טראַגעדיע אין דוד לייזער׳ס לעבען. זיין טריאומף, — דער נצחון פון גאָט איבער דעם טייוועל, — איז פערבלינעט געוואָרען אין אַ ים פון מענשליכע יסורים. עס האָט גענומען שטייגען דער ים, און אַלץ העכער און העכער איז געשטיגען דער טריאומף פון דעם טייוועל איבער גאָט.

דוד׳ס נאָמען האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דער גאַנצער וועלט. און פון אַלע פיער עקען פון דער וועלט האָט גענומען שטראָמען צו איהם די ליידענדע מענשהייט, מיט אַלע איהרע נויטען, מיט אַלע איהרע וועהען. דוד איז פאַר זיי געוואָרען דער משיח, וואָס זאָל אויסלייזען זיי פון אַלע איהרע פּלאָגען און פערווירקליכען איהרע טיעף פערבאָרגענסטע אידעאַלען.

שוין ביי דעם קבלת־פּנים איז געקומען א וואַנדערער פון ווייטע מקומות, וואָס צו זיי האָט דערגרייכט דער קלאַנג פון דוד׳ס נאָמען. ער איז געקומען אויסצוגעפינען דעם אמת, ווייל די קלאַנגען זיינען געווען אזוי וואונדערליך שעהן, אזוי מאַגנעטיש צוציהענד פאַר דאָס מענשליכע הארץ. דאָס ביי דעם, דאָס ביי יענעם אין דעם עולם פרעגט ער אויס וועגען דוד׳ן: איז דאָס אמת, אז דוד האָט אויסגעהיילט א קראנקע פרוי, וואס האָט שוין געהאַלטען ביים שטאַרבען? איז דאָס אמת, אז ער האָט געמאַכט זעהענדיג א בלינד־געבאָרענעם? איז דאָס אמת, אז דוד לייזער וויל אויסבויען א פּאַלאַץ פון ווייסע שטיינער און בלאָהע גלאָז און פערזאַמלען אהין אלע אָרעמע פון דער וועלט? איז דאָס אמת, אז ער וויל אָבנעהמען די מאַכט פון די רייכע און אוועקגעבען זי צו די אָרעמע און אָבנעהמען די הערשאַפט פון די מעכטיגע, די בעפעהלענדע און צוטיילען עס צווישען אלע מענשען, אלעמען גלייך? און איז דאָס אמת, אז ער האָט געשיקט שלוחים קיין עפיאָפּיע צו די שווארצע מענשען, אז אויך זיי זאָלען זיך פאַרטיג מאַכען אויפצונעהמען די נייע מלוכה, ווייל ער וויל אויך די שווארצע געבען א גלייכען חלק מיט די ווייסע, „אלעמען גלייך, יעדען אזוי פיעל, וויפיעל ער פערלאַנגט, עס זאל זיין על פי יושר?“

דער עולם לייקענט די אלע זאַכען, אָבער די שאלות אליין רופען אין איהם ארויס א חשד, אז דוד איז ניט קיין פשוט׳ער מענש, און אויך פאַר זיי, פאַר דעם גרויסען עולם, עפענען זיך פאַנאַנדער ליכטיגע האָריזאָנטען פון מענשליכען גליק און יושר, וואָס דאַרפען אפשר פערווירקליכט ווערען דורך דוד לייזער׳ן. שרה אליין, דוד לייזער׳ס ווייב, הויבט אָן צו גלויבען אין דער איבערנאַטירליכער קראַפט פון איהר דוד׳ן.

דער וואַנדערער ווענדעט זיך מיט זיינע פראַגען בסוד צו אנאַטעמקאַ. דער קלוגער מייוועל לייקענט אלץ אָב, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ אויף ניין, אָבער שמייכעלט און גלעט דעם אלטען איבער׳ן אקסעל, און פערשטאַרקט נאָך דערמיט אפשר דעם וואַנדערער׳ס גלויבען.

דער געדאַנק, אז דוד בעווייזט וואונדער, אז ניט נאָר ער היילט קראַנקע, נאָר ער מאַכט אויך לעבעדיג טויטע, האָט זיך פער־

שפּרייט ווי אַ פייער אין אַ טרוקענער סטעפּ. זיין פּאַלאַץ איז באַלאַגערט געוואָרען פון אַלע אָרטען לײדענדע. עס זיינען געקומען צו איהם קראַנקע און פערהוויקערטע, מענשען, וואָס זיי ברענט דער געוויסען, מענשען, וואָס זוכען דעם אמת, און זייערע טויטע האָבען זיי מיטגעבראַכט, דוד זאָל זיי אומקעהרען צום לעבען.

שרה, דוד׳ס ווייב, איז גאַנץ איינגעגלויבט אין דוד׳ס איבער־מענשליכער קראַפט, און דאָס וואָס ער וויל נישט העלפען די אונ־גליקליכע מאַסען, ערקלעהרט זי זיך אויף אַ מיסטישען אופן, — אַז דוד איז נאָך נישט „פאַרטיג״. און דער גאַנצער עולם מיט זיינע פערהוויקערטע און טויטע וואַרט, ביז דוד וועט ווערען פאַרטיג.

די ערשטע צייט האָט דוד נאָך וואָס איז געקאָנט טהאָן פאַר די מענשען, וואָס זיינען געקומען צו איהם נאָך הילף און פרייד. ער האָט עטליכע מאָל איבערגעטהיילט זיין שוין אַמאָל צוטהייל־טען פערמעגן. געגומען ביי איינע, געגעבען די אַנדערע, ביז עס איז צופאַלען געוואָרען אין שטויב דער גילדענער באַרג און עס איז פערוווירקליכט געוואָרען דער אידעאַל פון אַבסאָלוטען יושר, אַלע האָבען סוף כּל סוף בעקומען גלייך, — אַלע נישט מעהר ווי צו איין קאָפּיקע. דערנאָך האָבען זיך אָבער אָנגעהויבען די איבער־נאַטירליכע פאָדערונגען, דאָס נישט וועלען גלויבען, אַז ער איז אַ פּשוט׳ער בשר ודם. עס האָבען געבעטען די אויסגעשטרעקטע הענד, די אויסגעשמאַכטע הערצער אַ שטיקעלע הילף אַנטקעגען דער מענשליכער הילפלאָזיגקייט, און — דעם אַלטענ׳ס האַרץ וויינט מיט זיי, און העלפען קאָן ער נישט.

אָט איצטער ערשט האָט זיך אָנגעהויבען דער גיהנום, מיט וועלכען דוד לייזער האָט געמוזט בעצאָהלען מיט זיין רגע פון אונ־שטערבליכען גליק.

———

„בין איך דען נישט אַ פערברעכער, נולליוס, וואָס רופט און גיט ניט, וואָס ליעבט, כּדי צו פערדאַרבען? אָי, ווי דאָס האַרץ טהוט וועה״, בעקלאָגט ער זיך פאַר אַנאַטעמאַ. „אָי, ס׳איז מיר קאַלט ווי דער ערד, וואָס איז בעדעקט מיט אייז און אינעווייניג אין איהר ברענט אַ היץ און אַ ווייסער פייער, אָי, נוליוס, האָסטו וועןן געזעהן אַ ווייסען פייער, אויף וועלכען די לבנה ווערט שוואַרץ און די זון ווערט איבערגעברענט ווי גרעלע שטרוי?״

די זון פון דוד'ס גליק איז ווי געלע שטרוי איבערגעבערענט געוואָרען אויף דעם ווייסען פייער פון זיין גיהנום.

„צו וואָס דאַרף דער מענש ליעבע, אַז זי איז אַהנמעכטיג; צו וואָס טויג דער לעבען, אַז ס'איז נישטאָ קיין אונשטערבליכקייט?"

אַנאַטעמאַ ווייס נישט קיין אַנדער עצה, ווי אַרויסגעהן צו דעם עולם און דערצעהלען איהם דעם גאַנצען ריינעם, פינסטערען, אכזריות'דיגען אמת. דוד לייזער טהוט עס, אָבער ער האָט מיט דעם גאָר נישט גע'פועל'ט.

„איהר ווייסט, גוליום," דערצעהלט ער איהם, „מיט מיר פּאַסירט עפּעס אַזוינס — איך האָב גאָר נישט. אָבער אַט איך בין אַרויסגעגאַנגען צו זיי, אַט האָב איך זיי דערזעהן, און איך האָב מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ס'איז נישט אמת. איך האָב עפּעס יאָ. איך רעד צו זיי און אַליין גלויב איך נישט; איך רעד און אַליין שטעה איך מיט זיי און שריי אַנטקעגען זיך גופא און פאָדער מיט רוגזא. מיט די ליפּען לייקען איך און מיט'ן האַרצען זאָג איך צו, און מיט די אויגען שריי איך: יע! יע! יע!"

וואָס טהוט מען? און דאָ קומט נאָך אַריין שרה, וואָס פיהרט אַ פרוי פאַר'ן האַנד, און די פרוי טראָגט אין די אָרעמס אַ טויטען קינד. די סצענע איז אַ ריהרענדע דורך די נאאיוויטעט פון דעם פאָלק'ס גלויבען, דורך דעם תהום פון מענשליכען יאָמער, וואָס אין איהר ליעגט, און איהר ווירקונג אויף דוד'ס נשמה האָט געמוזט זיין אַזוי שטאַרק, אַז איהר מוזט מיר ערלויבען, אַז איך זאָל זי אייך פאָרפיהרען אינגאַנצען.

שרה (ווייך): זייט נישט בייז, דוד. אָבער אַט די פרוי זאָגט, אַז זי קאָן מעהר נישט וואַרטען. זי זאָגט, אַז אויב עס זאָל נאָך לענגער דויערען איין ווילע, וועט זי שוין אין דעם וויעדערבעלעבטען ניט דערקענען איהר קינד. טאָמער דאַרפט איהר וויסען זיין נאָמען, איז — משה האָט מען איהם גערופען, דער קליינינקער משה. אַ שוואַרצינקער, איך האָב איהם געזעהן.

פרוי (פאַלט אויף די קניע): זייט ניט בייז, דוד, וואָס איך שטופּ מיך דורך פריהער פאַר די אַנדערע. אָבער דאַרטען זענען דאָ אַ סך, וואָס זענען ערשט ניט לאַנג געשטאָרבען, און איך טראָג איהם שוין דריי טעג און דריי נעכט ביי מיין ברוסט. אפשר דאַרפט

איהר אויף איהם אַ קוק טהאָן, וועל איך איהם אָברעקען. איך נאַר אייך דאָך גיט, דוד.

שרה: איך האָב איהם שוין געזעהן, דוד. זי האָט מיר איהם געגעבען צו־האַלטען. זי איז זעהר אויסגעמאַטערט, דוד.

דוד (שפּרינגט אויס די הענד מיט די לאַדאָניעס פאָראויס, טרעט אָב לאַנגזאַם צוריק הינטערווייל׳עכס, ביז וואַנען ער שטויסט זיך אָן אַן אַ וואַנד. אַזוי בלייבט ער שטעהן מיט אויסגעצויגענע הענד): האָט רחמנות! האָט רחמנות! (ביידע פרויען וואַרטען געדולדיג) וואָס זשע זאָל איך טהאָן? איך בלייב אָהן כחות, אָ, גאָט! נולליוס, זאָגט זיי, אַז איך בין ניט קיין מחיה מתים.

פרוי: איך בעט אייך רחמים, דוד. פערלאַנג איך דען איהר זאָלט צוריק לעבעדיג מאַכען אַן אַלטען מענשען, וואָס האָט שוין פיעל געלעבט און האָט פערדיענט דעם טויט מיט זיינע שלעכטע מעשים? פערשטעה איך דען ניט, וועמען מען קאָן און וועמען מען קאָן ניט לעבעדיג מאַכען? אָבער — עס קאָן זיין, איך האָב עס ניט געוואוסט — איז — זייט ניט בייז אויף מיר. און איך האָב איהם דאָך צוגעזאָגט, בעת ער איז געשטאָרבען: האָב קיין מורא ניט צו שטאַרבען, משה׳לע. דוד, וואָס דערפרעהט מענשען, וועט דיר צוריקגעבען דיין קליינינקעס לעבען.

דוד: וויזט מיר איהם. (קוקט, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און וויינט שטיל, ווישט די אויגען מיט דעם רויטען טוך, און פערטרויליך, אָנגעלעהנט אויף זיין אַקסעל, קוקט שרה.)

שרה: ווי אַלט איז ער?

פרוי: צוויי יאָהר געוואָרען, אויפ׳ן דריטען.

דוד (גיט זיך אַ קעהר מיט׳ן פערוויינטען פּנים צו אַנאַטעמאַ, דער פּנים כמעט ווי ביי אַ געריהרטען און רעדט ווי ניט מיט זיין קול): זאָל איך אפשר פּרובען, נולליוס? (בויגט זיך פּלוצלונג צונויף און שרייט הייזעריג) שמע ישראל! אוועק פון דאַנען! אוועק! דיך האָט געשיקט דער טייוועל. זאָג זיי דאָך, נולליוס, אַז איך בין ניט קיין מחיה מתים. חוזק מאַכען פון מיר זענען זיי געקומען... זעהט, אָן לאַכען זיי ביידע. ארויס פון דאַנען! ארויס!

אנאטעמא (צו שרה׳ן, שטיל): געהט ארויס און פיהרט אוועק די פרוי. דוד איז נאָך ניט אין גאַנצען פאַרטיג.

(זיי געהען אַוועק. אַן אויסגעמאַטערטער, לאָזט זיך דוד אַראָב
אין פאָטעל און הענגט קראַפטלאָז אַראָב זיין גרויען קאָפּ.)

וואָס טהוט מען? אַנאַטעמאַ קומט מיט אַ נייער עצה: אַנט־לויפען! זאָל זיך די וועלט געהן ווי זי געהט! זאָל זיך די מענש־הייט בלייבען ביי איהרע ליידען, פאַר וועלכע עס איז סיי ווי סיי ניטאָ קיין תרופה. און דוד לייזער זעהט איין, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר איהם ווירקליך ניטאָ; ער האָט זיך איבער־געטהאָן אַזוי, אַז מען זאָל איהם ניט דערקענען, און איז שוין פאַרטיג געווען אויסצופיהרען דעם פּלאַן מיט אַנאַטעמאַ'ס הילף, ערשט אַ נייער שטראָם מענשליכע צרות האָט זיך אַ גאָס געטהאָן צו זיינע פיס.

אין די צועפענטע פענסטער רייסט זיך אַריין אַ קופּער־קלאַנג פון אַ מאַסע טרומייטען. די טרומייטען ווערען פערשוויגען און עס הערט זיך די טופּעריי פון מאַרשירענדע חילות און דער יאָמער־רוף פון נייע קולות: דאַ־אַ־וויד! דאַ־אַ־וויד! — און די גערעכ־טיגקייט פון דוד לייזער'ס הארצען, דער דואַליזם זיינער, אויף וועלכען איך האָב שוין פריהער אָנגעמערקט, טרעט אַרויס אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם. ער איז אין הארצען מיט זיי, מיט די נייע מחנות ליידענדע. ער שטופּט אָפּ אַנאַטעמאַ'ן אָן אַ זייט, און, אויסגעשטרעקט ביידע הענד צו די אונגליקליכע פון דער ערד, שרייט ער צו זיי: „אהער! אהער! צו מיר! איך בין מיט אייך!" און אַז אַנאַטעמאַ פרעגט ביי איהם פערוואונדערט: וואָס? דו רופסט זיי? דו — רופסט — זיי?" און בעט איהם, ער זאָל קומען צו זיך, ענטפערט איהם דוד מיט כעס: „שווייג! דו פערשטעהסט ניט. מיר זענען מענשען, און מיר וועלען געהן אין איינעם (מיט התלהבות) און מיר וועלען געהן אין איינעם. אהער, ברידער, אהער! זעה, גלליוס, זיי האָבען אויפגעהויבען די קעפּ, זיי קוקען, זיי האָ־בען דערהערט. אהער! אהער!" און אַז אַנאַטעמאַ ניסט איהם אָב מיט קאַלטע וואַסער מיט דער שאלה: „ועסטו בעווייזען וואונ־דער?", ענטפערט דוד מיט דעם זעלביגען כעס: „שווייג, דו ביסט אַ פרעמדער! דו רעדסט ווי אַ פיינד פון גאָט און מענשען. דו ווייסט ניט פון קיין רחמנות און פון קיין חסד. מיר זענען אויס־געשמאַכט, מיר זענען מיעד און די טויטע האָבען זיך איינגעמאַ־

טערט צו וואַרטען. אַהער, און מיר וועלען געהן אין איינעם, אַהער!" אַנאַטעמאַ רעכענט איהם אויס דעם גאַנצען לייסטער צרות, וואָס זיי ברענגען מיט און צו וועלכע דוד קאָן גאָר גישט גיט העלפען. אָבער דוד שרייט אויס אין יסורים: „דו ווייסט נישט וואָס הייסט ליעבען, נולליוס!" ערשט, אַז אַנאַטעמאַ הויבט אָן אַליין אין פענסטער מיט געשרייען צו רופען די אונגליקליכע צו דוד'ן, ערשט יעמאָלט פאַלט ווידער דוד אַראָב, ווי אַן אונטער־געשאָסענער, פון הימעל צוריק אויף דער קאַלטער ערד, און איז מסכים — אַנטלויפען מיט נולליוס'ען אין מדבר, ווייט פון מענשען און זייערע ליידען.

דאָרטען, אין מדבר, שפּיעלט זיך אָב דער לעצטער אַקט פון דוד לייזער'ס טראַגעדיע. איך וועל זיך ניט אָבשטעלען לאַנג אויף איהם. עס איז געשעהן דאָס, אויף וואָס דוד לייזער האָט שוין אַ סך פריהער מיט אַ פערקלעמטען האַרצען געוואַרט. די מאַסען האָבען דערשלאָגען דוד'ן.

די מענשען האָבען אויסגעפונען דוד'ן אויך אין דער מדבר. אין ליעבע און צוטרוי זענען זיי געקומען צו איהם מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַ וואָרעם וואָרט פערלאַנגען זיי פון איהם און — נאָך עפּעס, אמת, גאָר אַ קלייניגקייט, — איין איינ־ציגע זאַך, וואָס איז כולל אין זיך אַלע פאָדערונגען, אפילו די וואָהנזיניגסטע, וואָס לעבען אין זייער ברוסט. די קלייניגקייט איז — י ו ש ר!

„וו אָ ס ווילט איהר", פרעגט ביי זיי דוד אין פּיין, און דער וואָנדערער ענטפערט שטיל: „יושר!" — „וואָס ווילט איהר?" פרעגט נאָך אַ מאָל דוד און אַלע ענטפערן מיט אַ מאָל: „יושר!"

ד ו ד: נו, זאָגט, נולליוס, איז יושר — וואונדער?

אַ נ אַ ט ע מ אַ (ביטער): דאָרטען זענען בלינדע און זיי זע־נען אונשולדיג; דאָרטען זענען טויטע, און זיי זענען אונשולדיג...

אין דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסען, וועלכע אַנאַ־טעמאַ דערקלעהרט זעהר ריכטיג, איז י ו ש ר און דער גלויבען אין וואונדער באמת איין און דיזעלביגע זאַך. הפּנים, ניט נאָר דער ענאָאיזם טרייבט די מאַסען צו דעם וואונדער־גלויבען, נאָר אויך דער מיעף איינגעוואָרצעלטער אינסטינקט פון גערעכטיגקייט.

דוד לייזער גיסט צום לעצטען מאָל אויס זיין ביטער הארץ פאַר דאָס פאָלק. ער רעדט צו זיי אין דעם נאָמען פון דעם שכל. ווי קאָן ער, דער שוואכער מענש, געבען זיי די גערעכטיגקייט. און אז ער וועט דעם בלינדען א שפיי טהאָן אין די אויגען, וועט יענער דען ווערען זעהענדיג, און אז ער וועט אָנהויבען בייסען שטיינער — שטיינער בייסען, ווי א וואהנזיניגע חיה, וועט דען ווער זאַט ווערען דערפון?

די מאַסען האָבען אָבער ניט געקאָנט פערשטעהן דוד'ן און אין זיינע ביישפּיעלען האָבען זיי נאָר געפיהלט, אז ער שפּייט זיי אין פּנים און וויל אין זיי ווארפען מיט שטיינער... עס איז געשעהן דאָס וואהנזיניגסטע... ווי א צורייצטע חיה האָט זיך די מאַסע א וואַרף געטהאָן אויף דוד'ן מיט שטיינער — און ערשט אז ער איז געפאַלען שוין כמעט א דערשלאָגענער, ערשט יעמאָלט צולויפט זיך די מאַסע אין טויטליכען שרעק, טרעטענדיג איינער דעם אנדערן.

אָבער דוד איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען טויט. א גוסס'ער קריכט ער אויף אַלע פיער צו זיי, צו די מאַסען: „וואַרט, וואַרט אויף מיר!" „אַי, איך וועל ניט דערגעהן. טראָגט מיך, נולליוס. זאָג איך דען, אז מען דאַרף מיך ניט שלאָגען מיט שטיינער. אַך, זאָלען זיי מיך שלאָגען מיט שטיינער... טראָגט מיך, נולליוס", בעט ער זיך, שוין ביים שוועל פון טויט, פערליערענדיג דאָס בעוואוסטזיין. „איך וועל מיך שטיל אוועקלעגען אויפ'ן שוועל, איך וועל נאָר א קוק טהאָן אין א שפּעלטעל, ווי עס עסען די קליינינקע קינדערלעך... קינדערלעך מיינע, קליינינקע קינדערלעך..."

און — דאָ איז דער סוף פון דוד לייזער'ס לעבען, דעם דערפרעהער פון דער מענשהייט. זיין גאַנצער לעבען ליעגט איצטער אָפען פאַר אונז און מיר קאָנען אונז איצטער אָבגעבען א דין וחשבון וועגען זיין סימבאָלישער בעדייטונג.

איך האָב שוין פריהער בעמערקט, אז דוד לייזער איז ניט נאָר א טיפּ פון א אידען, ניט נאָר א לעבעדיגע, ליידענדע, תמימות־דיג ליעבענדע, אין ליידען און ליעבע שטראַהלענדע אידישע געשטאַלט. ער איז, א חוץ דעם, א סימבאָלישע פיגור פון דעם גוטען און גערעכטען מענשען בכלל, וועמעס גורל אויף דער וועלט איז צו

פאַלען ווי אַ קרבן פאַר זיין ליעבע און גערעכטיגקייט. זיין לעבען און ליידען איז גאַנץ געווים אַ גאַנץ־גוטע אילוסטראַציע צו היינ׳ס שאלות, — יענע אייביגע שאלות, אויף וועלכע ער פערלאַנגט אַ קלאָרע תשובה פון דער רעליגיאָן: „פאַר וואָס שלעפּט זיך בלוטענד, עלענד דער גערעכטער, בעת עס פאָהרט אום זיעגרייך, גליקליך אויף אַ הויכען פערד דער שלעכטער? וואו ליעגט דאָ די שולד? איז אפשר ניט גאַנץ יכול׳דיג דער בורא? אָדער טהוט ער׳ס מיט אַ כיון און מאַכט חוזק פון זיין תורה?“ דוד לייזער איז דער שעהנסטער פּאַקעל, וועלכען אַנאַטעמאַ האָט געקאָנט אויספּעכען און אָנצינדען, כדי צו בעווייזען, ווי אונזיניג עס איז דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען.

טראַכט מען זיך אריין אין דעם לעבען און דעם שיקזאַל פון דוד לייזער׳ן, אַזוי דערמאָהנט מען זיך ניט ווילענדיג אָן וויכטיגע אַנאַלאָגיען אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער מענשליכער געשיכטע. קודם כל שווימט ארויף דאָס בילד פון דעם פיעל געפּלאָגטען איוב׳ן. ווי איוב, ווערט דוד לייזער געמאַטערט מיט איבערמענשליכע ליידען, ווי ביי איוב׳ן, קומען צו איהם די ליידען פון דעם שטן. ווי ביי איוב׳ן וויל דער שטן געווינען איהם אין אַ שפּיעל מיט גאָט. ווי ביי איוב׳ן, דארפען אויך זיינע ליידען זיין די אילוסטראַציע צו דעם הויפּט־פּראָבלעם: דער פראַגע וועגען דער געטליכער גערעכטיגקייט. אָבער אין אמת׳ן איז דוד לייזער אין פיעלע פונקטען דער ריינער היפך פון איוב׳ן, ווי אויך אַנאַטהעמאַ איז אין פיעלע פונקטען דער היפך פון דעם שטן. איוב איז געפּלאָגט מיט פיזישע ליידען, און זיין פּראָטעסט ברעננט זיך פאַנאַנדער ערשט יעמאָלט, ווען זיין ערדישער גליק פערשווינדט און ווען די יסורים האָבען געטראָפען זיין לייב. אין די צייטען פון גליק איז זיין האַרץ געווען איינס מיט גאָט. דוד לייזער האָט זיין איוב־פעריאָדע שוין געהאַט לאַנג הינטער זיך, אויב ער האָט זי איבערהויפּט ווען עס איז געהאַט. עס קאָן זיין, אַז גאָר אין די ערשטע צייטען, ווען ער פלעגט שטעהן ביים ים און אויספרעגען די וואַלען, האָט זיך ערגעץ־וואו אין דער נשמה געריהרט אַ שוואַכער שאָטען פון פּראָטעסט אנטקעגען דער געטליכער הנהגה, אָבער אויך ער איז שוין לאַנג פערשטומט געוואָרען ביי איהם. ריין און

גאַנץ מיט גאָט איז שוין געווען זיין הארץ, ווען מיר בעגעגענען איהם צום ערשטען מאָל. זיין איוב־ליעד, זיין „אָרור יום אולד בו“ שרייט ער ארויס ערשט יעמאָלט, ווען די פיזישע אָרעמקייט איז שוין אריבער, ווען ער האָט בעקומען אלץ, מיט וואָס דער אויבער־שטער האָט אַ מאָל בעלוינט איוב'ן פאַר זיינע יסורים: די פער־צעהן טויזענד שעפסען, מיט די זעקס טויזענד קעמלען, מיט די טויזענד שפּאַן רינדער און די טויזענד עזלען. און דערנאָך, אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען ז י י נ ע יסורים, די יסורים פאַר דער מענש־הייט, וואָס, פערגליכען מיט זיי, זענען איוב'ס ליידען געווען ניט מעהר ווי אַ קינדער שפּיעל, האָט זיך פון דוד לייזער'ס הארץ שוין ניט ארויסגעריסען קיין איין טענה אנטקעגען גאָט. ביז צו דעם טראַגישען טויט איז ער געבליעבען טריי יענעם געטליכען פונק, וועלכען זיינע פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ליידען האָבען לעבעדיג געמאַכט אין איהם.

ניין, דוד לייזער איז ניט איוב. אַן אַנדער פיגור פון דער אידישער פערגאַנגענהייט, — וואָס איז געווען אפשר אַ משל, ווי איוב, און אפשר אַ שטיק היסטאָרישע ווירקליכקייט, — שטעלט זיך אוועק לעבען איהם און פערלאַנגט מיט מעהר רעכט אַ פערגלייך. איך מיין דאָ ישו דעם קריסט, דעם משיח בן דוד, דעם פאָטער פון דעם קריסטליכען גלויבען. אין דער אמת'ען! אין די בענקענדע און טריאומפירענדע געשרייען פון דער ליידענדער מענשהייט: „דאַ־אַ־וויד!“, „דאַ־אַ־וויד!“ הערט זיך צו קלאָהר די אייביגע בענקשאַפט נאָך דעם בן־דוד. דוד לייזער סימבאָליזירט אין זיך אין געוויסע פּרטים „בן־דוד, דעם דערלייזער“, און די פאָדערונגען, וועלכע די מענשהייט שטעלט צו דוד לייזער'ן, זענען דיזעלביגע, וועלכען זי שטעלט צו דעם „דערלייזער“. אויך ביידענס לעבען און שיקזאַל זענען אין די וויכטיגסטע פונקטען כמעט אידענטיש. דוד לייזער רעאַליזירט אין זיינע מעשים דאָס, וואָס יענער האָט געפּאָדערט אין זיין תורה. ווי יענער, לעבט ער דורך אַ צייט פון טריאומף, ווען דער עולם בעגעגענט איהם מיט אַ פריידיגען „הושענאַ“! און בעדעקט זיין וועג מיט קליידער; ווי יענער, פער־שווינדט ער אויף אַ צייט מיט דעם שטן אין דעם מדבר; ווי יענער, טרינקט ער דעם כוס פון זיין ליידען ביז צום סוף און שטאַרבט

דעם טויט פון אַ מאַרטירער, און אויך ווי ביי יענעם האָט זיין מאַר־טירער־טויט געבראַכט דער מענשהייט מעהר צרות, איידער גליק. הערט, ווי אַנאַטעמאַ קלאָגט אָן דוד'ס לעבען פאַר דעם „שומר פון דעם אריינגאַנג": „ניט געשטילט דעם הונגער פון די הונגעריגע, ניט געמאַכט די בלינדע זעהענדיג, ניט צוריקגעקעהרט דאָס לעבען צו די אונשולדיג געשטאָרבענע; געבראַכט קריעגעריי און האַמ־פעריי און אכזר'ישע בלוטפערגיסונג, — ווייל עס האָבען זיך שוין ערהויבען די מענשען איינע אַנטקעגען די אַנדערע און טהוען גע־וואַלדען אין דוד'ס נאָמען, הרג'ענען און גזלנ'ען"... און אויך ווי דוד לייזער'ס לעבען קאָן דאָס גאַנצע קריסטענטהום, זיין גלענצענדער אָנהויב און די מאוס'ע געשטאַלט, וועלכע ער האָט בעקומען אין די הענד פון דער הערשענדער מאַיאָריטעט, זיין אַ שאַרפער כלי־זיין פאַר דעם פעסימיזם אין זיין פאָלעמיק אַנטקעגען דעם גלויבען און דאָס לעבען.

און ניט נאָר דעם אידישען טישלער פון גאַלילעאַ סימבאָ־ליזירט דוד לייזער'ס פיגור, נאָר אויך די בעסטע מענשען פון אַלע צייטען, וואָס דולדען פאַר דער מענשהייט און זענען זיך מוסר נפש צוליעב איהר. וועניגסטענס איין מאָמענט פון זייער לעבען איז אריינגעפלאָכטען געוואָרען אין דוד־לייזער'ס דראַמאַ, — דאָס אַנטלויפען אין מדבר. „אַנטלויפען אין מדבר" איז אַלע מאָל גע־ווען דער איינציגער אויסוועג, — אויף אַ צייט, פערשטעהט זיך, — פאַר די, וואָס האָבען שוין אַלץ, וואָס זיי האָבען פערמאָגט, אוועק־געגעבען דער מענשהייט, אָדער זייער פאָלק, אָדער זייער פאָטער־לאַנד, אָדער זייער אידעאַל, — און אַלץ אומזיסט. ווען דער לעצ־טער טראָפּען ענערגיע איז שוין אויסגעלאָשען, די לעצטע האָפענונג אויף אַ בעסערע צייט פערשוואונדען, יעמאָלט פאַלט אָן אַ אַפּאַטיע אויף דער נשמה און נאָר איין וואונש ווערט לעבעדיג אין איהר, — פערקריכען ערגעץ וואוהין אין אַ ווינקעל, ווי אַ פערוואונדעטע חיה, און זעהן לכל הפחות, אז די ריינקייט פון דער אייגענער נשמה זאָל ניט ווערען פערפלעקט. דאָס זענען די פרושים, די גלות־אָבריכ־טער, די וואָס טהוען אויף זיך פריייוויליג אָן די דאָרנעגע קרוין פון יסורים של אהבה, ניט כדי צו העלפען די אַנדערע — ניטאָ פאַר

זיי קיין הילף! — נאָר כדי צו בעפריעדיגען די איינענע מאָראַלישע בעדערפעניסען.

ערגעץ איז אַנאַטעמאַ ניט אַזוי בייסיג שאַרף, ערגעץ איז ער ניט אַזוי דער אמת'ער יצר־הרע ווי גראַד אין דעם מאָמענט, ווען ער גיט דעם מענשען אַן עצה אַנטלויפען פון די מענשען און זייערע ליידען.

אַנאַטעמאַ: אין מדבר וועל איך דיך אָוועקפיהרען. מיר וועלען פערלאָזען די אַלע בייזע און זינדיגע מענשען, וואָס אויף זיי איז אָנגעפאַלען אַ בייסעניש פון יסורים און זיי וואַרפען איין קלע־צער און צאַמען, אַזוי ווי חזירים, וואָס קראַצען זיך.

דוד (קווינקעלט זיך): אָבער זיי זענען דאָך מענשען, גוליום.

אַנאַטעמאַ: זאָג זיך אָב פון זיי — און אַ ריינער ערשיין פאַר גאָט אין דעם מדבר. זאָל אַ שטיין דיין צו־קאָפּענס זיין, זאָל דער יאָמערנדער שאַקאַל דיין פריינד זיין, זאָלען בלויז הימעל און ערד הערען די קרעכצען פון דוד'ס תשובה־טהאָן, — קיין איין שפּרינקעלע פון פרעמדע זינד וועט זיך ניט ווייזען אויף דעם זויבערן שנעע פון זיין נשמה. ווער עס בלייבט מיט די קרעציגע, יענער ווערט אַליין בעפאַלען פון קרעץ, און נאָר אין התבודדות וועסטו גאָט דערזעהן. אין מדבר, דוד, אין מדבר!...

דוד: איך וועל דאָרטען תפלה טהאָן.

אַנאַטעמאַ: דו וועסט תפלה טהאָן!

דוד: איך וועל פּייניגען דעם גוף מיט תעניתים.

אַנאַטעמאַ: דו וועסט פּייניגען דעם גוף מיט תעניתים!

דוד: איך וועל בעשיטען מיין קאָפּ מיט אש.

אַנאַטעמאַ: צו וואָס? אַזוי טהוען אונגליקליכע. דו וועסט אָבער גליקליך זיין, דוד, אין דיין צדקות. אין מדבר, דוד, אין מדבר!

אַלע מאָל, ווען גוטס און בייז טהוען זיך אַ מאָסט מיט די כחות און דאָס בייז, ווי אַזוי אָפט אין לעבען, שטעלט מיט נצחון זיין שמוציגע פוס אויף דעם נאַקען פון גוטס, — ווערט לעבעדיג אין דער געזעלשאַפט דער מדבר־אידעאַל, דאָס גלות־אַבריכטען, דאָס וועלען אַנטלויפען פון דעם מענשען און זיינע ליידען. וויפיעל

אַזעלכע „מדבר־מענשען", אַזעלכע גלות־אַבריכטער, געהען איצטער אום אין רוסלאַנד מיט דעם האַרענעם העמד אויפ'ן לייב, נאָכדעם ווי די גרויסע רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרען אין שמוץ און בלוט. און — וואָרט! דוכט אייך ניט, אַז דוד־לייזער איז ביז צו אַ געוויסען גראַד אַ סימבאָל פון דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציאָן? האָבען אויך ניט איהרע שאָטענס זיך געטראָגען פאַר אַנדרעיעוו'ס אויגען, ווען אין דעם שטילען קעמערל פון זיין האַלב־בעוואוסטזיניגען שאַפען איז אויסגעוואַקסען דוד לייזער'ס פיגור? איז זי — די רעוואָלוציאָן — ניט אויך געקומען מיט גאַנצע פיערטיל מיליאָן רובעל, — און נאָך דערצו פון אַמעריקע, — מיט גילדערנע בערג פון אויסלענדישע אידעאַלען, און האָט זי סוף־כל־סוף ניט געגעבען יעדען איינעם — אַ קאָפּיקע?

דער געדאַנק, אַז דוד לייזער איז די רעוואָליוציע, וואָס ווערט סוף כל סוף פערשטייניגט פון די, וועמען זי איז געקומען העלפען, איז מיר פלוצלונג אַרויף אויפ'ן זין, ווען איך האָב געלייענט אין דער לעצטער סצענע, ווען דאָס פאָלק פערלאַנגט יושר.

דוד: וואָס פערלאַנגט איהר?

וואַנדערער (שטיל): יושר.

דוד: וואָס ווילט איהר?

אַלע: יושר.

„בלויז איין וואָרט", שרייבט אַנדרעיעוו, „אָבער ווי אַ דונער האָט ער אַריינגעשלאָגען אין דער ערד און איז אַנטשוויגען געוואָרען, אַ נאָהענטער און אַ ווייטער, און עס ווייס שוין ניט דער מענש: האָט ער דאָס געהערט, האָט ער דאָס געזאָגט, האָט ער דאָס אַ טראַכט געטהאָן — אָדער עס איז גאָר גישט ניט געווען. — מען וואָרט".

עס איז שווער צו געפינען אַ בילד, וואָס זאָל אין אַזוי ווייניג ווערטער אַזוי קלאָר איבערגעבען די שטימונג, וועלכע די רעוואָליוציע האָט איבערגעלאָזען אויף די, וואָס האָבען אויך מיט אַלעמען פלוצלונג אַרויסגעדונערט דאָס וואָרט „יושר!" און האָבען זיך גענומען איינהערען אין דעם פלוצלונג אַנטשוויגענעם קלאַנג...

דוד־לייזער איז אַן איינהייטליכע אינדיווידועלע פיגור, „דער דימענטענער מענש", די גרויסע גוטע מעשליכע האַרץ, ווים האָט

זיך היסטאָריש בעוויזען צום ערשטען מאָל ביי דעם אידי־שען פאָלק. ווי אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער טיפּ איז ער אויסגעהאַלטען פון אַנהויב ביז׳ן סוף. אָבער ווי א סימבאָל איז ער — ווי איהר זעהט — ניט איינהייטליך, נאָר צונויפגע־גאָסען פון עטליכע געשטאַלטען, — פערשיידענע געשטאַלטען, וואָס האָבען אָבער איין איינציגען גרונד־טאָן: די ליעבע צו דער מענשהייט און די מסירת נפש פאַר איהר. דעריבער טויגען זיי אַלע פאַר אַנאַטעמאַ׳ס פּאַקעל, צו בעלייכטען מיט איהם דעם גורל פון דעם מענשען.

אָבער אויך אַנאַטעמאַ איז ניט קיין איינהייטליכע פיגור, אַפילו ניט ווי אַן אינדיווידועל פּסיכאָלאָגישער טיפּ, — א פּשיטאַ שוין ניט ווי א סימבאָל. אויך ווען איהם האָט זיין מוטער, די קינסטלערישע פאַנטאַזיע, געטראָגען אונטער איהר ברוסט, האָט זי זיך פּערקוקט אויף אַנדערע געשטאַלטען, און אזוי איז אויך ער געוואָרען צו א פיעל־פּאַכיגען סימבאָל, מיט איין־איינציגען גרונד־טאָן.

אַנאַטעמאַ, דער פערשאָלטענער, איז דער מאָדערנער גלגול פון דעם שטן, דעם טייוועל, דעם פיינד פון מענש און גאָט, וועמעס בילד עס לאָזט ניט צורוה דאָס מענשליכע שאַפען, זינט די מענש־הייט האָט זיך פעראינטערעסירט מיט די אייביגע פּראָבלעמען פון לעבען און טויט, פון גוטס און שלעכטס, פון וויסען און גלויבען. דער וואָס וויל אין גאַנצען פערשטעהן אַנאַטעמאַ, מוז גוט קענען די געשיכטע פונ׳ם טייוועל, פון דעם ערשטען בעגינען ביז אויף אונזערע טעג.

אויב איך האָב ניט קיין טעות, מוזען מיר זוכען דעם אַנהויב פון דעם טייוועל־געדאַנק נאָך אין יענע פּאָליטעאיסטישע צייטען, ווען געטער האָבען געקעמפּפט אנטקעגען געטער און איינער פון די קאַמפּף־מאָטיווען איז געוועזען — דער מענש. אין דער אַלט־באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע געפינען מיר שוין דעם דאָזיגען קאַמפּף־מאָטיוו. דאָרטען זעהען מיר שוין א גאָטהייט, וואָס נעהמט אין שוטץ דעם מענשען אנטקעגען דעם צאָרן פון די איבעריגע געטער. אט דער מענשען־פריינדליכער גאָט איז — מערקווירדיג גענוג — דער אַנהויב פון דעם טייפעל.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די לעגענדע פון דעם שלאַנג און דעם עץ־הדעת, וואָס מיר געפינען אין חומש, איז אַן איבערבלייבס פון יענע מיטען, וואָס האָבען געשילדערט דעם קאַמפף פון די מענשען־פריינדליכע געטער אַנטקעגען די מענשען־פיינדליכע, און זי געהערט צו דעם זעלביגען ציקל פון געדאַנקען, וועלכע האָבען אין גריעכענלאַנד אַרויסגעבראַכט די געשטאַלט פון פּראָמעטעאוס, וואָס האָט גע'גנב'עט ביי די געטער דעם פייער און האָט עס געבראַכט צו די מענשען.

אין דער אידישער לעגענדע וועגען דעם נחש און דעם עץ־הדעת, איז דער געטליכער כאַראַקטער פון דער שלאַנג אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. דער נחש, ווי ער ווערט געשילדערט אין חומש, איז אַ פּשוט'ע שלאַנג, מעהר נישט די קליגסטע פון אַלע חיות. אויך איז שווער צו געפינען אין איהר אַ שפּור פון בעזונדערע מענשען־פריינדליכקייט. דער נחש איז אַ ריינער טהעאָרעטיקער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער זאַך, ווי זי איז, צוליעב דעם ריינעם אמת, — אַ ריינער טהעאָרעטיקער, וואָס לעבט גאָר מיט'ן שכל, אָהן אַ ברעקעל האַרץ און געפיהל. ער האָט געוואוסט, אַז גאָט האָט פערבאָטען דעם עץ־הדעת מיט דער בעגרינדונג, אַז זיינע פּירות ברענגען דעם טויט, און דאָס איז געווען ניט אמת, האָט ער עס דערצעהלט דעם מענשען. ער האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דער זאַך מיט'ן געפיהל, ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען אַ שטערבליכער און אַז אין אַזאַ לאַגע מוז איהם דאָס ו ו י ס ע ן ברענגען פּיין — יוסיף דעת, יוסיף מכאוב, — און אַז עס איז בעסער פאַר דעם מענשען תמימות'דיג צו גלויבען אין גאָט און ניט צו טראַכטען וועגען קיין זאַך, אויב ער וויל בלייבען אין גן־עדן. און דערפאַר האָט איהם גאָט פערשאָלטען. דאָס, וועניגסטענס, איז דער אינוועניגסטער זין פון דער פרומער ביבלישער לעגענדע.

גענוים בייט זיך אין גאַנצען איבער דאָס בילד, ווען מיר געהען איבער פון דער ביבלישער שלאַנג צו דעם נ ח ש ה ק ד מ ו נ י, ווי ער ווערט אויסגעמאָלט אין דער תלמודישער און דער קאַבאַליסטישער פעריאָדע פון דעם אידישען שאַפען. אָבער די אַלע לעגענדען קאָנען מיר לאָזען אָן אַ זייט, ווייל עס גלויבט זיך ניט,

אַז אַנדרעיעוו האָט פון זיי עפּעס געוואוסט. פון דעם אידישען שאַפען מוזען מיר נאָר דערמאָהנען אַנאַטעמאַ'ס דריטען גלגול, דעם שטן, מיט וועלכען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען ביי איוב'ן. איוב'ס שטן איז שוין אַן אויסגעשפּראָכענער פיינד פון דעם מענשען. ער זאָל האָבען אַ וועלכע עס איז שיכות צו דעם טהעאָרעטישען וויסען, צו דעם עץ־הדעת, זעהט מען ניט איין. ער איז איינער פון די בני־אלהים, וואָס האָט ניט וואָס צו טהאָן, שפּאַצירט ער איבער דער וועלט און איז געפאַלען אויף זעהר אַן ערעלער בעשעפטינונג. ער איז געוואָרען מיט'ן אייגענעם ווילען אַ שפּיאָן אין דעם אויבערשטענס אינטערעסען; גאָט'ס אַ טרייער דיענער און משולח. אויב איהר ווילט: אַן עהרליכער פּראָוואָקאַטאָר אין דעם דיענסט פון זיין אַלמאַכטיגקייט, דעם האַרר פון דער גאַנצער וועלט. ער פלעגט אַריינגאַרען די נשמה אין די נעצען פון דער טומאה, און פלעגט דערנאָך בעריכטען וועגען דעם אין דער הימעלשער „טרעטיע אָטדעלעניע“.

די געשטאַלט פון דעם אַלטען שטן איז פון דער מענשהייט אויסגעטראַכט געוואָרען אין יענער צייט, ווען פאַר איהר איז „רעליגיאָן“ און „מאָראַל“ געוועזען איין־און־דיזעלביגע זאַך. ווען זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען אַ מאָראַלישען לעבען אָהן דעם גלויבען אין גאָט. אויף דעם מענשענס שכל, וואָס האָט שוין יעמאָלט געפּרובט אַריינוואַרפען אין ספק גאָט'ס אַל־מאַכט אָדער גאָט'ס גערעכטיגקייט, אָדער — גאָט זאָל שומר ומציל זיין! — די עקזיסטענץ גופא פון אַ גאָט, האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אָנשיקעניש פון דעם טייוועל, אין בעסטען פאַל — ווי אויף אַ נסיון פון גאָט — אויסצופּרובען די שטאַרקייט פון דעם מענשליכען גלויבען, און דאָפּעלט צו בעלוינען יענע, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט פערבלענדען פון דעם פאַלשען ליכט, וואָס דעם מענשענס שכל קאָן אַרויסברענגען.

די צייטען האָבען זיך אָבער געענדערט. דער אַלטער גלויבען איז אונטערגעגראָבען געוואָרען פון דעם מענשענס ספיקות, און דער שכל האָט גענומען בויען זיין וועלט אויף דעם שטודיום פון דער נאַטור, — דאָס איז געוועזען אַ שטאָלצער שכל, אַ פרייער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעריסען פון די גלויבענס־קעיטען

און האָט צום ערשטען מאָל אויסגעפּרובט זיין זעלבסטשטענדיגקייט און מאַכט אויף דעם שטודיום פון דער נאַטור און אין דעם בעזיעגען פון איהרע קרעפטען. נאָט און דער גלויבען זענען נעוואָרען איבעריג. די בעפריעדיגונג פון די מאַטעריעלע נויטען האָט מען גענומען זוכען אין דעם קאַמפּף אַנטקעגען די אַלטע יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע די אַלטע רעליגיע האָט געהאַלטען פאַר הייליג. דעם מקור פון די מאָראַלישע נעבאָטען האָט מען אויסגעפונען אין דער טבע פון דעם מענשליכען שכל גופא און אין די בעדינגונגען פון דעם מענשליכען געזעלשאַפטליכען לעבען.

עס האָבען זיך געענדערט די צייטען און אויך דער שטן האָט בעקומען אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט. פון אַ „פּראָוואָקאַטאָר מיט גאָט'ס חסד", איז ער געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער פון דעם שכל'ס געגאָד. דאָס איז שוין בייראָן'ס „ליוציפער", לערמאָנטאָוו'ס „דעמאָן". פאַר דעם מענשען טרעט ער נאָך אַלץ אַרויס ווי אַ יצר־הרע, וואָס רעדט אָן אויף דעם רבונו־של־עולם אַל דאָס בייז און טרייבט דעם מענשען צו בענעהן „זינד", וואָס זענען אָן אומווערדיגקייט אין די אויגען פון גאָט. אָבער זיינע מאָטיווען זענען ניט פּראָוואָקאַטאָרישע, נאָר ריין רעוואָלוציאָנערע. ער קעמפּפט אַנטקעגען גאָט, אַ שטאָלצער און אַ פרייער. ער קעמפּפט אַנטקעגען דער גאַנצער דמיון־וועלט, וואָס דעם מענשענס רעליגיעזער געפיהל האָט בעשאַפען; ער קעמפּפט אויך אַנטקעגען יענע „מצוות" און „עבירות", מיט וועלכע דער רעליגיעזער גייסט האָט געוואָלט האַלטען אין צוים דעם שטאָלצען, פרייען, זעלבסטשטענדיגען מענשליכען ווילען. און האָבען לוציפער און דעמאָן ניט געמאָנט זיין שטאָלץ אויף זייער קראַפט? האָבען זיי ניט אַראָבגעשלעפּט דעם רבונו־של־עולם פון זיין טהראָן? האָבען זיי ניט אַרויסגעריסען דעם דונער און דעם בליטץ פון זיינע הענד און ניט אַריינגעלעגט זיי אין די הענד פון דעם פיזיקער? און אויב דעם מענשען'ס שכל איז נים אין גאַנצען געוואָרען דער באַלעבאָס איבער דער נאַטור, — האָבען זיי דען ניט געמאָנט גלויבען, אַז זיין מאַכט ועט פערשטאַרקט ווערען פון טאָג צו טאָג און אַז זיין פאָלשטענדיגע הערשאַפט איז ניט מעהר ווי אַ פראַגע פון צייט? —

אויף „לוציפער“ און „דעמאָן“ זיינען געווען „אַנאַטעמאַס“, פון גאָט פערשאָלטענע, אריינגעוואָרפענע אין חרם. אָבער אין דעם גופא האָבען זיי געשעפט זייער שטאָלץ. עס איז געקומען פאַר זיי א צייט, ווען זיי האָבען אויף א חרם געקאָנט ענטפערען מיט א חרם....

אונזער אנאַטעמא איז א זוהן אָדער אַן אייניקעל פון לוציפער און דעמאָן. ריכטיגער: זייער איצטיגער גלגול, דער דעמאָן פון אונזער טאָג. אָבער — אַך, ווי ער האָט זיך איבערגעביטען, ווי ער קוקט, נעבעך, אויס!

זעהט, ווי אַנדרעעוו מאָלט איהם אָב:

„ארומקוקענדיג זיך ווילד און צושראָקען“, לייענען מיר נאָר אין אָנהויב פון דעם פראָלאָג, „בעווייזט זיך צווישען די שטיינער אנאַטעמא — אזוי רופט מען דעם, וואָס איז פערשאָלטען געוואָרען. צופאַלענדיג צו די גרויע שטיינער, אַליין גרוי, פּאָדזיכטיג און בייגזאם ווי א שלאַנג, וואָס זוכט א נאָרע, גנב'עט ער זיך שטיל אונטער צו עמיצען, וואָס איז דער שומר פון אריינגאַנג, טראַכטענדיג צו דערשלאָגען איהם מיט אַן אונערוואַרטעטען קלאַפּ. אָבער ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגענער העזה און אויפשפרינגענדיג אויף די פיס, לאַכט ער, בייז און זיך רייצענדיג. ער זעצט זיך צו דערנאָך אויף א שטיין, נאָר אזוי ווי פריי, אונאַבהענגיג און וואַרפט קליינע שטיינדלעך צו די פיס פונ'ם עמיצען, וואָס היט דעם אריינגאַנג. זייענדיג כיטרע, בעהאַלט ער זיין שרעק אונטער דער מאַסקע פון שפּאַס און פון לייכטער פרעכהייט. א דאַנק דער שוואַכער בעלייכטונג וואָס איז גרוי און פאַרבלאַז, זעהט אויס דער קאָפּ פון דעם פערפלוכטען מורא'דיג גרויס; בעזאָנדערס גרויס איז זיין שטערען, וואָס איז ווי א קופּאָל און איז דורכגעשניטען מיט קנייטשען פון פרוכטלאָזע געדאנקען און פון אונגעלייזטע, זינט יאָהרהונדערטער אויפגעשטעלטע פראַגען. דאָס שיטער בערדעל פון אנאַטעמא איז אין גאַנצען גראָה. ווייס־גראָה זיינען אויך זיינע האָר, וואָס זיינען אַמאָל געווען שוואַרץ ווי פעך און איצט זיינען זיי אויפגעקודלעט אויף זיין קאָפּ ווי ווילדע קאָלטענעס. אונרוהיג אין זיינע בעוועגונגען, וויל ער אומזיסט בעהאַלטען די שטענדיגע אונרוהיגקייט און אויפרעגונג, וואָס צופרעסט איהם, און זיין אימפּעט, וואָס איז אָהן

א צוועק. אין זיין אַהנמעכטיגען אייפער נעגען דער שטאָלצער אונ־
בעווענליכקייט פון דעם עמיצען, וואָס איז דער שומר פון אריינ־
גאנג, ווערט ער אויף א ווײַלע שטיל אין א פּאַוזע פון שטאָלצע
גדלות; אָבער אין א מינוט ארום, א געמאַטערטער פון זיך יאָגען
תמיד נאָך עפּעס, וואָס פערשווינדט, וואַרפט ער זיך און קנייטשט
זיך אין שטומע בעוועגונגען, אזוי ווי א וואָרעם אונטערן פוס. און
אין זיינע פראגען איז ער שנעל, אויפגעבראַכט, אזוי ווי א וויכער,
שעפּענדיג זיין קראַפט אין זיין בייזקייט און זיין אייגענעם ארומ־
דרעהען זיך; אָבער מיטשלעפּענדיג מיט זיך קליינינקייטען, צו־
פאַלט ער אָהנמעכטיג פאַר דעם פּנים פון דער פערשווינגנקייט.“

איהר זעהט דאָ אין דער בעשרייבונג קודם כל שטריכען פון
דעם אלטען „נחש“, זיין גאַנצעם שלאַנגענאַרטיגעם אויסזעהן.
שפּעטער דערווײסען מיר זיך, אז ער איז אויך ווי דער נחש געבליבען
דער ריינער טהעאָרעטיקער, וואָס זוכט דעם אמת צוליעב דעם אמת,
די גרויסע קאָפּ מיט דער לעדיגער האַרץ. און אויך דעם שטן'ס
געוועהנונג ארומצודרעהען זיך איבער דער וועלט און אומגעהן
„שלינג און שלאַנג“ שטעקט נאָך איהם אין דעם בלוט. אָבער וואָס
איז געוואָרען פון יענעם גרויסען שטאָלץ, וועלכען זיינע עלטערן
„לוציפער“ און „דעמאָן“ האָבען געהאַט אין זיך? אַך, פון יענעם
שטאָלץ איז שוין ניט געבליבען קיין שפּור. שטעלט ער זיך אמאָל
אוועק אין דער פּאַוזע פון אַן אַקטיאָר, מאַכט ער חוזק פון זיך אליין.
זייער חוזק האָט ער גע'ירשה'נט, יענעם ו ו אָ ל ט ע ר' י ש ע ן
חוזק, מיט וועלכען די השכלה־צייט האָט בענאַסען דעם רעליגיעזען
גלויבען, אָבער אויך דער איז ביי איהם פערוואַנדעלט געוואָרען אין
א היינע'שע זעלבסט־איראָניע. אַנאַטעמאַ לאַכט פון זיך אליין.

און פון דעסטוועגען איז ער געבליבען דער לוציפער! דער
פירסט פון דעם שכל מיט דעם שטאָלצען גלויבען, אז נאָר מיט דעם
שכל קאָן מען געפינען דעם אמת און דורך דעם שכל ווערען א גאָט.
דער גאַנצער אונגליק, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען, איז, וואָס
אין זיין שטאָלצען קלעטערען בארג ארויף, צו עראָבערן אלע הימלען,
האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף די אייזערנע טויערן, די אייביג
פערשלאָסענע טויערן, וואָס לעגען אוועק א גרענעץ צו זיין וויסען
און ממילא צו זיין מאַכט. איהם גלויבט זיך נאָך ניט, אז דאָ איז

דער סוף פון זיין הערשאַפט. ער וויל נעהמען די הימלען מיט שטור־מען, אָבער ער ווערט צוריקגעשליידערט ניט דורך אַן איבערנאַטיר־ליכע מאַכט, נאָר דורך דעם אייגענעם ספק אין זיינע כחות. אַך! ווי איהם וואָלט זיך געוואָלט אריינבליקען הינטער די טויערן, אויס־געפינען דעם סוד פון גאָט'ס מאַכט און אַליין ווערען אַ גאָט — ווערען אַ גאָט — ווערען אַ גאָט! און צייטענווייז פלאַמט אין איהם אויף דאָס בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער גרויס און פון דעם, וואָס ער האָט אויפגעטהאָן. און אין דעם נאָמען פון זיין גרויס פיהרט ער דעם פראָצעס פון דעם מענשען, דעם פראָצעס פון דעם מ ע נ ש ל י כ ע ן שכל אנטקעגען דעם גאָט, אנטקעגען דעם רעלי־גיעזען געפיהל.

„איך ווייס אַלץ", זאָגט ער ווענען זיך. „איך בין אריינגעדרונ־גען אין דעם זין פון אַלץ. איך ווייס די געזעצען פון די צאָהלען און דער ספר פון שיקזאַל איז אָפען פאַר מיר". „מיט איין בליק נעהם איך ארום דאָס לעבען". און אין אַן אנדער אָרט זאָגט ער: „איך בין אין גאַנצען מאָס און צאָהל"...

יע! דאָס איז ער, דער מענשליכער שכל, ווי ער האָט זיך ארויסגעוויקעלט אין דעם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט, מיט זיינע גרויסע נצחונות אויף דעם פעלד פון דער מאַטעמאַטישער נאַטור־וויסענשאַפט און מיט דער נאָך גרעסערער פרעטענזיע — אַלע סודות פון דער וועלט צוריקצופיהרען צו אַ שפּיעל פון טויטע אטאָ־מען. אָבער בעת אין דעם אָנהויב פון זיין שטאָלצען וויסענשאַפט־ליכען פאָרשען האָט ער געמיינט, אַז ער ברענגט גליק מיט זיך, אַז דורך איהם וועט דער מענש ווערען דער בעל־הבית איבער דעם אייגענעם שיקזאַל און אַלע דמיונות פון דער אַלטער רעליגיאָן וועט־לען פערשווינדען אין דעם שיין פון דעם מענשליכען גליק, האָט ער געמוזט איינזעהן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, און פון דעם אָפּטי־מיסט איז ער געוואָרען אַ פעסימיסט.

איך קאָן דאָ ניט אריינלאָזען זיך אין אַ חקירה, וואָס וואָלט אונז בעוויזען, ווי אַזוי דער מאַטעריאַליזם און דער מיט איהם אָפט פערבונדענער אטהעאיזם מוזען פיהרען צו אַ פינסטערען בליק אויף דעם מענשען'ס גורל. דאָ וועט גענוג זיין, ווען איך וועל אייך דער־מאָנען נאָר איין זאַך. אויב די גאַנצע וועלט איז ניט מעהר, ווי אַ

טויטע מעכאַניק, וואָס איהר אַרט אַ בּרעקעל ניט וועגען דעם מענ־שען, ווייל זי איז איבּערהויפּט טויט און בּלינד, און אויב דעם גאַנצען מענשענ'ס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ חלום, וואָס געדויערט העכ־סטענס אַ יאָהר זיעבּעציג, — איז יעמאָלט די גאַנצע וועלט פון דעם מ ע נ ש ל י כ ע ן שטאַנדפּונקט באמת ניט מעהר ווי אַ משוגעת. מיט וואָס קענען פערענטפערט ווערן די אונצעהליגע ליידען, וואָס דער מענש טראָגט אַריבּער? וואָס קאָנען איהם געבּען די פּאָר צעהנדליגע יאָהר זיין אויף דער וועלט, אויף דער טויטער, בּלינדער וועלט, וואָס איז טויב צו אַלע אונזערע געשרייען און פאָדערונגען? דאָס איינציגע אָפּטימיסטישע פּראָגראַם, וואָס דער אַטהעאיסטישער מאַטעריאַליזם קאָן על פי שכל ארויסברענגען איז — „אכול, שתה, כי מחר נמות!" לאָמיר עסען, טרינקען, ווייל מאָרגען ווערט פון אונז אַ הויפען מיסט! אָבער דאָס איז אַ פּראָגראַם פאַר דער חיה, ניט פאַר דעם מענשען. להיפך אַט צו דעם געבּאָט פון'ם שכל, בּויט דער מענש וועלטען פון אמת, יושר און שעהנ־קייט, וועלטען, וואָס צו זיי איז די נאַטור אַרום אין גאַנצען גלייכ־גילטיג, וועלטען, וואָס קאָסטען איהם אָב אונצעהליגע ליידען און קרבּנות — נישיים איז דאָס אַלץ נאָר צוליעב די פּאָר צעהנדליגע יאָהר פון דעם יחיד'ס לעבען? און דער מענש פ י ה ל ט, אַז אַלע זיינע ליכטיגע וועלטען זענען אויפגעבּויט אויף אַ פינסטערען תהום פון דער נאַטור'ס גלייכגילטיגקייט, און ער האָט נאָר איין מיטעל אויסצופילען דעם תהום — אַ גלויבען אין אַ גאָט, פון וועמען עס מוז שטאַמען אַ זין אין דער וועלט און אַ גלויבען אין דער אייגענער א ו נ ש ט ע ר ב ל י כ ק י י ט, וואָס ניט ערשט אַ זין דעם מענשליכען לעבען אויף ד ע ר וועלט.

פערגעסען מיר ניט, אַז גראָד אין דעם נייענצעהנטען יאָהר־הונדערט איז געזאָגט געוואָרען דאָס גרויסע וואָרט: „גאָט איז אַ ט ר ע ר, געוויינט אין דער שטיל פון דעם מענשען אויף זיין אייגענעם גורל". געזאָגט האָט דאָס גרויסע וואָרט איינער פון די גרעסטע מאַטעריאַליסטען — פייערבּאַך. פייערבּאַך האָט געמיינט, אַז מיט דעם אויפדעקען פון דעם אמת און מיט דעם וואַקסען פון דעם מענשענ'ס מאַכט איבּער דער נאַטור, וועט דער מענש אָבּווי־שען זיין טרער, און פרייד וועט הערשען אין זיין האַרצען. אָבער דאַ

איז גראָד געלעגען דער טעות פון דעם מאַטעריאַליזם און דעם אַטהעאיזם. די טרער איז פערטריקענט געוואָרען, אָבער ניט פון פ ר י י ד, נאָר פון אונענדליכער פיין. בעת דעם מענשענ'ס אויגען האָבען, א דאַנק דעם מאַטעריאַליזם, צום ערשטען מאָל אריינגע־בליקט ווי דער סדר איז אין דעם טויט און אויסגעפונען, אז ער, דער טויט, איז ניט אויפצופלייסען, אז ער איז דער גרויסער, שוואַר־צער „נישט", דער אמת'ער סוף און דער לעצטער תכלית פון דעם מענשענ'ס זיין, איז די טרער פערשוואונדען פון די אויגען, אָבער זי איז צוריק אריין אין דעם מענשענ'ס הארצען, און ברענט דאָר־טען מיט א העלישער פלאַם. זי רייסט זיך שוין ווידער ארויס פון דאָרטען, אָבער דערווייל איז זי נאָך געבליבען שטעקען אויפ'ן מיטען וועג ערגעץ־וואו אין האַלז...

אָט די ביטערע, אין האַלז שטעקען געבליבענע, ניט אויסגע־וויינטע טרער איז א נ א ט ע מ א. דאָס איז דער אַטהעאיזם, וואָס בענקט נאָך א נייעם גלויבען אין גאָט און קאָן ניט קומען צו דעם גלויבען, ווייל עס איז ניטא וואו אהין צו שטעלען איהם אין דער ממשלה פון דעם מענשליכען שכל, אין דער ממשלה פון מאָס, וואָג און צאָהל. „אַנאַטעמאַ" ליידט הויפטזעכליך פון דעם דאָזיגען ווידערשפרוך. ער וואלט צוגעפאלען מיט די ליפען צו דעם זוים פון דעם „שומר'ס" קלייד און האָט דערנאָך חרטה, און בעריהמט זיך: „ס'איז ניט אמת, אז איך האָב געוואָלט א קוש טהאָן דעם זוים פון דיין קלייד" און שילט איהם מיט די ערגסטע קללות און זלזולים. אַנאַטעמאַ איז דער סימבאָל פון דעם מענשליכען שכל איבערהויפט, בעת ער טראַכט וועגען זיך אליין, וועגען זיין אייגענעם מהות, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אייבינער פאָרמעל: „איך בין א גאָט וואָס בעהערשט די גאַנצע וועלט — איך בין א וואָרעם, וואָס דרעהט זיך אין דרייען אין שטויב". דאָס איז א טראַגעדיע, — א טראַגעדיע, וואָס לאַכט פון זיך אליין. אַנאַטעמאַ איז יענע טראַגישע זעלבסט־איראָניע, וואָס האָט אין דער וועלט־ליטעראַטור געפונען איהר העכסטען אויסדרוק אין דער סקעפּטישער פּאָעזיע פון ה י י נ ר י ך ה י י נ ע, און מיך וואָלט א ברעקעל ניט געוואונדערט, אויב עס וואָלט זיך ארויסגעוויזען, אז די געשטאַלט פון אַנאַטעמאַ איז אויס־געוואַקסען אין אנדרעעוו'ס קינסטלערישער פאַנטאַזיע אונטער דעם

איינדרוק, וואָס אויף איהר האָט געמאַכט דאָס לייענען פון הייגע׳ס ווערק.

אין דעם צושטאַנד פון דעם מענשליכען שכל איז „אַנאַטעמאַ“ דער געבוירענער פערטרעטער פון דעם פּעסימיזם. דאָס מענשליכע לעבען קאָן ניט האָבען קיין זין, כל זמן דער שכל בעווייזט, אַז פאַר איהם, פאַר דעם מענשען, איז ניטאָ קיין אונשטערבליכקייט. און דער גלויבען אין גאָט און אין אונשטערבליכקייט קאָן ניט האָבען קיין זין, כל זמן אין לעבען קאָן פּאַסירען אַזאַ זאַך, ווי דוד לייזער׳ס שיקזאַל.

אַט פאַר וואָס דוד לייזער איז דער בעסטער פאַקעל פאַר דעם פּעסימיזם אין זיין קאַמפּף געגען דעם אָפּטימיזם, ד. ה. אין דער לעצטער שורה — אַנטקעגען דעם גלויבען אין גאָט און אונשטערבליכקייט. און אַט פאַר וואָס ער לויפט מיט אַזאַ שמחה צוריק צו דעם שומר פון דעם אריינגאַנג מיט דוד׳ס שיקזאַל אין די הענד, ווי מיט אַ קריעגס־רויב, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען.

אַנאַטעמאַ האָט גוט אויסגעפּעכט זיין פאַקעל. ער איז זיכער, אַז ער האָט אין יענע הימלען, וואו עס וואוינט דער גלויבען אין דעם שכל פון דעם וועלט־אַל, ווי פון אַ שליידערהאַלץ אַריינגעוואָרפען אַ שאלה, פון וועלכער „עס מוזען אַ ציטער טהאָן די יסודות פון די הויכע הימלען.“

אָבער דאָרטען דערוויסט ער זיך פון דעם „שומר“ אַז דוד לייזער געהערט ניט איהם, און זיין שטאַרקסטער שליידער־שטיין — די טענה פון דעם פּעסימיזם — ווערט צוריקגעשליידערט צו איהם...

ווי אַזוי? ווער איז דער שומר פון דעם אַריינגאַנג?

אויב אַנאַטעמאַ איז דער גייסט פון סקעפּטיציזם און פּעסימיזם, פון אייביגע ספיקות אין דעם לעבען און אין דעם מענשען, איז דער שומר פון דעם אַריינגאַנג — דער סימבאָל פון דעם רעליגיעזען געפיהל. דער רעליגיעזער געפיהל שטעהט, לויט אַנדרעעוו׳ן, אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטען. „ער זעהט אויס ווי אַ מענש, אין אמת׳ן אָבער איז ער אַ גייסט“, ער שווייגט. אָבער דאָס שווייגט ער נאָר פאַר׳ן שכל. אין אמת׳ן רעדט ער גאַנץ קלאָהר. און אפילו דער שכל, ווען ער הערט זיך צו צו דעם

שווייגען, דוכט זיך איהם אוים, אַז דאָרטען ווערט עפּעס גערעדט.

„שווייגסטו אָדער דו רעדסט?" פרעגט אַנאַטעמאַ ביי דעם שומר. „איך פערשטעה ניט. ביי דעם פערשאָלטענעם איז אַן איידעלער געהער. אין דיין שווייגען כאַפּט ער אויף שאָטענס פון עפּעס ווערטער. אַן אונקלאָהרע בעוועגונג פון געדאַנקען פיהלט ער אין דער אונענדליכקייט, — אָבער ער פערשטעהט ניט."

און דער שומר דערקלעהרט איהם, פאַר וואָס ער פערשטעהט ניט. אַנאַטעמאַ קאָן פערשטעהן נאָר דאָס, וואָס לאָזט זיך בענעהמען מיט דעם מענשליכען שכל הישר, נאָר דאָס וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערען אין מאָס, אין וואָג און אין צאָהל. דער שכל'דיגער וועלט־גרונד אָבער איז אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט אריינגעהמען אין וועלכע עס איז גרענעצען. ער איז ניט ליעבע, ניט שכל, אפילו ניט גאָט, דערקלעהרט ער אַנאַטעמאַ'ן, ווייל אָט די אַלע קלאָהרע געפיהלען, קרעפטען און בעגריפען קאָן דער מענשליכער שכל ביז צו אַ געוויסער מאָס פערשטעהן. צו דעם שכל'דיגען וועלט־גרונד אָבער קאָן מען אויף דעם וועג פון דעם קלאָהרען געדאַנק בשום אופן ניט קומען.

„מיין פנים איז אָפען", זאָגט דער „שומר" צו אַנאַטעמאַ'ן, "אָבער דו זעהסט אים ניט; מיינע בעפעהלען קלאָר, אָבער דו הערסט זיי ניט. און קיין מאָל וועסטו ניט דערגעהן, דו, אונשטערבליכער אין צאָהלען, וואָס איז אָבער נאָך ניט געבוירען פאַר'ן לעבען..."

אַנאַטעמאַ פערשטעהט דעריבער אויך ניט דעם זין פון דוד לייזער'ס לעבען, ליידען און טוים.

„ניט מיט מאָס ווערט אויסגעמאָסטען און ניט מיט צאָהל ווערט אויסגערעכענט און ניט מיט אַ וואָג ווערט אָבגעוואויגען דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, אַנאַטעמאַ. די ליכטיגקייט האָט ניט קיין גרענעצען, און עס איז ניט געזעצט קיין גבול פאַר דעם פאַנאַנדערגליהען פון דעם פייער. פאַראַן אַ רויטער פייער, פאַראַן אַ געלער פייער, פאַראַן אַ ווייסער פייער, אויף וועלכען די זון ווערט פערברענט ווי געלער שטרוי, און פאַראַן נאָך איינער, אַן אונבעקאַנטער פייער, וועמעס נאָמען קיינער ווייס ניט, ווייל עס איז ניט געזעצט קיין גבול צו דעם פונאַנדערגליהען פון דעם פייער... דוד לייזער, וואָס

איז פּערלאָרען געגאַנגען אין דער ממשלה פון צאָהלען, וואָס איז טויט לויט דער מאָס און דער וואָג, האָט דערגרייכט די אונשטערב־ליכקייט און לעבט אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון פייער... ער לעבט אונשטערבליך אינ׳ם ליכט, וואָס איז דאָס לעבען.“

אין די ווערטער דריקט דער שומר אויס די גרונד־פּרינציפּען פון דעם גלויבען, דעם ענטפער אויף אַנאַטעמאַ׳ס סקעפּטיציזם און פּעסימיזם. דוד לייזער איז אונשטערבליך! ווי אַזוי? אין וואָס בע־שטעהט די אונשטערבליכקייט פון דעם מענשען, לויט אַנדרעעוו׳ס אַנשויאונג? אין דעם ענין מוזען מיר זעהן קלאָהר צו ווערען, ווייל ער איז דער צענטראַל־פּונקט פון דעם גאַנצען ווערק.

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אומקעהרען צוריק צו יענעם מאָ־מענט אין דוד׳ס לעבען, ווען ער האָט אין זיך דערשפּירט, אַז ער איז אונשטערבליך און ער האָט אָבגעגעבען אַ שבח דערפאַר דעם רבונו־של־עולם און ער האָט געבענשט דעם מענשענ׳ס גייסט, „ער זאָל לעבען אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון דעם פייער, ער זאָל לעבען אושטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פונ׳ם ליכט, וואָס איז לעבען.“

מיר האָבען יעמאָלט פּשוט אָנגענומען דעם פאַקט — ווי אַ פאַקט און געגלויבט דוד לייזער׳ן אָדער אַנדרעעוו׳ן אויפ׳ן וואָרט. עס איז אַ פאַקט, אַז דוד לייזער האָט דערשפּירט אין זיך אַ געוויי־סען נייעם, איהם פריהער ניט בעקאַנטען צושטאַנד, וועלכען ער האָט אָנגערופען אונשטערבליכקייט.

איצטער מוזען מיר זיך אַביסעל טיפער אַריינטראַכטען אין דעם פאַקט, ווייל אויך דער „שומר פון דעם אריינגאַנג“ ברענגט איהם ווי אַן ענטפער אויף אַלע טענות פון אַנאַטעמאַ.

אויב מען זאָל אין פּשוט׳ע לאָגישע ווערטער אויסדריקען דאָס, וואָס לאָזט זיך אפשר בשום אופן ניט אַריינדריקען אין לאָגישע פאָרמעלן, קאָן מען זאָגען, אַז דוד לייזער האָט אין איין מאָמענט איבערגעלעבט די אונשטערבליכקייט, ד. ה., אַז זיין געפיהל איז אין דעם מאָמענט געווען אַקוראַט אַזוי אונענדליך אין דער ט י ע ף, ווי די געוועהנליכע אונשטערבליכקייט דאַרף, לויט אונזערע מענש־ליכע בעגריפען, זיין אונענדליך אין דער לענג פון דער צייט. און

אַנדרעעוו, ווייזט אויס, זאָגט אונז אַזוי: ניטאָ קיין טויט, ווייל עס איז דאָ אונשטערבליכקייט. אָבער מיר זאָלען די דאָזיגע אונשטערבליכקייט ניט זוכען ווי ביז אַהער אין דער אונענדליכער לענג פון דער צייט. מיר האָבען אַן אַנדער אונשטערבליכקייט, אַ בעסערע, וואָס איז אַקוראַט אַזוי פ י ע ל, ווי זי, אָבער ניט אין דער לענג, נאָר אין דער טיעף פון דעם מאָמענט.

אַזאַ אויסטייטשען פון אונשטערבליכקייט איז אין דער לעצ־טער צייט שוין געוואָרען ניט ניי. מען געפינט זי אַחוץ אַנדרעעוו'ן אויך, צ. ב., ביי פּשיבישעווסקי'ן. אויף וויפיעל מיר איז בעקאַנט פון פּריוואַט־געשפּרעכען מיט מענשען, וואָס האָבען זיך בענעגענט מיט דעם דאָזיגען נייעם פּירוש אויף דעם אייביגען לעבען און וואָס האָבען געטראַכט וועגען איהם, האָבען אַ פולע פון זיי ניט נאָר ניט געקאָנט איינזעהן זיין אמת, — דאָס בלייבט געוויס אַ שאלה, ווי אַלע אַנדערע אייביגע שאלות, — נאָר דער געדאַנק גופא פון אַן אונענדליכקייט, וואָס דויערט אין דער צייט ניט מעהר ווי אַ מאָ־מענט, וויל זיך ביי זיי ניט נאָר גוט לעגען אויפ'ן שכל.

אָבער אין דעם בעגריף פון אַן „אונענדליכען הרף־עין" איז בעצם ניטאָ קיין ברעקעל ווידערשפּרוך, און דעם געדאַנק, וואָס ליעגט אויף זיין גרונד, קאָן מען גאַנץ גרינג פערשטעהן.

שטעלט אייך פאָר, דער מלאך גבריאל וואָלט געקומען צו אייך און וואָלט אייך צוגעזאָגט אַן אייביגען לעבען אויף דער וועלט, נאָר מיט דעם תנאי, אַז אייערע קרעפטען זאָלען זיך אויסלעבען, ווי זיי לעבען זיך אויס ביי אַלע מענשען; אַז איהר זאָלט דערגרייכען דעם העכסטען אַלטער, און מיט יעדען יאָהר זאָלען פערשווינדען אייערע דאגות און אייערע תאוות, אייערע השלמות און אייערע בעדערפני־סען. סוף־כל־סוף וועט איהר אַריינפאַלען אין אַן אייביגען אונבע־וואוסטען דרעמעל אָהן חלומות, און דאָס איינציגע, וואָס איהר וועט האָבען פון דעם לעבען, וועט בעשטעהן, לאָמיר זאָגען, אין דעם: איהר וועט זיך אַלע פריהמאָרגען אויפכאַפּען פונ'ם שלאָף, אַריינ־נעהמען אַ פינף־זעקס לעפעלעך מעטשניקאָוו'ס זויער־מילך, — ניט מעהר ווי זעקס לעפעלעך זויער־מילך, — ווייל דאָס איז אַלץ, וואָס איהר קאָנט פערטראָגען, צו וואָס איהר האָט לוסט און וואָס איהר דאַרפט, כדי ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם פון אייער אונשטערב־

ליכקייט. נאָר אין יענע פּאָר רגע׳ס, ווען איהר וועט עסען אייער זויער־מילך, וועט איהר וויסען, אז איהר לעבט. פריידיג און מעשה גרויסער בריה וועט איהר יעמאָלט זאָגען צו זיך אליין: „און היינט האָב איך ווידער אויפגעגעסען זעקס לעפעלעך זויערינקע מילכעלע“ — און איהר וועט ווידער אריינפאַלען אין דעם אונבעוואוסטען דרעמעל אָהן חלומות. און אַזוי כסדר עד סוף כל הדורות...

געפעלט אייך אַזאַ׳ן אידעאַל פון אונשטערבליכקייט?

געוויס: אויב איהר זייט איינגעמאַטערט פונ׳ם לעבען און אין דערזעלביגער צייט איז אין אייך נאָך ניט געשטילט געוואָרען דער דאָרשט צום לעבען, וועט איהר, מיט א פריידיגען זיפץ, ענטפערן: „אַך, פאַר וואָס ניט? מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! קיין בעסערען טויט וואָלטען מיר זיך ניט געקאָנט ווינשען!...“

אָבער — הערט זיך איין, וואָס איהר רעדט. איהר האָט נאָר וואָס געזאָגט: ד ע ר ט ו י ט. און אין דער אמת׳ן! די גאַנצע נפקא מינה צווישען אייער אונשטערבליכען לעבען און דעם טויט איז איינגעשרומפּט געוואָרען צו — זעקס לעפעלעך „זויערינקע מילכעלע“...

איצטער לאָזט מיך מיט אייך — זיך אַביסעלע דינגען. ווי איז, אַז איך וועל אייך אין דעם נאָמען פון דעם מלאך גבריאל געבען אַנשטאָט דער גאַנצער אונשטערבליכקייט, ניט מעהר ווי א העלפט פון איהר, דערפאַר וועל איך אָבער צולעגען צו די זויער־מילך, א זעקס לעפעלעך שאַמפּאַניער אַלע טאָג? — נעהמט אָן! נעהמט אָן! איך זאָג אייך, עס איז אַ מציאה פון א גנב! ווייל דאָ גיט מען אייך פאַר יעדעם לעפעלע זויער־מילך — א לעפעלע שאַמפּאַניער.

איהר פערשטעהט שוין, וואוהין אונזער דינגען זיך וועט פיהרען. מיר וועלען בייטען און בייטען אַלץ מעהר לעדיג־וויסטע צייט אויף אַלץ אַ רייכערען און טיעפערען געפיהל. עס איז אַקוראַט, ווי מיר וואָלטען פון דעם צענטר פון אונזער „איך“ געצויגען צוויי אונענדליכע ליניען: איינע אין דער לענג פון דער צייט, די אנדערע — ווי א פּערפּענדיקולאַר צו איהר — אין דער טיעף פון דעם געפיהל. און וואָס מעהר „לענג“ מיר שניידען אָב פון דער צייט, אַלץ מעהר טיעף גיבען מיר צו אין געפיהל, ביז עס קומט דער מאָמענט, ווען די גאַנצע אונענדליכע לענג פון דער צייט ווערט

פערוואַנדעלט אין אַן אונענדליכע טיעף פון געפיהל, וואָס דויערט ניט מעהר, ווי איין הרף־עין.

דאָס איז די לאָגיש־מאַטעמאַטישע זייט פון דעם נייעם אונ־שטערבליכקייטס־געדאַנק. אָבער דער לאָגיש־מאַטעמאַטישער בע־גריף דריקט אויס ניט מעהר, ווי אַ געדאַנקליכע מ ע ג ל י כ־ק י י ט. ווירקליך קאָן די מעגליכקייט ווערן ערשט אין דעם געפיהל נופא; ווען זי הערט אויף צו זיין לאָגיק און מטושטש'ע פאָרשטע־לונג, און ווערט רעאַלע פסיכאָלאָגיע, — אַ געפיהל פון אונענדליכען „פייער" אין דער נשמה, ווי דוד לייזער כאַראַקטעריזירט איהם.

איז אַזאַ געפיהל מעגליך? קאָנען מיר, די אַלע, וואָס האָבען איהם ניט דורכגעלעבט, קאָנען מיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַ מענש זאָל פ י ה ל ע ן די אונשטערבליכקייט אין דער טיעף פון דעם געפיהל? — פאַר וואָס ניט? כדי צו פיהלען די ע נ ד ל י כ־ק י י ט, אָדער די שטערבליכקייט פון דעם געפיהל, מוז אין דער נשמה זיין אַ וועלכער עס איז אַנדער געפיהל, אָדער אַ וועלכער עס איז אַנדער פסיכישער צושטאַנד, וואָס בעגרענעצט איהם, וואָס פערנעהמט פּלאַץ לעבען איהם. עס איז אויך גענוג אַז ערגעץ וואו אין דער נשמה זאָל זיך פיהלען אַ שטיקעלע פוסטקייט, כדי מיר זאָלען אויפ'ן שטעל שפּירען, אַז דער גרעסטער גליק, וואָס מיר לעבען דורך, איז ניט אונענדליך, אַז ער איז פערגענגליך און ד. ה. שטערבליך. ווי איז אָבער, אַז דער גליק איז אַזוי טיעף און שטאַרק, אַז ער פילט מיט איין מאָל אויס אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה, אַז אַלע איהרע פערוואָרפענסטע און פערשלאָפענסטע פייערן צינדען זיך מיט אַמאָל אָן צו אַ העלען פלאַקער, — אַזוי אַז קיין אַנדער געפיהל קאָן יעמאָלט ניט אריין אין איהר? מוז זיך יעמאָלט ניט א ו י ס ד ו כ ט ע ן, אַז מען איז אונשטערבליך? איהר קאָנט א י ן ק אָ פּ אויך נאָך איצטער האָבען דעם געדאַנק וועגען דעם, אַז אַלע מענשען שטאַרבען און ממילא וועט איהר אויך מוזען אוועק פון דער וועלט. נאָר — כדי דער געדאַנק זאָל האָבען אַ בּרע־קעלע ממשות פאַר אייך, ער זאָל אייך, לאָז זיין, אַ האָרעלע ריהרען, אייך זאָל, אַ האָרעלע אַרען פאַר איהם, מוז ער ארויסרופען אין אייך, לכל הפחות, דעם שוואַכסטען שאָטען פון אַ געפיהל. אָבער אַלע וועלטען פון אייער נשמה שטעהען אין העלע פלאַמען פון

ליעבע און גליק. און אַז איהר גערהט יעמאָלט אַריין אין איייער איי־גענער נשמה מיט דעם געדאַנקען פון טויט, געפינט איהר, אַז פאַר איהם איז דאָרטען בפועל־ממש ערגעץ קיין פּלאַץ ניטאָ. און דאָס וואָס קאָן ניט זיין אין אונזער געפיהל, קאָן ניט זיין אין אונזער אמת'ן גלויבען. איהר פערשטעהט פשוט יעמאָלט ניט, ווי אַזוי מען קאָן רעדען וועגען טויט און איהר פרעגט אין איינעם מיט דוד לייזער'ן: „וואָסער טויט? ווער, דער צרה'דיגער, האָט דאָס אויס־געטראַכט דאָס משונה'דיגע ווערטעל — טויט?" אָבער דאָרטען וואו עס איז ניטאָ קיין טויט, איז דאָ — אונשטערבליכקייט און עס איז דעריבער קלאָהר, אַז דוד לייזער האָט נאָר אות באות פאָרמו־לירט זיין אונענדליכען גליק־געפיהל, בעת ער האָט אויסגעשריען: „ניטאָ פאַר'ן מענשען קיין טויט! איך בין אונשטערבליך."

עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די אונשטערבליכקייט, וואָס ווערט געפיהלט אין אַזעלכע גליק־מאָמענטען, איז ניט נאָר אַ נעגאַ־טיווע, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם, וואָס די נשמה קאָן צו זיך ניט צולאָזען דעם געדאַנק פון טויט און ער אַרט איהר ווי די וואַנד. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, זאָג איך, אַז דער אונשטערבליכקייטס־געפיהל טרעט אַרויס מיט אַ פּאָזיטיווען כאַראַקטער. צו דעם געפיהל פון אונענדליך טיעפער פרייד קומט צו נאָך אַ נייער געפיהל, — אַ מין בעוואוסטזיין, אַז ער דויערט אונענדליך אין דער צייט. אויך דאָס איז פּסיכאָלאָגיש מעגליך. טרעפט דאָך אָפט, אַז אונז חלומט זיך אַזוינס, וואָס דויערט שטונדען און שטונדען, בעת פאַר דעם פּראָצעס אין חלום'ען איז ניט געווען קיין צייט מעהר ווי אַ פּאָר סעקונדען. פאַר וואָס זאָל די סעקונדע, וואָס קאָן זיך אין חלום אויסציהען אין שעה'ן זיך ניט קאָנען אין גליק־עקסטאַז אויסציהען אין אונענדליכקייט?

און נאָך אַ דריטע פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט טאָר מען ניט אַרויסלאָזען אויס'ן אויג. עס קאָן אין דעם מאָמענט פון העכסטען עקסטאַז געבוירען ווערען גאָר אַ נייער געפיהל, וועלכען מענשען אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד קאָנען גאָר ניט משיג זיין. מען קאָן נאָר זאָגען איין זאַך: מען האָט געפיהלט „אונענדליכקייט", אַ גאַנץ בעשטימטע זאַך, וועלכע מען קאָן אָבער בשום אופן ניט בע־שרייבען. וועניגסטענס, פערזיכערט אונז דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט

געליטען פון דער פּאַלליגער, אַז אַ סעקונדע פאַר דעם, ווי עס פלעגט קומען אויף איהם דער אַנפאַל, פלעגט ער איבערלעבען ניט נאָר אַ געפיהל פון אונענדליכער פרייד, נאָר אויך אַ פריידיגען געפיהל פון אונענדליכקייט.

ווענען די אַלע דריי אַרטען פון פּסיכאָלאָגישער אונשטערבליכקייט, מוזען מיר צוגעבען, אַז זיי קאָנען פּאַסירען מיט דער מענשליכער נשמה, און אַז באמת גליקליך איז געווען דער, וואָס האָט זיי דורכגעלעבט. דאָס איז זעהר אַ וויכטיגער רעזולטאַט, ווען מיר טראַכטען ווענען דעם פּראָבלעם פון דעם מענשליכען גליק. אָבער ער פערענטפערט ניט די שאלה וועגען לעבען און טויט. פאַר דוד לייזער׳ן און דאָסטאָיעווסקי׳ן איז די אונשטערבליכקייט געווען אַ פ אַ ק ט. דאָס איז, אמת, גענוג וואונדערליך און שווער בעגרייפליך, — אָבער ס׳איז אַ פאַקט, וועלכען מיר האָבען קיין רעכט ניט צו בעצווייפלען, ווייל מיר האָבען פאַר איהם אַ לאָגישע, שיער ניט קיין מאַטעמאַטישע, און אַ פּסיכאָלאָגישע דערקלעהרונג. אָבער די אונשטערבליכקייט איז דאָך פאָרט געוועזען ניט מעהר ווי אַ ס ו ב י ע ק ט י װ ע, אַ זאַך, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט נאָר אין זייער נשמה.

מיר אָבער, וואָס שטעהען דרויסען און זעהען דוד לייזער׳ן, אָדער דאָסטאָיעווסקי׳ן, ווי ער צאַפּעלט זיך מיט שוים אויף די ליפּען אין דער חולה־נופלים׳דינער, — פאַר אונז איז קלאָהר, אַז זייער אונשטערבליכקייט און אונענדליכקייט איז ניט מעהר ווי אַ ד מ י ו ן פון אונשטערבליכקייט און אונענדליכקייט, ווייל אין דער אמת׳ן איז זייער „אייביגקייט" ארומגעגרעניצט אין רוים און אין צייט. זי שפּיעלט זיך אָב ניט ערגעץ וואו אַנדערש, נאָר אין די פאַר קובישע דעצי־מעטערן, וואָס זייער גוף פערנעהמט אין רוים, און ניט ערגעץ ווען אַנדערש, ווי נאָר אין איין איינציגער ר ג ע, אין איין איינציגען פולס־שלאָג פון דער צייט. עס בערפליהט דער הרף־עין און מיט איהם אויך די גאַנצע אונענדליכקייט פון דער טיעה. וואָס פאַר אַ ווערטה האָט זי דען פאַר דאָס גאַנצע זיין?

אויף דער שאלה איז נאָר דאָ איין ענטפער, די דריטע מעגליכקייט, וואָס מיר האָבען נאָך ניט בעטראַכט, די מ ע ט אַ פ י ז י ש ע. איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען אַלע יענע פילאָסאָפישע ארגו־

מענטען, וואָס האָבען זעהר גרויסע דענקער געבראַכט צו דער ער־קענטניס, אַז רוים און צייט זיינען ניט קיין רעאַלע ווירקליכקייטען אין דער וועלט, נאָר: אָדער נישט מעהר ווי א דמיון אין אונז, — א נויטווענדיגער דמיון, — פון וועלכען מיר קאָנען זיך ניט בעפרייען, אָבער פון דעסטוועגען פאָרט ניט מעהר ווי א דמיון; אָדער ניט מעהר ווי א דמיון'דיגער מ ל ב ו ש, וואָס עקזיסטירט אויך דרויסען פון אונז. דער מלבוש פערדעקט, ווי מיט א פאַנטאַסטישען שלייער, דעם אייגענטליכען תמצית פון דער וועלט, וואָס איז, לויט זיין טבע נאָך, א ריין רוחניות'דיגע זאַך, אויף וועלכער עס איז ניט נופל צו זאָגען „רוים" אָדער „צייט". דער דאָזיגער רוחניות'דיגער תוך, לאָמיר זאָגען, די גאָטהייט, איז אומעטום אין דער וועלט, אָבער אומעטום, וואו מיר קאָנען זי זעהן, איז זי אָנגעטהאָן אין דעם מ ל ב ו ש פון רוים און צייט. צוריק ליעגט אומעטום, וואו עס איז דאָ רוים און צייט, א י ן דעם מלבוש, — אַלע מאָל גאַנץ, — ווײַלע זי נויטיגט זיך ניט אין רוים, — די פערבאָרגענע גאָטהייט. איך קאָן זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף יענע ארגומענטען, ווייל דאָס וואָלט אונז אוועקגעפיהרט צו ווייט. אָבער די פון אייך, וואָס זענען אביסעל בעקאַנט מיט דער פילאָסאָפיע און איהר געשיכטע, ווייסען, ווי ערנסט יענע ארגומענטען זענען און ווי גרוים די דענקער זענען, וואָס האָבען זיי ארויסגעבראַכט.

לאָמיר אויף א ווײַלע אָננעהמען, אַז יענע ארגומענטען זענען ריכטיג, — אָבגעפרעגט געוואָרען זענען זיי סאַי־ווי־סאַי קיין מאָל ניט אין דער פילאָסאָפיע, ווי קיין פילאָסאָפישע טהעאָריע איז נאָך עד היום ניט אָבגעפרעגט געוואָרען אבסאָלוט. אָבער אויב יענע אר־גומענטען זענען ניט אויף־צו־פלייסען אמת: וואָס שטערט אונז דען א טראַכט צו טהאָן א שטייגער אַזוי: אין דעם מאָמענט, ווען די אונענדליכע טיעף פון דעם געפיהל שטעלט זיך אוועק אויף דעם פלאַץ פון דער אונענדליכער לענג אין דער צייט, ווען אין דער נשמה ווערט געבוירען די פסיכאָלאָגישע אונשטערבליכקייט, — יעמאָלט ווערט אויף א הרף־עין פעדברענט אין איהרע פריידיגע פלאַמען דער ד מ י ו ן פון רוים און צייט, דער מלבוש, וואָס דעקט צו דעם פערבאָרגענעם גייסטיגען תוך פון דער וועלט, — די גאָטהייט, וואָס איז אומעטום און איז אומעטום גאַנץ. און ווי נאָה

דער מלבוש ווערט אויף א הרף־עין פערברענט, אזוי ווערט איינעם'ס נשמה אריינגעזונקען אין דער גאָטהיים, און ווי פון א בליטץ גע־טראָפען ווערט איהר קלאָהר, אז זי און די גאָטהיים זענען איין און דיזעלבינע זאך אדער, לכל הפחות, אז זי איז אקוראט אזוי אונ־שטערבליך, אקוראט אזוי למעלה מן המקום ומן הזמן, אקוראט אזוי פריי פון רוים און צייט, ווי די גאָטהיים אליין. דאָס געפיהל פון אונשטערבליכקייט ווערט יעמאָלט א געציִיג, מיט וועל־כען מיר געווינען דעם מעטאפיזישען אמת, — יענעם אמת, וועלכען מיר קאָנען קיין מאָל ניט געפינען מיט'ן שכל. דאָס געפיהל בליקט אויף א הרף־עין אריין אין דער הייליגער ממשלה, וואָס „הינטער די אייזערנע טויערן", אָבער דאָס קאָן ער נאָר יעמאָלט, ווען די אונענדליכע לענג פון דער צייט ווערט אין איהם פערוואַנדעלט אין דער אונענדליכער טיעף, — נאָר יעמאָלט, ווען ער איז אליין הייליג און ריין פון יעדער גשמיות, ווי ביי דוד לייזער'ן.

די אונשטערבליכקייט איז שוין איצטער ניט א דמיון, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט די גרענעצען פון רוים און צייט. זי איז דער ווירקליכער פייער, אין וועלכען עס ווערט פערברענט דער מלבוש פון רוים און צייט.

די התלהבות'דיגע ברכה, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון דוד לייזער'ס מויל, איז דעריבער אפשר דער „שהחינו אויף אונ־שטערבליכקייט", וועלכען זיין נשמה האָט געמאכט, ווי נאָר זי האָט אין דעם פשוט'סטען זין פון דעם וואָרט זיך צונויפגעשטויסען מיט דער פערבאָרגענער אייביגקייט.

איך גלויב, אז דאָס איז איינענטליך דער מעטאפיזישער גע־דאַנק, וועלכען אנדרעעוו וויל אונז איבערגעבען. דער טויט איז ניט דאָס לעצטע וואָרט אין דעם לעבען פון א מענשען. די רעליגיאָן איז אין דעם פונקט גערעכט. אחוץ דער וועלט, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט דעם דמיון־נעץ פון רוים, צייט און אייזערנע נויטווענדיגקיי־טען, איז נאָך דאָ א יענע־וועלט, די וועלט פון דעם ריינעם גייסטי־גען זיין. און אריינדרינגען אין די „יענע וועלט" קאָן מען ניט דוקא דורך דעם טויט. אויך ביים לעבען קאָן זיך טרעפען, אז איינעם'ס נשמה זאָל זיך, לאָז זיין אויף א רגע, ארויסרייסען פון די אילוזיא־

רישע נעצען און אַריינבליקען אין דעם ריינעם, רוחניות'דיגען וועלט־זיין. אַט איז דאָך דוד לייזער'ס נשמה אַריין אויף איין רגע אין גן־עדן, — איין רגע, וואָס איז אָבער ווערטה די גאַנצע ערדישע אייביגקייט.

אויב אַנדרעעוו'ס ווערק וואָלט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דוד'ס גליק, וואָלטען מיר אין איהם גע־קאָנט זעהן ניט מעהר ווי אַ קינסטלערישע אילוסטראַציע צו טאָלס־טאָי'ס טהעאָריען. די אייביגע פּראָבלעמען פון לעבען און טויט זענען פערענטפערט. דער „אמת וועגען דעם מענשען'ס גורל“ איז אויס־געפונען אויף קלאָהר. דאָס מענשליכע לעבען איז ניט נאָר חושך און וואַהנזין: אין דעם פּראָצעס פון מענשען־ליעבע רייסט מען זיך אַרויס פון פינסטערניס צו ליכטיגקייט, פון גיהנם צו גן־עדן, — אַ גן־עדן פון העכסטען גליק אויף דער וועלט, וואָס טראָגט נאָך אין זיך ניט נאָר די האָפענונג, נאָר די קלאָהרסטע געוויסהייט וועגען אַן אייביגען זיין פון דער איינענער נשמה. און אפילו אַז די אונשטערבליכקייט וואָלט געווען ניט נאָר קיין געזיכערטע זאַך, נאָר אַ זעהר מעגליכע השערה, וואָס ניט שפּייז צו דער גילדענער האָפענונג? און אפילו אַז עס וואָלט ניט געבליבען קיין ברעקעל פּלאַץ פאַר אַ וועלכער עס איז האָפענונג אויפ'ן לעבען נאָכ'ן טויט, — ווער, וואָס האָט נאָר טיעפער דורכגעטמען דעם צער פון אונזער די־וועלטיגען זיין, — וואָלט ניט וועלען אוועקגעבען זיין גאַנצען גיהנום'דיגען לעבען פאַר איין רגע אין גן־עדן? פאַר אַזאַ רגע, וואָס זאָל ביז'ן טויט אָנפילען זי מיט דער ערינערונג פון דעם גן־עדן און אויף אייביג אויסברע־נען דעם פחד פון טויט?

„געוויס“, וועט איהר מיר ענטפערען, „פאַר אַזאַ מאָמענט פון העכסטען מענשליכען גליק, וועלכען דוד לייזער האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון זיין טריאומף, איז ווערטה אַוועקצוגעבען אַ גאַנ־צען לעבען, ווען ניט זיינע שפּעטערדיגע ליידען. אַט, אַז אין דער צייט, ווען איהם האָט געטראָפען דער גייסטיגער בליטץ פון אונשטערבליכקייט וואָלט איהם געטראָפען אויך אַ פּלוצלינגער דונער, וואָס וואָלט איהם פערשפּאָרט דעם שפּע־טערדיגען גיהנום, — אָדער ווען ער וואָלט אַ לעבעדיגער אַרויסגע־נומען געוואָרען אויפ'ן הימעל ווי אליהו הנביא, יעמאָלט וואָלט זיין

גן־עדן געווען פאַלקאַם; אָבער יעמאָלט וואָלט ער ניט געקאָנט זיין קיין ביישפּיעל און קיין סימבאָל פאַר דעם מענשענ׳ס לעבען, וואָס איז פול פון יסורי־גיהנום, דערהויפּט ביי די דוד לייזער׳ס. עסט ניט אויף דער גיהנום דעם גן־עדן? ווערט ניט דער גן־עדן פערברענט אין דעם פייער פון דעם גיהנום?

יע, ענטפערט אַנדרעעוו, דורך דעם „שומר“. דאָס, וואָס איהר רופט אַן גיהנום, עסט אויף דעם גן־עדן. האָט דוד לייזער אַליין ניט געזאָגט, אַז אינוועניג אין איהם ברענט אַ ווייסער פייער, אויף וועלכען די לבנה ווערט שוואַרץ און די זון ווערט איבערגעברענט ווי געלע שטרוי? *אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז ליידען איז גיהנום*? דאָס איז די פראַגע, וואָס אַנדרעעוו שטעלט, און זיין ענטפער איז, אַז די ווייסע פלאַמען פון יסורים איז נאָך אַ טיעפערע מדרגה אין דעם געטליכען לעבען, איידער די געלע פלאַם פון גליק, פרייד און ליעבע.

גאָט, אָדער דאָס וואָס מיר זוכען אונטער דעם נאָמען, איז לויט אַנדרעעוו, ניט שכל, ניט ליעבע, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס מיר קאָנען אויסדריקען נאָר בילדליך, ווען מיר זאָגען, אַז ער איז „דער פייער פון דעם געפיהל“. און עס איז ניטאָ קיין גבול צו דעם פאַנאַנדערגליהען פון דעם פייער. גליק און אונגליק, פרייד און יסורים, זיינען נאָר די ערשטע *שטופען*, צו וועלכע אויך דער מענש קאָן דערגרייכען אין זיין לעבען. אָבער „די ליכטיגקייט“ האָט ניט קיין גרענעצען, און עס איז דאָ נאָך איינער אַן אונבעקאַנטער פייער, וועמעס נאָמען קיינער ווייס ניט.

וואָס איז דער תוך פון דער וועלט? און וואָס איז דער גרונד פון דעם לעבען? די גאַנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע דרעהט זיך אַרום דעם ענטפער אויף דער פראַגע. העגעל מיינט, אַז דער וועלטען־גרונד איז שכל, פיכטע זאָגט: ער איז דער ווילען צו דעם מאָראַליש גוטען, שעללינג זאָגט, דאָס אַבסאָלוטע איז אַ שטרעבען צו דעם עסטעטיש שעהנעם. אַנדרעעוו שטעלט זיך אויף דער זייט פון די, וואָס גלויבען, אַז אין דעם *געפיהל* דריקט זיך אויס דאָס געטליכע פּרינציפּ פון דער וועלט און אַז דאָס געפיהל איז דער מקור, פון וואַנען עס שלאָגט דער קוואַל פון לעבען. און וואָס טיעפער איינעמ׳ס געפיהל איז, אַלץ נעהנטער איז ער צו גאָט און צו

דעם מקור פון לעבען. אין די ליידען איז ער נאך נעהנטער צו איהם, איידער אין די פריידען, ווייל די ליידען זענען שטארקער און טיעפער, איידער די פריידען...

אט דאס איז דער מעטאפיזישער תמצית פון אנדרעעוו׳ס אנאטעמא, וואס דארף אונז פערענטפערען די גרויסע שאלה פון לעבען און טויט.

עס איז ניט דא דער ארט אבצושעצען דעם פילאסאפישען ווערטה פון אנדרעיעוו׳ס געפיהלס־מעטאפיזיק. פאר אונז איז נאר געווען וויכטיג קלאהר צו מאכען אנדרעיעוו׳ס געדאנק און זיין שטעלונג צו די גרויסע פראבלעמען פון דער פילאסאפיע. מיר האבען געפונען, אז אין לעצטער ליניע איז ער אן אפטימיסט, — א מענש, וואס גלויבט אין דעם זין פון דעם לעבען און פון דער וועלט, ווײלע דער פאקט פון יסורים און טויט זענען ניט קיין בעוויז פאר דעם פעסימיזם, נאר, אדרבה! — א בעוויז פאר דעם אפטימיסט. יסורים זענען א העכערער אויסדרוק פון לעבען אויף דער וועלט און דער טויט איז נאר אן איבערגאנג צו א וועלכען עס איז אנדער פייער פון געפיהל, וואס מיר קאנען מיט׳ן שכל גאר ניט בענעהמען זיין מהות.

פאר אנאטעמא, פאר דעם שכל, איז דאס, פערשטעהט זיך, ניט קיין ענטפער. בלייבט ער אין דער ממשלה פון צאהל, מאס און וואג, פון רוים און צייט, איז יעמאלט מוזען איהם די אלע ערפאהרונגען פון א דוד לייזער אדער פון א דאסטאיעווסקי אויסקומען ווי א געפלאפעל פון א שכור׳ען. פערגעסען מיר אבער אויף דאס, וואס אונז לערנען די אויסערליכע חושים און דער פערשטאנד, פערטיעפען מיר זיך אין די סודות פון דעם איינענעם געפיהל, אזוי ביים זיך איבער אונזער מאס, און דער שכור׳ער איז אין אונזערע אויגען ניט דער געפיהל, נאר דער פערשטאנד. זעהען מיר דען ניט, ווי ער צאפעלט זיך אין דעם נעץ פון די אויסערע חושים, ווי ער ליעגט אהנמעכטיג ביי דעם פוס פון די אייזערנע טויערן, בעת אין דער אמת׳ען זענען זיי אפען פאר יעדען איינעם. ניט אין דער אונענדליכקייט פון דעם געדאנק דארפען מיר זוכען דעם אריינגאנג צו דער אייביגער גאטהייט, לערענט אונז ארדעיעוו, נאר אין דער אונענדליכקייט פון דעם געפיהל.

דאס איז דאס לעצטע ווארט פון אנדרעיעוו'ס דענקען וועגן די רעטעניסען פון דער וועלט. עס איז ניט קיין ניי ווארט, אבער דערפאר ארויסגעזאגט אריגינעל און מיט קראפט.

מיט דעם וואלט איך געקאנט ענדיגען מיין היינטיגע פארלעזונג. אבער איך וויל נאך זאגען א פאר ווערטער פאר די, וואס בענוגענען זיך ניט מיט דער בעקאנטשאפט פון אן אינטערעסאנטען געדאנק, ארויסגעזאגט אין אן אינטערעסאנטער פארם. זיי ווילען האבען דעם קלארען פועל־יוצא: „נו — איז אנדרעיעוו גערעכט אדער ניט?"

איך מוז מיך אין אומעט און הכנעה מודה זיין, אז אויף דער פראגע קאן איך ניט געבען קיין ענטפער.

די פראגען פון דער מעטאפיזיק שפיעלען זיך אב אויף די גרעניצען פון אונזער ערקענטניס, וואו עס הערט אויף צו רעדען די ערפאהרונג און דער געוועהנליכער פערשטאנד. מען קאן, אויב איהר ווילט, פשוט אוועקמאכען די אלע פראגען כלאחר יד און זיך זאגען: מיר ווילען ניט געהן אזוי ווייט, פאר אונז איז גענוג געוויס די וועלט פון דער ערפאהרונג און דעם וויסענשאפטליכען דענקען. אבער יעמאלט דארף מען זיך לכתחילה אבזאגען פון א וועלכען עס איז ענטפער אויף די אייביגע פראבלעמען און דערוועגען אין זיך דעם דארשט צו דעם אייביגען אמת. ניט אלע אבער קאנען האבען אין זיך דעם הערא יזם פון בעשיידענהייט.

און איז דאס אין דער אמת'ען א בעשיידענהייט, ווען איינער שמועסט זיך איין, אז ער פרעגט ניט, אז ער האט דעם כח גאר ניט א טראכט צו טהאן וועגען די אייביגע פראבלעמען, בעת אין דער חירקליבקייט האט ער ערגעץ וואו אין דער בוזעם־טאש א קלייניגקען, הויז־געבאקענעם אמת'ל, א גאט'על פון אברהם'ן, יצחק'ען און יעקב'ן, אדער א מאטעריע'לע" פון ביוכנער, פאכט און מאלעשאט, אדער אן אייזערנעם „געשיכטס־גאנגעלע" פון א מארקס און ענגעלס און ער קוויקט זיך מיט זיין אמת'ל אין דער שטיל?

און איז דאס באמת א הערא יזם, ווען איינער האט מוזא ארויסצושלעפען זיין אמת'על אויף דער ליכטיגער זון און

אוועקשטעלען איהם אין קאמפף מיט אלע אנדערע ענטפער'ס, וועלכע דער מענשליכער שכל ברענגט ארויס?

די, וואס האבען ניט קיין „גאטעלע“, נאר א גאט, ניט קיין „מאטעריע'לע“, נאר א גרויסע מאטעריעלע וועלט, וואס איהרע געזעצען פארשען זיי אויס, ניט קיין „געשיכטס־גאנגעלע“, נאר אן אייזערנעם געשיכטס־גאנג, — זיי אלע האבען גרויסע אמת'ען און זיי דארפען קיין מורא ניט האבען צו שטעלען זיך ביי דעם ברעג פון דעם אבגרונד, און זיי דארפען גאר ניט איינשמועסען זיך, אז זיי בלייבען „אין די גרעניצען פון דער ערפאהרונג און דער וויסענשאפט“. זיי זענען מעטאפיזיקער, און האבען א רעכט צו קעמפפען נעגען אנדערע מעטאפיזיקער, ווייל יעדער ענטפער וועגען דעם מהות פון דער וועלט און דעם גורל פון דעם מענשען נאך דעם טויט איז א מעטאפיזישער ענטפער, וואס לאזט איבער די „גרעניצען פון דער ערפאהרונג און דער וויסענשאפט“ וויים הינטער זיך.

אבער דא, אין דער מעטאפיזיק, האבען מיר ניט קיין אבסאלוטען מאסשטאב, מיט וועלכען מיר זאלען קאנען אבמעסטען דעם אמת פון יעדען סיסטעם. אלע מעטאפיזישע סיסטעמען זענען גלייך בערעכטיגט. קיין איינע פון זיי איז ניט אבגעפרענט געווארען אבסאלוט. קיין איינע פון זיי קאן ניט בעוויעזען ווערען אויף קלאהר, און יעדע פון זיי האט ארגומענטען פאר זיך און ערנסטע טענות אנטקעגען דעם צד שכנגד.

קריטיקירען יענע מעטאפיזיק, וועלכע אנדרעיעוו פרעדיגט אין זיין „אנאטעמא“, וואלט דעריבער געהייסען אוועקשטעלען אנטקעגען איהר די אנדער מעטאפיזיק, אין וועלכע איך גלויב, און זי אויסמאלען אין ליכטיגע פארבען. דאס קאן ניט זיין די אויפגאבע פון מיין היינטיגער פארלעזונג.

איין פונקט וויל איך נאר דא בעריהרען צום שלוס. אין „אנאטעמא“ ווערט דער שומר פון דעם אריינגאנג אוועקגעשטעלט אנטקעגען דעם סקעפטישען שכל. ער, דער שומר, איז א קראפט, וואס וואוינט דרויסען פון דעם מענשליכען שכל. אין דער אמת'ן אבער וואלטען מיר קיינער ניט געוואוסט פון דעם דאזיגען שומר,

זוען ניט „אַנאַטעמאַ“, וועט ניט דער מענשליכער געדאַנק. ער האָט אויסגעפונען די גרעניצען פון זיין אייגענער מאַכט, און ניט ערגעץ וואו אויף אַ מיסטישען באַרג, נאָר אין זיינע אייגענע טיע־פעניסען. עס איז, אין די אינטערעסען פון דעם קינסטלערישען אויפבוי פון דעם פּראָבלעם, גאַנץ געווים דעם קינסטלער ערלויבט, פאַנאַנדערצוזיידען דעם איינהייטליכען מענשליכען שכל אין צווייען און זיין אינווענינגסטען קאַמפף פאַרצושטעלען ווי אַ קאַמפף פון צוויי דרויסענדיגע קרעפטע, וואָס עקסיסטירען איינע דרויסען פון דער אַנדערער.

ביי דעם פילאָסאָפישען בעטראַכטען פון דעם פּראָבלעם טאָר מען דאָס אָבער ניט ארויסלאָזען פון אויג. אַנאַטעמאַ און דער שומר זענען איין־און־דיזעלביגע זאַך: דער אייביג זוכענדער און פאָרשענדער מענשליכער גייסט. און נאָר אין דער אַבסטראַק־ציע קאָנען מיר זיי פאַנאַנדערדייסען און אוועקשטעלען איינעם אנטקעגען דעם אַנדערען און מאַכען, אַז אַלע ליכט־פאַרבען זאָלען פאַלען אויף דעם סימפּאַטישען שומר און אַלע שאָטען־פאַרבען אויף דעם שטן.

איך גלויב, אַז אויך אַנדרעיעוו ווייס עס און אויב ער פיהלט ניט, אַז ער האָט בעגאַנגען אַן אונרעכט צו דעם אונגליקליכען אַנאַטעמאַ, איז דאָס דערפאַר, וואָס ער פערשטעהט, אַז אונזער פריינד אַנאַטעמאַ וועט אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען: ער איז צו קלוג דערצו און קאָן אַריבערטראָגען אַ שפּאַס.

אַנאַטעמאַ, וואָס „בענקט נאָך דעם אמת“, ווייס, וואָס ער ווייס, און וואָס קיינער וועט איהם ניט קאָנען אָבלייקענען, אַז דאָס האָט ער אויסגעפונען די גרעניצען פון דער ערקענטניס, אַז דאָס האָט ער אוועקגעשטעלט דעם שומר פון דעם אריינגאַנג, אַז דאָס האָט ער און ניט קיין אַנדערער אויך ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק פון אַ גאָט און אויסגעטראַכט אַלע מאוס'ע מעשות אויף זיך אַליין. און ער איז עס, און ניט קיין אַנדערער, וואָס לאָזט זיך איצטער אַראָב אין די טיעפענישען פון דעם מענשליכען גע־פיהל, טאָמער וועט ער דאָרטען אויסגעפינען אַ שטראַהל פון האָפע־נונג און גליק — ניט פאַר זיך, נאָר פאַר זיין ליעבלינג נאָך פון די פאַר־ביבלישע צייטען — דעם מענשען.

מעטערלינקס „בלאָהער פויגעל"

מעטערלינק׳ס „בלאהער פויגעל“*)

חברים און פריינד!

די פרעסע פון די לעצטע טעג, — ניט נאר די אידישע, נאר אויך די ענגלישע, — איז געווען פול מיט ארטיקלען וועגען מע־טערלינק׳ס „בלויען פויגעל“. בעשרייבונגען פון דעם פרעכטיגען אויפפיהר, וואס דאס ווערק האט בעקומען אין דעם נייעם ענגלישען טהעאטער, פילען אן גאנצע צייטונגס־שפאלטען. דער לויב־געזאנג אויף מעטערלינק׳ס טאלאנט איז אן איינשטימיגער. עס איז דע־ריבער קיין חדוש ניט, וואס איינינע פריינד האבען מיך געבעטען, איך זאל איינע פון מיינע פארלעזונגען אוועקגעבען פאר מעטער־לינק׳ס ווערק.

איך טהו דאס מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, ווייל סיי דער נאמען פון דעם מחבר, סיי דאס ווערק גופא פערדיענען עס, מיר זאלען זיך בעשעפטיגען מיט זיי.

אבער — קודם כל, א קליינינקען אבמאך. די גאנצע קינסט־לעריש־ליטערארישע זייט פון דער זאך וועל איך לאזען נאר אן א זייט: לאז דאס בלייבען פאר די עסטעטישע קריטיקער פון פאך. מעטערלינק׳ס „בלאהער פויגעל“ איז דאך ניט פשוט א קונסט־ווערק: ס׳איז א סימבאל, א משל—דאס גיט צו יעדערער. און וואו עס איז דא א משל, מוז זיין א נמשל, —וואו א סימבאל, דארטען א געדאנק. אבער דארטען וואו עס איז דא א געדאנק, זענען מיר דאך עפעס אויף־דערויף גמרא־קעפ: ווי קאנען מיר דורכלאזען דעם „מאי־קא־משמע־לן?“

„מאי־קא־משמע־לן דער „בלאהער פויגעל“? וואס קומט ער אונז צו לאזען הערען? — דאס צו פערענטפערען איז די הויפט־

*) געלייענט צום ערשטען מאל אין ניו יארק אין 1911.

אויפגאַבע פון מיין היינטיגער פאָרלעזונג. אָבער ניט די איינציגע. איך וויל גלייך אין אָנהויב אָבשטעלען זיך און זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דער בעדייטונג פון מעטערלינק׳ס שאַפען בכלל. וועניגסטענס קלאָהר מאַכען איין פּונקט, וואָס מיך אינטערעסירט דערביי מעהר פאַר אַלץ.

די גרויס פון מעטערלינק׳ס טאַלאַנט אַלס דיכטער איז בעשטאַנען און בעשטעהט נאָך אין דעם, וואָס ער קאָן אַזוי גוט — דורך סימבאָלישע און האַלב־סימבאָלישע פיגורען — אַרויסרופען אין אונז געוויסע *שטימונגען*, סיי פון די איינצעלנע לעבענס־ערשיינונגען, סיי פון דעם מענשליכען לעבען בכלל.

מאָלען שטימונגען איז אפשר די שווערסטע זאַך אין דער קונסט. דעם מענשענס שכל האָט זיך בכלל צו ווייניג אינטערעסירט מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער אייגענער נשמה. די דרויסענדיגע וועלט האָט אַלע מאָל צוגעצויגען צו זיך דעם גרעסטען טהייל פון זיין ענערגיע, און אַז ער האָט שוין גענומען אַריינבליקען אין די טיעפענישען פון דעם מענשליכען האַרצען, האָבען איהם קודם כל פעראינטערעסירט יענע קלאָהרע געפיהלען, וואָס גרענעצען זיך אָב בולט און שאַרף אויף דעם אַלגעמיינעם פאָן פון דעם פּסיכישען לעבען: ליעבע, האַס, אייפערזוכט, פרייד, אומעט, טרויער, כעס, פּראָטעסט און דערגלייכען. דאָס לעבען פון די דאָזיגע געפיהלען האָט קודם כל בעשעפטיגט דעם פּסיכאָלאָגישען קינסטלער. בעשרייבען זייער געבורט, ענטוויקעלונג, קאַמפּף און שיקזאַל איז געוועזען און בלייבט נאָך עד היום זיין ליעבלינגס־טהעמאַ. אָבער נאָך רייכער, איידער אין קלאָהרע, שאַרף אַרומגעצירקעלטע געפיהלען, איז דעם מענשענ׳ס נשמה אין *שטימונגען*, — אין יענע צושטענדען איהרע, וועלכע עס איז אַזוי שווער צו בעשרייבען מיט ווערטער, ווייל דעם מענשענס שכל האָט פּשוט נאָך ניט גענוג געאַרבייט אויף זיי, ווייל ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג גענומען אָבגעבען אַ קלאָהרען דין וחשבון וועגען זייער מהות.

ווי רייך דעם מענשענ׳ס נשמה מוז זיין אין איינצעלנע שטימונגען, קאָן מען איינזעהן פון אַ פּשוט׳ען חשבון. די מוזיק, — דאָס ווייסען אַלע, — איז די שפּראַך פון די מענשליכע געפיהלען, און אין דער אמת׳ען איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט,

וואָס זאָל אזוי דירעקט רעדען צו אונזער הארצען, ווי די קלאַנגען פון די מוזיקאַלישע טענער. אויף יעדער מעלאָדיע פון דער מוזיק ענטפערט דאָס מענשליכע הארץ מיט א בעזונדער אבקלאנג פון געפיהל. אָבער בעשטעהט דער אבקלאנג ניט מעהר ווי פון א בעזונדער געפיהל? לאָמיר זעהן! אָט האט מען אונז פארגעשפיעלט צוויי חופּה־מארשען אָדער צוויי לויה־מארשען. אין דעם ערשטען פאַל האָבען מיר דורכגעלעבט צוויי געפיהלען פון פרייד, אין דעם לעצטען — צוויי געפיהלען פון טרויער. זענען אָבער די צוויי פרייד־געפיהלען גלייך געווען איינער צום אַנדערן? זענען די צוויי טרויער־געפיהלען געווען אקוראט פון איין־און־דערזעלבינער אָרט? געוויס ניט! ווי באַלד די קלאַנגען זענען געווען פערשידען, האָבען שוין אויך די אָבקלאַנגען געמוזט זיין גאַנץ אַנדערע. אָבער פרייד איז דאָך פרייד און טרויער איז טרויער? — יע, נאָר, הפּנים, אז ניט גאָר אין גאַנצען. משמעות, אז ניט אַלע פריידען לאָזען איבער אַקוראט דעמזעלביגען פריידיגען רושם אין אונזער נשמה און ניט אַלע טרויער־געפיהלען בּרענגען ארויס דיזעלביגע טרויעריגע ווירקונג. מענדעלסאָהן׳ס טרויער־מארש לאָזט איבער אַן אנדער רושם, עהדער דער טרויער־מארש פון גריעג. דער אונטערשייד פון זייער ווירקונג אויפ׳ן געפיהל שטאַמט פון דער ש ט י מ ו נ ג. מענדעלסאָהן׳ס טרויער־געפיהל האָט געהאַט אַן אַנדער שטימונג, איידער גריעג׳ס טרויער־געפיהל, און דער רושם, וואָס זיי לאָזען איבער אויף דער נשמה, איז פערשיידען דערפאַר, ווייל זיי רופען ארויס אין אונז, אמת, דעמזעלביגען טרויער־געפיהל, אָבער דערפאַר גאַנץ פערשיידענע ש ט י מ ו נ ג ע ן.

איצטער בערעכענט: וויפיעל איינצעלנע מעלאָדיען זענען דאָס דאָ אין דער וועלט פון דער מענשליכער מוזיק און וויפיעל איינצעלנע מעלאָדיען קאָנען און וועלען נאָך בעשאַפען ווערען אין איהר. און אז איהר דערמאָהנט זיך, אז יעדע מעלאָדיע לאָזט איבער א י ה ר רושם אין דער נשמה, ד. ה. אַז זי רופט ארויס א י ה ר שטימונג אין איהר, און אז מען בעטראַכט נאָך ווייטער, אז ניט נאָר קלאַנגען קאָנען ארויסרופען שטימונגען, נאָר אויך אַ סך אנדערע ערשיינונגען פון דעם לעבען, יעמאָלט קאָנט איהר בעקומען א בעגריף ווי אונענדליך צאָהלרייך עס זענען די שטי־

זונגען אין אונזער האַרצען און ווי אונענדליך אָרעם, ווי צרה'דיג אָרעם אונזער מענשליכע שפּראַך איז, וואָס האָט פאַר זיי, פאַר אַלעמען, אפשר ניט מעהר ווי א טוץ ווערטער: ווי, למשל, „אומעטיג", „טרויעריג", „פרעהליך", „געהויבען" און אזוי ווייטער. און אויך דאָ מוז די שפּראַך באָרגען ווערטער פון אנדערע, ניט פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען: מיר זאָגען, צ. ב., אז עס איז אונז „ימים־נוראים'דיג" אויפ'ן האַרצען. „עס איז אונז עפּעס אויפ'ן האַרצען", — דאָס איז דער געוועהנליכער אויסדרוק פאַר דער שטימונג. מיר קאָנען אָבער בשום אופן ניט אויסדריקען אין ווערטער, וואָס עס איז אזוינס, און מיר בעצייכענען אַלע שטימונגען מיט יענעם געפיהל, וואָס שפּיעלט אין זיי די הערשענדע ראָליע.

פון וואַנען נעהמען זיך די שטימונגען אין דער מענשליכער נשמה? — אַפּטמאָל דוכט מיר, אז דער אונענדליכער סכום פון שטימונגען, — דאָס איז דער עצם פון דער מענשליכער נשמה, דאָס איז איהר ים, וואָס בייט אַלע ווייל זיין פאַרב, — א ים פון מיליאָנען איינצעלנע קאָלירען, וואָס גיסען זיך אריין איינער אין דעם אנדערן, און אז די קלאָהרע געפיהלען (און די קלאָהרע פאָרשטעלונגען, ווי אויך די קלאָהרע געדאַנקען, וואָס וואַקסען ארויס פון די פאָרשטעלונגען) זענען ניט מעהר ווי איינצעלנע וואַלען, וואָס הויבען זיך אויף א ווייל פון דעם אַלגעמיינעם שטימונגס־ים און גיסען זיך דערנאָך ווידער צונויף מיט איהם. אָבער עס קאָן גרייליך געמאַלט זיין, אז די סברה איז ניט מעהר ווי א דמיון אין מיר. אויב מען זאָל זיך האַלטען פאַר דער מאָדערנער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, מוז מען אפשר קומען צו דעם רעזולטאַט, אז די שטימונגען זיינען ניט דער אורשטאָף, ניט דער „חומר ההיולי", פון וואַנען עס ווערען געפאָרעמט די קלאָהרע פּסיכישע געשטאַלטען, נאָר א שפּעטערדיגע ערשיינונג, א פועל־יוצא פון די קלאָהרע איבערלעבונגען פון אונזער נשמה.

א גרויסער טהייל געלעהרענטע נעהמט נאָך עד היום אָן, אז דאָס גאַנצע פּסיכישע לעבען פון דעם מענשען, אַלע זיינע פאָרשטעלונגען, בעגריפען, אידעען, בילדער, געפיהלען, שטרעבונגען און געדאַנקען וואַקסען ארויס פון די עמפּפינדונגען און די שפּי־

רונגען, וואָס מיר בעקומען פון אונזערע חושים, די דרויסענדינע און די אינוועניגסטע. פארבען, קלאנגען, גערוכען — טאפּ־און געשמאַק־עמפּפינדונגען, — די שפּירונגען, וואָס די טהעטיגקייט פון אונזערע אינוועניגסטע אָרגאַנען און מוסקעלן לאָזען איבער אין אונז, — דאָס אַלץ איז דער אורשטאָף, וואָס פון איהם ווערען אויפגעבויט אַלע געשטאַלטען פון דעם פּסיכישען לעבען. עס איז היינט נים מיין דאגה צו בעווייזען איך, ווי אזוי, למשל, די אבּסטראַקטעסטע געדאַנקען ווענען גאָט און אונשטערבליכקייט קאָנען צורוקגעפיהרט ווערען צו די איינצעל־עמפּפינדונגען על פּי דער דאָזיגער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע. וויכטיג פאר אונז איז נאָר צו בעווייזען, ווי אזוי מען קאן דורך דעם עמפּירישען פּרינציפּ פערענטפערן די שאלה, פון וואַנען עס נעהמט זיך ביי אונז די אונענדליכע צאָהל שטימונגען.

דאָס רוב עמפּיריקער נעהמען אָן, אַז יעדע איינצעל־עמפּפינדונג, — סיי אַ פארב, סיי אַ גערוך, סיי אַ קלאַנג, ווערט געבוירען אין איינעם מיט אַ בעשטימטען געפיהל־טאָן, אזוי רופט מען דאָס אין דער וויסענשאַפט. יעדע איינע פון זיי געפעלט אונז אָדער געפעלט אונז ניט אויף אַ געוויסער אַרט. אויב מען זאָל צ. ב. נעהמען אַ געוויסען גרויסען סכום פארביגע סטענגעס פון פערשיידענע שאַטירונגען, אָבער פון דערזעלביגער גרויס און פאָרם און מען זאָל זיך פרעגען, וועלכע פון זיי געפעלען אונז און וועלכע ניט, וועלען מיר קאָנען דעם גאַנצען סכום פאַנאַנדערשיידען אין צוויי טהיילען: די אנגענעהמע און די ניט־אנגענעהמע. און אויך אין יעדען טהייל בעזונדער וועלען מיר קאָנען פאַנאַנדערסאָרטירען די סטענגעס אזוי, אַז די פארבען זאָלען געהן כסדר, לויט דעם גראַד און דער שטאַרקייט פון דעם אנגענעהמען אָדער ניט־אנגענעהמען רושם, וואָס זיי מאַכען אויף אונז. סוף־כל־סוף קאָן מען צונויפשטעלעןביידע טהיילען אזוי, אַז זיי זאָלען בילדען איין גרויסע פארבען־צייל, אנגעהויבען, לאָמיר זאָגען, לינקס מיט די נאָר־אונאנגענעהמע, איבערגעהענדיג דורך די אַלץ ווענינער אונאנגענעהמע ביז צו יענע פארבען, וואָס דוכטען זיך אויס כמעט ווי גלייכגילטיגע, וואָס לאָזען כמעט גאָר קיין רושם ניט איבער אויף אונזער נשמה, פון דאָרטען ווייטער דורך די אַלץ מעהר אנגענעהמע,

ביז צו דער לעצטער, עקסטער פאַרב רעכטס, וואָס רופט אַרויס אין אונז די אַנגענעהמסטע ווירקונג.

עס פערשטעהט זיך, אַז מען דאַרף דערצו האָבען ניט נאָר אַ שאַרף אויג, כדי צו דערקענען די שאַטירונג פון דער פאַרב, נאָר אויך אַ שאַרפען פסיכישען געהער, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויס־דריקען, אָבער נאָר אַ שאַרפען, כדי ריכטיג אַרויסצוהערען זייער אָבקלינגען אין אונזער נשמה.

דאָס אייגענע איז אויך מיט די קלאַנגען, גערוכען, געשמאַ־קען, מוסקעל־עמפפינדונגען און אַזוי ווייטער. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין געפיהלס־טאָן, זיין אָבקלאַנג אינוועניג אין אונז.

ווען פון די איינצעלנע עמפפינדונגען ווערען אויפגעבויט די העכערע פסיכישע געשטאַלטונגען, — די פאָרשטעלונגען, בעגריפען, אידעען, געדאַנקען, שטרעבונגען, — יעמאָלט גיסען זיך צונויף זייערע געפיהלס־טענער אין איינעם און פון זיי וואַקסען אַרויס אָדער קלאָהרע געפיהלען, ווען איין־אָדער נאָר עטליכע געפיהלס־טענער האָבען די אויבער־האַנד איבער די אַנדערע, — אָדער אַנ־שטאָט קלאָהרע געפיהלען ווערען געבוירען האַלב־קלאָהרע שטי־מונגען, ווען קיין געפיהלס־טאָן האָט ניט די קראַפט אַריבערצו־קלינגען זיינע חברים. אַ ביספּיעל קלאָהרערע שטימונגען הערשען אין דער נשמה יעמאָלט, ווען זי איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער שליטה פון אַ וועלכען עס איז בולט׳ען און שאַרפען געפיהל. האָט אונזער נשמה דורכגעפיהלט אַ שטאַרקען צער, יעמאָלט צוגיסט זיך דער צער איבער אַלע איהרע טהיילען און פאַרבט זיי אַלעמען אָב אין אַ שוואַרצען קאָליר. און אפילו ווען דער געדאַנק האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם צער, און ווען דער צער אַליין איז שוין איבערגעלעבט געוואָרען, ציטערט נאָך ערגעץ וואו אין דער נשמה זיין שאָטען און וויקעלט אַלץ דאָרט איין אין אַ קאַלטען גרוי. דאָס אייגענע, פערשטעהט זיך, איז אויך מיט דעם געפיהל פון פרייד, וואָס לאָזט איבער אַ ראָזעווען טהוי אויף אַלע ערשיינונגען פון אונזער פסיכישען לעבען.

די שטימונגען, — די פערשיידענע שאַטירונגען פון גרוי אָדער רויז, פון ליכט אָדער פינסטערניש אין אונזער נשמה, — זענען

אויף אַזאַ׳ן אופן די ש אָ ט ע נ ס פון די געפיהלען און די עמפפינדונגען, וועלכע דאָס לעבען האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך אין די טיעפעניסען פון אונזער געמיטה.

איך האָב מיך דאָ אָבגעשטעלט אַ ביסעל לענגער אויף דער שטימונגס־טהעאָריע פון דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, ניט דערפאַר, ווייל איך בין אַזוי שטאַרק איינגעגלויבט אין איהר. אדרבא, איך רעכען, אַז די האָניג־וואָכען פון איהר יום־טוב אין דער וויסענשאַפט זענען שוין לאַנג אריבער. זי ווערט איצטער שטאַרק אָבגעפרעגט אין דער ערנסטער פאָרשונג. איהרע גרונד־זיילען זענען שוין פאַנאַנדערגעשאָקעלט, ווען אפילו מען מוז מודה זיין, אַז זי האָט אונז געגעבען אַ סך טיעפע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען און קלאָהרע בעשרייבונגען פון איינצעלנע פּסיכישע געשעהענישען, וואָס וועלען בלייבען אין דער וויסענשאַפט אפשר אויף אייביג.

איך האָב נאָר געוואָלט בעווייזען, אַז אפילו לויט דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע מוז אויסקומען, אַז דער גרעסטער טהייל פון דער נשמה איז פערנומען מיט שטימונגען, ווען אפילו מיר מערקען זיי ניט, און אַז יעדע נייע עמפפינדונג, ד. ה. יעדער פולס־שלאָג פון אונזער לעבען, יעדער הרף־עין אונזערער מוז פ ע ר מ ע ה ר ע ן דעם אוצר פון אונזערע שטימונגען, מוז צופיהרען ווייטער און ווייטער נייע שטרעמונגען אין זייער אונענדליכען ים.

עס ווערט דעריבער קלאָהר, וואָס פאַר אַ וויכטיגער און שווערער פעלד פאַר דער קונסט דאָס איז, ארויסצורופען אין אונז מיט דער הילף פון ו ע ר ט ע ר די פערשיידענע שטימונגען פון דער נשמה. און ווען מען דערמאָהנט זיך, וואָס פאַר אַן אָרעם געצייג דאָס מענשליכע וואָרט איז, ווי ווייט און פרעמד עס איז דעם גאַנצען געפיהלס־לעבען פון דעם מענשען, — יעמאָלט ווערט דורך דעם גופא אויך קלאָהר די גאַנצע בעדייטונג פון אַ מעטערלינק׳ען פאַר דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ליטעראַטור און וואָס פאַר אַ גרויסער שבח דאָס איז, ווען מיר זאָגען, אַז ער איז אפשר דער גרעסטער מייסטער אויף יענעם נײ־ענטדעקטען פעלד.

מעטערלינק׳ס בעדייטונג וואַקסט אָבער נאָך מעהר אויס אין אונזערע אויגען, ווען מיר דערמאָהנען זיך נאָך אָן אַ וויכטיגען

פונקט, וואָס איז פערבונדען מיט דערזועלבינער שטימונגס־ליטעראטור.

עס איז געווים אַ גרויסע נפקא מינה, מיט וואָס פאַר אַ פּשט איהר לערנט דעם ענין פון שטימונגען.

אויב זיי זענען ניט מעהר ווי שאַטענס, אַנגעזאַמעלט אין דער נשמה פון דעם גאַנצען לעבען, סך־הכל'ס אין געפיהל פון פאַסירונגען, וואָס זענען שוין פאַרגעקומען אין דער דרויסענדיגער וועלט און אין אייער גוף, קאָנען זיי ניט האָבען קיין ברעקעל מיסטישע בעדייטונג פאַר דער געגענוואַרט און צוקונפט פון דער וועלט, וואָס ליגען דרויסען פון אייך. איהר זיצט אין אַ פרעהליכער מסיבה און פּלוצלונג פערקלעמט אייך דאָס הארץ. אַ משונה'דיגע שווערע שטימונג הויבט זיך אויף פון דעם גרונד פון אייער נשמה און וואַלקענט זי איין ווי אין אַ געדיכטען פינסטערען נעפּעל, אַזוי ראַט ווי מיט אייך וואָלט אַ גרויס אונגליק פּאַסירט. אויב איהר זייט פעסט איינגעגלויבט אין דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, וועט איהר אַליין בלייבען גאַנץ רוהיג ביי דער שווערער אומרוה, וואָס איז אַנגעפאַלען אויף אייער געמיטה. איהר ווייסט אויף זיכער: אַז די דאָזיגע אומרוה איז אפשר אַ פּועל־יוצא פון אַ צושטאַנד, אין וועלכען עס געפינט זיך איצטער אַ טהייל פון אייער גוף, — די לעבער, די מילץ, די בלוט־געפעסען. אַז ניט, איז דאָס אַ קנויל פון „שאַטענס", וואָס האָט זיך ביי אַ געוויסער געלעגענהייט אַנגעזאַמעלט אין אייער נשמה, איז געלעגען דאָרטען מיט עפּעס צוגעדריקט, און האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסען, אַ דאַנק פּסיכאָ־פיזישע, ריין נאַטירליכע אורזאַכען, וועלכע איהר קאָנט אין דעם מאָמענט ניט קאָנטראָלירען. אַז אייער שווערע שטימונג זאָל האָבען אַ וועלכע עס איז שייכות מיט פאַר אייך וויכטיגע פּאַסירונגען אין דער דרויסענדיגער וועלט, וואָס שפּיעלען זיך גראָד איצטער ערגעץ־וואו אָב, אָדער האָבען זיך נאָר וואָס, אָהן אייער וויסען, אָבגעשפּיעלט, אָדער דאַרפען ערשט פאָרקומען אין דער נאָהענטסטער צוקונפט, — דאָס וועט אייער שכל בשום אופן ניט צוגעבען. און אפילו ווען איהר דערוויסט זיך שפּעטער, אַז גראָד אין יענעם מאָמענט האָט באַמח געטראָפען מיט אייך אַן אונגליק, — אַ קינד אייערס איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען אין דער פרעמד, — אפילו יעמאָלט, ווען עפּעס

מענה'ט אין אייך, אַז דאָס האָט אייך „דאָס האַרץ געזאָגט", בלייבט איהר שטייף אין אייער עמפּירישען גלויבען און דערקלעהרט די גאַנצע מעשה דורך דעם שפּיעל פון אַ צופאַל.

גאַנץ אַנדערש וועט איהר קוקען אויף די פּלוצלונג אַרויס־געשפּרונגענע שטימונגען, ווען איהר זעהט אין זיי די איינגעט־ליבע סובסטאַנץ, דעם „חומר" פון דער נשמה און ווען איהר גיט נאָך צו די מעגליכקייט, אַז די מיליאָנען איינצעלנע שטי־מונגען וואָס לעבען אין אייער ברוסט זענען אפשר — ווער ווייס? — טהיילען פון דער גרויסער גייסטיגער וועלט־סובסטאַנץ, וואָס שטעהט מיט זיי אין אַ דירעקטע פערבינדונג. יעמאָלט קאָן מען גאַנץ גוט גלויבען, אַז אייער נשמה און די וועלט־נשמה טראַ־גען זיך אויף איינע מיט די אַנדערע אויף אַ וואונדערליכען אופן דורך די וועגטלעך פון אייער גוף. און אויב איהר האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר דעם מיסטיציזם, גלויבט איהר אפשר, אַז ניט די שטימונגען זענען איינגעשלאָסען אין אייער ברוסט, נאָר אַז איהר און אייער גוף שווימען אַרום אין דעם אַלוועלטליכען רוחניות'דיגען ים. יעמאָלט האָט פאַר אייך אַ גאַנץ אַנדער בעדייטונג דאָס, וואָס „דאָס האַרץ זאָגט אייך", בעת אייער שכל ווייס ניט, מיט וואָס עס צו בענעהמען. די קלעמענים, וואָס האָט פּלוצלינג בעפאַלען אייער האַרץ איז פאַר אייך אַן אמת'ער סמן, וואָס חעט אייך ניט אָבגאַרען, אַז ערגעץ וואו העננט אַ שטיין איבער אייער קאָפּ און אַז איהר דאַרפט זיך היטען פאַר אַ קלאַפּ, וועלכען דאָס לעבען האָט שוין פאַר אייך אָנגעגרייט. און ווען פון דעם גאַנצען פאָר־געפיהל אייערן זאָל זיך אויסלאָזען גאָרנישט מיט גאָרנישט, וועט דאָס אקוראט אַזוי ווייניג צושטערען אייער מיסטישען גלויבען, ווי דער פאַקט פון צוטרעפען האָט ניט געקאָנט צושטערען דעם עמפּירישען. איהר וועט, טריי צו אייער מיסטיק, זיך זאָגען: דער שטיין איז געהאָנגען איבער מיין קאָפּ, מיין אינוועניגסט אויג האָט איהם קלאָר געזעהן, אָבער עס איז ניט געווען קיין „מוז", ער זאָל אַראָב־פאַלען איבער מיין קאָפּ און מיין מזל האָט זיך איבערגעביטען צו גוטען.

איהר זעהט — דער מהלך צווישען די צוויי אויסטייטשונגען איז אַזוי גרויס, ווי פון דער עמפּיריש־מאַטעריאַליסטישער ערד ביז

צו דעם מיסטיש־אידעאַליסטישען הימעל. און פון דעסטוועגען האָט די גרויסע נפקא מינה נאָר א זין, ווען מיר רעדען פון דער פּסיכאָ־לאָגיע פון דעם איינצעלנעם מענשען. קוים שטעלט איהר אוועק די פראַגע ווענען די שטימונגען ניט פון אן איינצעל־מענשען, נאָר פון א גאַנצען דור, אַזוי פערשווינדט לגמרי יענער מעטאַפיזישער אַב־גרונט, וואָס צווישען עמפּירישען מאַטעריאַליזם און מיסטישען אידעאַליזם. די שטימונגען פון א גאַנצען דור, זענען שטימונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אין זיי שפּיעלט זיך אָב דער געפיהלס־סך־הכל, וואָס דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען לאָזט איבער אין די אינטעליגענטע מוחות און הערצער. דאָס וועט אפילו ניט לייקענען דער מיסטישער אידעאַליסט, וואָס גלויבט, אז דער גאַנצער גאַנג פון דער געזעלשאַפט ווערדט, ווי ביי א מין זייגער, אָנ־געצויגען דורך אן איבערנאַטירליכע וואָג און רעגולירט דורך אן איבערנאַטירליכען גייסטיגען אומרוה. די שטימונגען פון א דור און דער איבערבייט אין יענע שטימונגען, מוזען אויך פאַר איהם זיין סמנים פון א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט גופא.

מעטערלינק'ס גרויסע בעדייטונג אין דער ליטעראַטור בע־שטעהט אין דעם, וואָס זיין הארץ איז תמיד געווען ווי א באַראָמעטער, אויף וועלכען עס האָט געווירקט דער אַלגעמיינער דרוק פון דער פּסיכישער אַטמאָספערע. די ש ט י מ ו נ ג פון זיינע ווערק, זענען געווען די שטימונגען פון זיין דור, — די פּייל, וואָס האָט אויפ'ן באַראָמעטער־בלאַט אנגעצייגט, וואָס עס טהוט זיך אין די העכערע פּסיכישע רעגיאָנען פון דער געבילדעטער, פאַר־ווערטס־טרייבענדער געזעלשאַפט, פון יענער אינטעליגענטער קראַפט, וואָס איז דער אוואַנגאַרד פון דעם מענשליכען פּראָגרעס.

די פּייל אין מעטערלינק'ס שאַפען האָט אין אָנהויב זיך תמיד געוויענט ארום דעם פּעסימיזם און האָט זיך דערנאָך פער'עקשנ'ט אוועקגעשטעלט גאָר ביי דעם לעצטען ברעג פון דעם פּעסימיסטישען מהייל, אַנטקעגען יענע שטריכעלעך, וואו עס שטעהט די אויפ־שריפט: „חלשות" און „סם־המות".

אז איהר לייענט די דראַמען פון זיין ערשטען שאַפונגס־פּעריאָד, ווי „די בלינדע" און „דאָרטען אינווענינ", נעהמט איך

ארום אַן אייז־קאַלטע אימה פאַר'ן לעבען. שוואַכע, איינגעשרומפּ־פענע מענשעלעך, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין געזיכט, זיצען, איינגע־הויקערטע, צוגעטוליעטע איינע צו די אַנדערע, טאַפּען אין דער פינסטערניס ארום זיך און עס קלאַפּט זיי אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. זיי אַלע זענען ארומגערינגעלט מיט אַ בלייערן־שווערער אַטמאָספערע פון שטילען פחד. — וואָס ציטערן זיי אַזוי? פון וואַנען נעהמט זיך זייער פערגליווערטע אימה?

איבער זיי אַלעמען הענגט דער בלינדער „מוז“ פון דעם מענשליכען גורל, און זייערע צאַרטע נשמות שפּירען אומבעוואוסט דאָס וועהען פון זיינע פליגלען. איינגעבויגענע, וואַרטען זיי אומ־בעוואוסט אויף אַ וועלכען עס איז דונער פון קלאָרען הימעל, וואָס וועט מאַכען אַ תל פון זייער לעבען אָדער זייער גליק. און ניטאָ קיין מיטלען ווי אָבצואָוועגדען דעם טויטליכען בליץ. ס'איז דאָך אַלעס פון אייביג אָן בעשערט אַזוי און קיין קראַפט אין דער וועלט קאָן ניט געהן אנטקעגען דעם פינסטערען בעשערט־זיין.

אָט פאַר וואָס זיי זענען אַלע אַזוי פּאַסיוו. די קריטיק האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז מעטערלינק'ס העלדען פון יענער צייט טהוען גאָרנישט. מיט זיי קומט נאָר עפּעס פּאַר. אָרעמע שעפּעלעך זענען זיי, איבערגעענטפערט אין די הענד פון אַן אומ'ברחמנות'־דיגען שוחט. און דאָס זענען ניט קיין מענשען פון אַ וועלכער עס איז געשיכטליכער צייט, פון אַ וועלכען עס איז בעשטימטען פאָלק, פון אַ וועלכען עס איז בעשטימטען קלאַס, אדער עלטער. ווי אינדי־ווידועל זיי זאָלען ניט זיין, פערלירט זיך זייער אינדיווידואַליטעט אין יענעם תוך זייערען, וואָס טראָגט בולט אַרוים ביי אַלעמען. זיי זענען אַלע נאָר עקזעמפּליאַרען פון דעם מענשליכען מין, פון דעם מענש בכלל. זיי אַלע, די אַלטע און די יונגע, און די קינדער, די מאַנען און די פרויען, — זיי אַלע זענען ניט מעהר, ווי אָרעמע, פער'יתום'טע, פערוואָגעלטע שעפּעלעך, שוין פון אָנהויב פער'־משפּט, אָהן אַ ברעקעל זינד פון זייער זייט, צו מאַטערניס און טויט.

דאָס איז געווען דער געפיהלס־סך־הכל פון'ם לעבען, וועלכען מעטערלינק האָט אונז אויסגעמאָלט אין די דראַמען פון די אַכציגער און דעם אָנהויב נייענצינער יאָהרען פון דעם פאַריגען יאָהר־הונדערט.

און ניט נאָר ביי מעטערלינק'ן אליין האָט געהערשט דער פּאַ־סיוויזם און די פּעסימיסטישע שטימונג. אויך אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון זיין דור, — ביי אַנדרעיעוו'ן און סאָלאָגוב'ן, אַזוי גוט ווי ביי האַמסונ'ען און פּשיבישעווסקי'ן, האָבען זיך אין די שריפטען אָרומגעטראָגען די וואָלקענס פון פּעסימיזם אין פערשיי־דענע גראַדען פון „חלשות" און „סם־המות". און אומעטום איז ביי זיי דער מענש געווען דאָס אָרעם שפּעלע, וואָס צאַפּעלט זיך אין די נעגעל פון דעם בלינדען שיקזאַל, — אַלץ איינס, צי דער שיקזאַל האָט געשטאַמט פון דרויסען אָדער פון די פינסטערע טיפען אין דער אייגענער נשמה; אַלץ איינס, צי דאָס שפּעלע איז געווען ריין און ווייס, ווי דער נאָר וואָס אַרויסגעפאַלענער שנעע, אָדער זיין לייב איז געווען בעדעקט מיט ביילען און קרעץ פון קאָפּ ביז די פיס.

און אָט מיט די „חלשות", מיט דעם „סם־המות" האָט זיך גע־קוויקט דער גאַנצער דור פון דעם נוסס'ען יאָהרהונדערט, כמעט די גאַנצע פּראָגרעסיווע יוגענד, ווייל אין די ווערק האָט זי געזעהן אַ שפּיגעל פון איהר אייגענער נשמה, ווייל אין זייער „סם־המות" האָט זי געפיהלט דעם זעלבינגען טעם פון לעבען, וואָס איז געלעגען אויף ביי איהר אויפ'ן צונג.

איינער אַ מאַרקסיסטישער קריטיקער פון יענער צייט, העני־ריעטע פאַן ראָלאַנד־האָלסט, — אגב, זעהר אַ קלוגע און טיפע פרוי, — האָט געפונען אַ מאַרקסיסטישע דערקלעהרונג צו מעטער־לינק'ס בלינדען טויט־שרעק, וואָס האָט געהערשט אין זיינע יעמאָלדינגע ווערק. דאָס איז, זאָגט זי, דער טויט־שרעק פון דער בורזשואַזיע, אויף וועמען די קומענדע סאָציאַלע רעוואָלוציע וואַרפט אָן אַן אימה. די בורזשואַזע נשמה דרעהט זיך ווי אַ וואָרעם אין די שאָטענס פון יענעם און'ברחמנות'דיגען שיקזאַל, וואָס רוקט זיך אומפערמיידליך אויף איהר אָן. דערפון שטאַמט איהר פּעסימיזם און איהר פּאַסיוויזם.

אָבער גראָד אין דעם פּונקט האָט די אויסגעצייכענטע פרוי ניט אין גאַנצען געטראָפען דעם אמת. מעטערלינק איז דווקא אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט, אויב ניט קיין אַנאַרכיסט. און אויך די איבעריגע „יונגע" פון זיין ליטעראַרישען דור זענען אין לעבען גע־

שטאַנען גאַנץ ווייט פון דער בורזשואַזיע און די בורזשואַזע לעבענס־אידעאַלען. אגב, וואָלט שווער געווען אויפצואווייזען אין דעם פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען פון יענער צייט אויף קלאָר אויסגעשפּראָכענע סמנים פון דער טויט־אַנגסט, וואָס האָט געזאָלט הערשען ביי דער בורזשואַזיע. זי האָט זיך דווקא געפיהלט אויף דעם שפּיץ פון איהר מאכט. שטאָלץ און פעסט האָט זי געהאַלטען איהרע שווערען פוס אויף דעם רוקען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווען אפילו זי האָט שוין געשפּירט, אַז דאָרטען איז שוין לאַנג איבערגעבראָכען געוואָרען דער חוט השדרה פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָטעסט: ביסמאַרק מיט זיין אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ איז געפאַלען, און אין דער פּראָלעטאַרישער לופט האָבען זיך גענומען ארומטראָגען שטימונגען, וועלכע דער אַלטער ענגעלס האָט באַלד פאָרמולירט אין זיין טהעאָריע פון אַ רעוואָלוציאָן אין גוטער טרייקיים צום געזעץ. בערנשטיין׳ס אָפּפּאָרטוניסטישער סקעפּטיציזם איז שוין געמאָלט געלעגען אין די ווינדעלעך.

געוויס קאָן מען ניט לייקענען, אַז די אַלגעמיינע ניעדערגעשלאָגענקייט, וואָס האָט געהערשט אין די אכטציגער יאָהרען, האָט אויך געערדט צום האַרצען פון יענע ווענינע עהרליכע אידעאַלאָגען, וואָס האָבען בתמימות געגלויבט אין די יסודות פון דעם איצטיגען לעבען — דער עיקר — די רעליגיעזע, און האָבען גאַנץ ערנסט געטרויערט אויף דעם חורבן פון יענע יסודות. אָבער ניט זיי האָבען געגעבען דעם גרונדטאָן צו דעם הערשענדען פּעסימיזם.

ווייל מען אויף זיכער אויסגעפינען, פון וואַנען עס האָט געשלאָגען יענער פּער׳סס׳טער קוואַל אין דער יונגער ליטעראַטור, מוז מען זיך אריבערטראָגען אין דער גייסטיגער אַטמאָספערע, אין וועלכע די י ו נ ע נ ד האָט געלעבט, יענע יוגענד, וואָס האָט געשאַפען איהרע ווערק ל ה י פ ך צו דעם הערשענדען שאַבלאָן, וואָס איז פערפאָלגט געוואָרען פון דער הערשענדער בורזשואַזער קריטיק, דווקא, ווייל זי איז געווען צו פיינדליך צו דער בורזשואַזער יום־טוב׳דיגער שטימונג פון לעבען. און טראַגט מען זיך אריבער אין יענער גייסטיגער אַטמאָספערע, בעמערקט מען אָהן מיה, אַז די שווערע לאַסט האָט גענומען דריקען אויף איהר פון דעם מאַטעריעל

אָן, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע פּאָליטישע רעאַק־ציע פון די אַכטציגער יאָהרען, מיט רוסלאַנד בראש...

עס איז ניט היינט אונזער עסק אָבצושטעלען זיך אויף יענעם טרויעריגען קאַפּיטעל פון דער נייעסטער געשיכטע און שילדערן די ווירקונג פון דער פּאָליטישער רעאַקציע אויף דער יונגער שעה־נער ליטעראַטור פון מעטערלינק׳ס דור. אָבער אויב איהר ווילט אין גאַנצען פערשטעהן יענעם גרויסען איבערקעהר אין דער שטי־מונג פון דער פּראָגרעסיווער וועלט, וועגען וועלכען עס זינגט אונז דער „בלאָהער פויגעל“, מוזט איהר האָבען אין זינען יענע טונקעלע פּאָליטישע נאַכט, א נאַכט אָהן שטערן־ און לבנה־שיין, א נאַכט פון שווערער שטילקייט, אין וועלכער מעטערלינק איז ארויסגעטרע־טען אויף זיין ליטעראַרישען וועג.

פערגלייכט איהר יענע צייט מיט דער שטימונג, וואָס הערשט אין דעם „בלאָהען פויגעל“, איז אקוראט ווי איהר וואלט צוגעבראַכט א נאַכט אין די נעצען פון א דריקענדען קאָשמאַר, וואָס האָט אייך געהאַלטען די גאַנצע צייט אין אַנגסט און מורא און — פּלוצלונג כאַפּט איהר זיך אויף, לויפט צו צום פענסטער, רייסט אויף די לאָדען — און אין חדר רייסען זיך אריין נאַרבען פון דעם ליכטיגען זונען־שיין און קלאַנגען פון דעם פרעהליך־פלאַטערנדען לעבען — און עס פערפליהען די שאָטענס און די אַנגסטען פון דער נאַכט.

אָדער — נאָך אַן אַנדער פערגלייך; א פּאַסענדערער.

שטעלט אייך פאָר א יונגען קליינעם פויער׳ל אין דאָרף, וואָס לעבט איבער צום ערשטען מאָל אין לעבען א זונען־פינסטערניס. דאָס גאַנצע אונוויסענדע דאָרף איז אויפגערעגט: מען וואַרט בע־שטימט אויף דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט. און אָט קומט זי — די קיילעכדיגע פינסטערע מאַכט, אָט האָט זי שוין איינגעשלונגען א האַלבע זון, אָט ווערט די זון באַלד בעדעקט אין גאַנצען; אַן אומרוה לויפט דורך צווישען די חיות און עופות, אפילו די היהנער ווייסען ניט וואו זיך אהינצוטהאָן — און אָט איז זי, די זון, שוין אין גאַנצען פערפינסטערט. א פּאָר סעקונדען דוכט אוים, אַז ביי דער וועלט האָט פערכאַפּט דער אָטהעם, און דאָס קליינע פויערן־קינד שטעהט, אויך מיט א פערכאַפּטען אָטהעם, ווי א בענומטענער און וואַרט אין אַנגסט אויף דעם סוף פון דער וועלט. און פּלוצלונג

— שנײדט דורך אײן אײנצינער שאַרפער זונען־שטראַהל די פער־בשופ׳טע פינסטערנים. אין אײנעם מיט דעם ערשטען שטראַהל קלינגט אַרױס אַ פרעהליכער צװיטשער פון אַ פױגעל־האַלז — און דער גאַנצער ענגסטליכער כשוף פערפליהט. די זון איז דאָ! די זון איז דאָ! די װעלט בלײבט גאַנץ!

בנוגע צו גײסטיגע זון־פינסטערניסען, צו די שװערע רעאַק־ציאָנערע צײטען, װעלכע מען מוז דורכלעבען, זענען מיר אַלע, װי יענער קלײנער פױער׳ל אין דאָרף. אונז דוכט זיך — די װעלט געהט אונטער און שױן קײנמאָל װעלען מיר ניט זעהן קײן ליכטי־גען שטראַהל; אָבער — אָט קומט ער, דער ערשטער שטראַהל און װי דאַנקבאַר זענען מיר פאַר דעם ערשטען פרעהליכען צװיטשער פון אַ פױגעל־האַלז, װאָס דריקט אױס אונזער ערװאַכטען געפיהל פון פרײד און פון האָפענונג.

אַזאַ פרעהליכער צװיטשער איז מעטערלינק׳ס „בלאָ־הער פױגעל“. דאָס איז אַן אָפּטימיסטישער שיר־השירים פון זעלטענער קראַפט און שעהנקײט, אַ געזאַנג פון גלױבען אין דעם מענשען און אין דעם מענשליכען לעבען, אַ געזאַנג פון האָפענונג אױף אַ ליכטיגע צוקונפט, — אַ תמימות׳דיגע, בלאָה־אױגיגע קינדער־פרײד פון דער װעלט און פון דער מענשליכער ענטװיקלונג. און נאָך מעהר חן געװינט די בלאָה־אױגיגע פרײד דערפון, װאָס, ניט קוקענדיג אױף איהר קינדיש־נאַאיװע אױסדרוקס־פאָרם, שפירט איהר, אַז הינטער איהר ליעגט אַ פעריאָד פון שװערען צװײפעל און האַרץ־קלעמענים, אַז דאָס איז באמת אַ זון־שטראַהל, װאָס האָט זיך אַרױסגעריסען פון גערדיכטע שאָטענס. און אױב אונזער בילד פאַסט ניט אין גאַנצען פאַר מעטערלינק׳ס אָפּטימיזם, איז דאָס דערפאַר, װאָס מעטערלינק איז ניט פשוט אַריבערגעשפרונגען פון טױט־ציטערנים צו לעבענס־פרײד אָהן אַ „פאַר װאָס“ און אַ „פאַה װען“. איהר פיהלט, אַז די לעבענס־פרײד איז אַרױסגעװאַקסען פון דער טױט־ציטערנים נאָך אַ שװערען קאַמפּף און אַז אײניגע לײכטע שאָטענס פון דעם פעסימיסטישען עבר זענען געבליבען אױף אײביג אַרײנגעװעבט אין דעם ליכטיגען אָפּטימיסטישען שטראַהל.

אָבער — עס איז בעסער אַפריהער צו דערמאָנען איך אין

קורצע שטריכען דעם הויפט־אינהאַלט פון דעם „בלאָהען פויגעל", איידער מיר נעהען ווייטער רעדען וועגען איהם.

צוויי קינדער, — טילטיל און מיטיל, א ברודער און א שוועסטער, חלום'ען אין דעם וויהנאכט־אבענד ביידע איין און דעם זעלבינען חלום, אז זיי ווערען אויסגעריכט פון דער פעע בעריליונא צו זוכען דעם בלאָהען פויגעל. דעם בלאָהען פויגעל דארף זי פאר איהר אייניקעל, א קראנק מיידעלע, וואָס ליידט פון א משונה־דיגער קרענק: „איהר ווילט זיך זיין גליקליך". די פעע גיט די קינדער אויפ'ן וועג א גרינע מיטצעל, מיט א צויבער־דימענט אין איהם, וואָס ווי נאָר מען גיט איהם א דרעה, אזוי נעהען ארויס אין דרויסען די נשמות פון אלע זאכען, וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט: די נשמה פון ליכטיגקייט און פון וואסער, און פון ברויט און פון צוקער און פון אלע ביימער און חיות. דאָס איז נויטווענדיג, כדי צו קאָנען געפינען דעם בלאָהען פויגעל. די קינדער לאָזען זיך אוועק אין זייער נסיעה ניט אליין, מיט זיי געהען מיט א סך נשמות פון יענע זאכען, וועלכע דער וואונדער־דימענט האט בעפרייט פון זייער מאטעריעלער תפיסה. די נשמה פון דעם הונד און פון דער קאץ און פונ'ם ברויט און פונ'ם צוקער און פונ'ם פייער און פונ'ם וואסער און פון דער ליכטיגקייט. די הויפט־ראָליע שפיעלט די נשמה פונ'ם ליכט, וואָס פיהרט אָן די גאנצע עקספעדיציע, לויט די פלענער פון דער פעע. זיי זוכען דעם פויגעל אין דעם לאנד פון דער עראינערונג, דערנאָך אין דער ממשלה פון דער נאכט, דערנאָך אינ'ם וואלד, דערנאָך אויפ'ן בית־עולם, דערנאָך אין דער ממשלה פון דער צוקונפט. אומעטום, — אחוץ אויפ'ן בית־עולם, — געפינען זיי דעם „בלאָהען פויגעל" און ווען זיי דוכט זיך, אז זיי האָבען איהם שוין געכאפט, שטעלט זיך באלד ארויס, אז דאָס איז געווען א טעות. צום סוף, ווען זיי שטעהען אויף אויף מארגען פריה פון שלאָף, בעמערקט טילטיל דאָס בלאָהליכע טייבעלע וואָס הענגט ביי איהם אין שטייגעל. אמת, ער איז ניט אזוי בלאָה, ווי דער פויגעל, וועלכען מען האט געזוכט אין חלום, אָבער פאָרט א בלאָהער פויגעל. און בעת עס קומט די שכנ'טע בערלענגא, וואָס איז ענליך צו דער פעע בעריליונא פון חלום, — די קינדער, אגב, ווייסען ניט אז דאָס איז געווען א חלום, זיי זענען זיכער, אז זיי זענען א גאנץ

יאָהר ניט געווען אין דער היים, — און בעט דאָס בלאָהליכע מיי־בעלע פאַר איהר קראַנקען אייניקעל, איז טילטיל זיכער, אַז ער האָט סוף־כל־סוף אויסגעפיהרט די שליחות, אין וועלכער די פעע בערלענגאַ־בעריליונא האָט איהם געשיקט. „נעהמט, שכנ'טע בער־לענגא“, זאָגט ער, אוועקגעבענדיג איהר זיין טייבעלע מיט'ן שטיי־געל. „זי איז נאָך ניט אין גאַנצען בלאָה, אָבער איהר וועט שוין זעהן, זי וועט ווערען אַקוראַט אַזאַ, ווי מען דאַרף. טראָגט עס נאָך גיכער אוועק צו אייער אייניקעל.“ דאָס קראַנקע אייניקעל ווערט געזונד פון דעם „בלאָהען פויגעל“, וואָס איז תמיד געהאַנגען ביי טילטיל'ן אין שטייגעל, און קומט דאַנקען טילטיל'ן. אבער בעת טילטיל וויל נעהמען ביים מיידעלע דאָס טייבעלע, צו פיטערען עס, רייסט זיך עס ארויס פון זייערע הענד און פליהט אוועק. דאָס מיידעלע שרייט אין פערצווייפלונג: „באַבעניו! — אוועקגעפלוי־גען!“ און וויינט זיך הויך פאַנאַנדער. אָבער טילטיל טרייסט זי: „נישקשה, וויין ניט, איך וועל דאָס כאַפּען“ און ווענדט זיך צום סוף פון דער שטיק צו דעם עולם אין טהעאַטער און בעט איהם: „אויב ווער פון אייך וועט עס געפינען, זייט אַזוי גוט און ברענגט עס אונז צוריק. מיר דאַרפען דאָס זעהר נויטיג האָבען, כדי צו זיין גליקליך דערנאָך“.

דאָס איז די גאַנצע מעשה. דאַכט זיך, ניט גאָר קיין פרעה־ליכע. אדרבא, אַ מעשה ניט פון נצחונות, נאָר פון שטענדיגען פער־ליערען — און פון דעסטוועגען שלאָגט פון יעדער סצענע איהרער אַזוי פיעל פרייד, אַז איהר נעהמט אָן אַלע פערלוסטען, ווי אַ נויט־ווענדיגע אונפערמיידליכע זאַך, פון וועלכער מען טאָר בשום אופן ניט אריינפאַלען אין יאוש.

דערהויפט איז פול מיט אָפּטימיזם די הויפּט־פיגור פון דער שטיק, טילטיל, — אויב דאָ קאָן מען בכלל רעדען פון אַ וועלכער עס איז הויפּט־פיגור.

שוין גאָר אין אָנהויב פון דעם שטיק, איידער די קינדער געהען שלאָפען, קוקען זיי, הונגעריגע און אָרעמע, דורך אַ שפּאַלט אין לאַדען, ווי די רייכע קינדער פון אַנטקעגען זענען זיך משמח מיט די געשענקען און די אַלע מיני גוטע זאַכען, וואָס מען האָט זיי געגעבען צו קריסטוס'עס געבורטס־נאַכט. דאַכט זיך, דאָס קאָן

אַרויסרופען נעגוג שנאה און קומער אין קינדערשע הערצעלעך. אָבער ניט ביי טילטיל'ן, ער לעבט מיט די פריידען פון די אַנדערע; און ווען זיי טאַנצען, פאַרוועלט זיך אויף איהם כאַפּען אַ טענצעל און בעת זיי קוויקען זיך מיט די געשמאַקסטע פלעדלעך, קוועלט ער אָן פון שמחה, און שטעקט אָן מיט זיין אָפּטימיסטישער שטימונג אויף זיין שוועסטער'ל. שפּעטער, ווען ער קומט (אין חלום שוין) אין דאָס לאַנד פון דער עראינערונג, צו דעם געשטאָרבענעם זיידען צו גאַסט, און שטיפט זיך פאַנאַנדער ביים טיש און קריגט אַ רעכטען פּלאַס אין באַק אַריין פון דעם זיידען, ווערט ער, אמת, אויף אַ רגע מטושטש, דערנאָך לעגט ער צו די האַנד צו דער באַק און הערט אַרוים מיט שמחה: „יע, פּונקט אַזוי פלעג איך קריגען פון דיר, ווען דו האָסט נאָך געלעבט. זיידעניו, ליעבינקער, ס'איז אַזאַ מחיה, ווען דו פּאַטשסט! ווייז, איך וועל דיך דערפאַר אַ קוש טהאָן!"

ס'איז, הפנים, ניטאָ קיין צרות און קיין גליקען דרויסען פון אונז. דאָס הענגט אַלץ אָב פון אונז, ווי מיר נעהמען דאָס אויף, פון דער גרונד־שטימונג, אין וועלכער מיר געפינען זיך. איז דאָס האַרץ פול מיט פרייד און לעבענס־לוסט קאָן דער גרעסטער וועהטאָג ניט אַריינוואַרפען אונז אין טרויער, און מיר וועלען שטענדיג געפינען אַ טעם, פאַר וואָס מען דאַרף זיך פרעהען.

אויב די גאַנצע בעדייטונג פון דעם „בלאָהען פויגעל" וואָלט בעשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס ער שטאַרקט אין אונז, דורך איינ־מערעסאַנטע סצענען, די פריידיגע שטימונג און די לוסט צום לעבען, וואָלט דאָס אַליין שוין אויך געווען אַ גרויסער פערדיענסט. אָבער דאָס ווערק איז אחוץ דעם אַ סימבאָליש ווערק, וואָס רעדט ניט נאָר צו אונזער געפיהל און צו דעם עסטעטישען געמיטה, נאָר אויך צו אונזער געדאַנק, — וועלכען געדאַנק וויל מעטערלינק אַרויסברענ־גען? ווער אָדער וואָס איז דער בלאָהער פויגעל, וועלכען מיר זוכען אומעטום, וועלכען מיר קאָנען ניט געפינען, וואָס איז אונז אַזוי נויטיג און וואָס פון דעסטוועגען זאָלען מיר זיך ניט שטאַרק נעהמען צום הארצען, ווען מיר האָבען עס ניט, אָדער ווען מיר קאָנען עס ניט האַבען אין גאַנצען „בלאָה"?

מען דערצעהלט, אַז ווען מען האָט מעטערלינק'ען אַליין גע־

פרעגט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען מיט זיין ווערק, האָט ער געענטפערט: „נאַרנישט! ס'איז אַ שעהנע קינדערשע מעשה'לע".

אַז דאָס איז אַ שעהנע קינדער־מעשה'לע, אַ בלומען־גאָרטען פון ריינער פּאָעזיע, וואָס פער'כשופ'ט דאָס אויג, אין דעם איז גאָר קיין ספק ניטאָ. אָבער אַז ער האָט גאָר נישט געוואָלט זאָגען דער־מיט, זענען מיר ניט מחויב צו גלויבען. אָדער האָט אפשר מעטער־לינק אַליין ניט געוואוסט, וואָס אזוינס עס האָט זיך ביי איהם געזאָגט? אזאַ מעשה טרעפט אפטמאָל מיט אַ קינסטלער, וואָס איז נאָר אַ קינסטלער און ביי וועמען „דער גאַנצער שכל איז אריין אין טאַלאַנט", ווי ביעלינסקי האָט זיך אויסגעדריקט, איך געדענק שוין ניט, אויף וועמען. מעטערלינק אָבער איז ניט נאָר אַ דיכטער, נאָר אויך אַ דענקער. ביי איהם לעבט דער שכל אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען נאָך דרויסען פון דעם טאַלאַנט אויך. אין אזאַ פאַל איז שווער אנצונעהמען, אַז ער האָט אַליין ניט פערשטאַנען דעם שכל'דיגען געדאַנק, וועלכען ער האָט ארויסגעבראַכט.

אויב די דערצעהלונג וועגען מעטערלינק'ס ענטפער איז אמת, — פערגעסט ניט, איך האָב עס פון אַ נאָטיץ אין אַן אמעריקאַנער צייטונג, הייסט עס, אַז מען קאָן גוטע נייען און נייעסטע פּראַצענט זיין אין ספק וועגען איהר ריכטיגקייט, — האָט מסתמא זיך מעטער־לינק געשעהמט אויסצוזאָגען דעם אינוועניגסטען מיין פון זיין ווערק, — געשעהמט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט גע־פרעגט, — ווייל דער געדאַנק איז גאָר ניט אַזוי טיעף פערבאָרגען, מען זאָל דאַרפען שטאַרק ברעכען דעם קאָפּ און — לאָמיר שוין דאָס איצטער ארויסזאָגען אין גאַנצען: ער איז גאָר ניט אַזוי טיעף פאַר זיך, — איך מיין, ניט אַזוי אָריגינעל און ניי, עס זאָל שווער זיין איהם צו בענעהמען.

איינע פון די אורזאַכען, פאַר וואָס מען האָט דעם „בלאָהען פויגעל" ניט פערשטאַנען אויפ'ן שטעל, בעשטעהט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין דעם, וואָס דאָס רוב עולם האָט געזעהן אין איהם ניט נאָר אַ סימבאָליש ווערק, נאָך אויך אַ טיעפע אַלעגאָריע. דער „בלאָהער פויגעל" איז אָבער ניט קיין אַלעגאָריע, נאָר אַ סימבאָל.

אַן אַלעגאָריע איז אַ גאַנצע, פולע איבערזעצונג פון אַ וועל־

כען עס איז געדאַנק אין די שפּראַך פון בילדער, אַזוי, אַז יעדעס בילד אָדער עלעמענט פון דער איבערזעצונג האָט זיין טייטש און פערבאָרגענעם מיין אין דעם גאַנצען סיסטעם פון דעם געדאַנק. אַזאַ'ן אַלעגאָריע איז ווי אַ גאַנצער בוים, וואָס נעהמט אריין דעם געדאַנקען אין אַלע זיינע איינצעלהייטען: זיינע וואָרצלען, דעם שטאַם, די צווייגען, ריטלעך, בלעטער, בלומען און פּירות. קיין בילד, קיין וואָרט, טאָר דאָרטען ניט זיין „סתם אַזוי"; יעדערער דאַרף זיין אַ רמז אויף אַ ועלכען עס איז טהייל פון דעם בוים, אַן אַנצוהערעניש אויף אַ פערבאָרגענעם געדאַנק. אַ סימבאָליש ווערק איז אין דעם פונקט אַ סך פרייער. דער סימבאָל איז ניט מעהר ווי אַ רמז אויפ'ן געדאַנק, וואָס ווערט אַנגעטייט מיט אַ פּאָר וויכטיגע שטריכען — ער איז דער אינוועניגסטער פאָדים פון דער פּערל־שנור. די איינצעלנע פּערל ווערען אָבער אָנגעטהאָן אויף איהם לויט אַ גאַנץ אַנדערע לאָגיק, איידער די לאָגיק פון דעם גרונד־געדאַנק.

אַז דער „בלאָהער פויגעל" איז ניט קיין אַלעגאָריש ווערק, נאָר אַ סימבאָליש און אַז מיר דאַרפען דעריבער ניט זוכען קיין פערבאָרגענע געדאַנקען אין יעדען שטריך פון זיינע בילדער, קאָן מען בעווייזען אַזוי קלאָר ווי דער טאָג.

פאַראַן אין דעם ווערק אַ גאַנצער אַקט, וואו די קינדער קומען ביינאַכט אויף דעם בית־עולם צו זעהן, אפשר האָט איינער פון די מתים צוגענומען דעם „בלאָהען פויגעל" מיט זיך אין קבר.

עס איז אַ לבנה־נאַכט. טילטיל און מיטיל שטעהען אויפ'ן בית־עולם, וואַרטען ביז עס וועט שלאָגען צוועלף, ווען עס וועלען זיך עפענען די קברים, און פיהרען דערווייל אַ געשפּרעך וועגען די מתים. לאָמיר זיך גוט אריינהערען אין אַ טהייל פון זייער שמועס.

„מ י ט י ל: געהען זיי אַרוים, ווען עס איז שעהן דרויסען?

ט י ל ט י ל: זיי קאָנען אַרויסגעהן נאָר ביינאַכט.

מ י ט י ל: פאַר וואָס?

ט י ל ט י ל: ווייל זיי זיינען דאָך נאָר אין איינע העמדער."

די מתים, הייסט עס, געהען אַרוים נאָר ביינאַכט, ווייל זיי האָבען ניט קיין קליידער... הם! דאָ מוז אודאי עפּעס שטעקען! אָבער וואָס? אפשר, אַז פאַר די מתים, וואָס זענען אין דעם עלמא דקשוט, איז דער אמת ניט אַזוי פערדעקט מיט מלבושים ווי פאַר

אונז ? — אָבער לאָמיר הערען ווייטער: טאָמער וועט דאָס ווערען קלאָרער.

„מ י ט י ל: געהען זיי אַרויס אויך אין רעגען ?

ט י ל ט י ל: ניין, ווען עס רעגענט, זיצען זיי אין דער היים." שוין אביסעל צו טיעף...

„מ י ט י ל: איז ביי זיי שעהן דאָרטען, זאָג ?

ט י ל ט י ל: מען זאָגט, אז דאָרטען איז זעהר ענג."

„ענג" ? הם!

„מ י ט י ל: און קינדערליך האָבען זיי ?

ט י ל ט י ל: ווי דען־זשע ? אלע, וואָס שטאַרבען, קומען צו זיי..."

הם!

„מ י ט י ל: און פון וואָס לעבען זיי ?

ט י ל ט י ל: זיי עסען וו אָ ר צ ל ע ן..."

אהאַ! דאָ האָבען מיר, ענדליך, עפּעס קלאָרעס, א שטיקעל פּאָדים פון א געדאַנק. די מתים וואָס לעבען אין דעם עולם האמת, שפּייזען זיך מיט די טיעפסטע פערבאָרגענסטע אמת'ן, מיט די וואָרצלען פון די זאַכען, און ניט מיט די אויבערפלעכליכע פּירות, וואָס יעדעם מענשליכע אויג קען עס זעהן און יעדע מענשליכע האַנד אָראָברייסען... טיעף, זעהר טיעף... אָבער וואָס איז פאַרט מיט די העמדלעך זייערע און מיט דעם רעגען, וואָס לאָזט זיי ניט אַרויס־געהן, און מיט דער ענגקייט, און מיט די קינדערלעך ?

אָבער — אביסעל ווייטער! מיטיל נעהמט זיך אלץ ניט איין, זי וויל דערגרונטעווען די סודות פון די טויטע ביז'ן סוף.

„מ י ט י ל: וואָס וועלען זיי זאָגען ?

ט י ל ט י ל: זיי וועלען גאָרנישט ניט זאָגען; זיי רעדען דאָך ניט.

מ י ט י ל: פאַר וואָס רעדען זיי ניט ?

ט י ל ט י ל: ווייל זיי האָבען ניט וואָס צו זאָגען.

מ י ט י ל: און פאַר וואָס האָבען זיי ניט וואָס צו זאָגען ?

ט י ל ט י ל: הער אויף, דו האָסט מיר דערעסען."

ווי קומט ד אָ ס ? וואָס הייסט, די מתים, וואָס איינער פון זיי האָט אפשר בעהאַלטען דעם „בלאָהען פויגעל" ביי זיך, וואָס

אַלע פון זיי שפּייזען זיך מיט די פערבאָרגענסטע ווארצלען פון אלע אמת'ן, — וואָס הייסט, זיי זאָלען ניט האָבען וואָס צו זאָגען?

אָבער אַט — קומט אָן די שרעקליכע מינוט, ווען די קברים עפענען זיך. מיטיל איז אין איינע ציטערניש: „טילטיל! איך קאָן ניט!... איך האָב מורא! זיי וועלען ארויס פון דער ערד!" — „ציטער ניט אזוי", טרייסט זי טילטיל. „זיי וועלען ארויסגעהן נאָר אויף איין מינוט!" אָבער אליין, הפנים, האָט ער, דער גאָר ניט שרעקעדינער איננגעל, אויך אַ ביסעל פחד.

„טילטיל טהוט אַ דרעה דעם דימענט. אַ שוידערליכע מינוט פון שטילשווייגען און אונבעוועגליכקייט. ד'ערנאָך הויבען אָן די צלמים זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערשאָקלען, די בערגלעך עפענען זיך און די מצבות הויבען זיך אויף."

„מ י ט י ל (דריקט זיך צו פעסט צו טילטיל'ן): זיי געהען ארויס! אַט זענען זיי!"

„פון אלע אָפענע קברים הויבט זיך ביסלעכווייז אויף אַ מאַסע בלומען, צוערשט אַ לייכטע און בלייכע, ווי אַ דאַמפּף, דערנאָך אַ ווייסע, יונגפרויליכע, וואָס ווערט אַלץ מעהר און מעהר געדיכטער, מעהר און מעהר העכער, פרעכטיגער. מעשה האָרר, פילט זי אויס אַלץ ארום און פערוואַנדעלט דעם בית־עולם אין אַ צויבער־גאָרטען, און אויפ'ן שטעל הויבט אָן איבער איהם טאָגען די מאָרגען־רויט. דער טוי גלאַנצט, די בלומען עפענען זיך, דער ווינד וויספּערט צווישען די בלעטער, די ביהנען זשומען, די פויגעל ערוואַכען און טרינקען אָן די לופט מיט די ערשטע צאַרטע קלאַנגען פון זייער שירה צו דער זון און צו דעם לעבען. פער'חדוש'טע, געבלענדטע, האַלטענדיג זיך פאַר די הענד, מאַכען טילטיל און מיטיל עטליכע שריט צווישען די בלומען, זוכענדיג די שפּורען פון די קברים."

„מ י ט י ל (זוכט אין גראָז): איז, וואו זענען די מתים?"

„ט י ל ט י ל (זוכט אויך): ניטאָ קיין מתים!" *)

---

*) פאַר מיינע ציטאַטען פון דעם „בלאָהען פויגעל" האָב איך דאָ, ווי אויך אומעטום, בענוצט די רוסישע איבערזעצונג פון בינשטאָק און וגענגעראָווא (אויס דער רוסישער אוניווערסאַל־ביבליאָטעק), ווי אויך די אידישע איבערזעצונג פון העררן מייער (לאָנדאָן).

און דערמיט ענדיגט זיך דער אקט אויפ׳ן בית־עולם—אָבער: אויב עס זענען ניטאָ קיין מתים — און דאָס וויל מעטערלינק ארויסברענגען מיט׳ן גאנצען סימבאָל פון דעם אקט — היינט וואָס איז שייך צו רעדען וועגען זייערע העמדלעך און וועגען זייער וואָר־צעלהאפטער שפּייז?

איז דער תירוץ: דער גאנצער שמועס פון די קינדער אויפ׳ן בית־עולם האָט קיין ברעקעל אלעגאָרישע בעדייטונג ניט, און עס האָט קיין סמן שייכות ניט צו דעם סימבאָל. נאָר — קינדער שטעהען אליין ביי נאכט אויפ׳ן בית־עולם, פערגלוסט זיך דעם דיכטער אריינצוקריכען אין זייער קינדערש מוח׳ל און זעהן, ווי דאָרטען מאָלט זיך אויס זייער פאָרשטעלונג וועגען דער מתים־וועלט. און איז דען זייער קינדערשע פּסיכאָלאָגיע אזוי ווייט פון אונזערער? גלויבען דען מיר ניט ערגעץ וואו אין דער טיעף, אז די מתים וואוינען אין די קברים, אפילו יעמאָלט, ווען זייער שטאָף איז שוין לאנג אריבער אין די בלומען און אין די גראָז? קומען מיר ניט צו גאסט צו אונזערע טהייערע, אייביג אונפערגעס־ליכע מיט פרישע קרענץ און מיט א הארץ, פול טרויער און בענק־שאפט? — מעטערלינק איז אין דער סצענע געווען ניט אזוי דער סימבאָליקער, ווי דער רעאַליסטישער פּסיכאָלאָג, וואָס לאָזט זיך פיהרען ניט דורך דעם הויפּט־געדאנק פון זיין ווערק און אויך ניט פון זייטיגע סימבאָלישע גוימען, נאָר מעהר פאר אלץ, דורך דער פּסיכאָלאָגישער לאגע, וואָס ווערט בעשאפען אין דעם גאנג פון דעם סימבאָל, דורך די רעאלע בעציהונגען, וואָס הערשען צווישען זיינע אויסגעטראכטע פיגורען.

אמת, אפילו אויך דאָ, וואו ער האָט ניט קיין בעשטימטע חיה אין זין, וואו זיין האנד ווערט געפיהרט פון דער פּסיכאָלאָ־גישער לאגע און דעם רעאלען כאראקטער פון זיינע פיגורען, שפּרינ־גען ארויס אָפט אונערווארטעטע סימבאָלען, וואָס האָבען אן אל־געמיינע לעבענס־בעדייטונג. זיי נעהמען ארום א סך עהנליכע פעללען פון לעבען און האָבען ניט אין זינען קיין איין איינציגען בעשטימטען פון זיי. עס איז ווי א טרויעריגער מאָטיוו אין דער מוזיק, וואָס זיינעס׳ס הארץ גיסט אין איהם אויס זיין צער, וועיל זיין אידעאל האלט ביים שטארבען, און דעם אנדערן׳ס הארץ צר

געתם אין חעם זעלבינען טרויער, ווייל זיין ליעב מיידעל איז פון איהם אוועק.

איך קאָן מיך קיין מאָל ניט דערמאנען אהן א טרויעריגען שמייכעל יענע קאָמישע סצענע אין דעם ערשטען אקט, ווען די נשמות פון די באַלעבאַטישע חפצים זענען ארויס פון זייערע בעהעלטעניסען, א דאנק דעם דרעה פון דעם צויבער־דימענט. מען האָט אַנגעקלאַפּט אין טיהר, און טילטיל האָט צו שנעל א דרעה געטהאָן דעם דימענט צוריק, אזוי, אז די נשמות האָבען ניט געקאָנט ווידער אריינקריכען אין זייערע גופים. וואָס פאר א פּאַנישער שרעק האָט ארומגענומען די דאָזיגע באַלעבאַטישע חברה! איבערהויפּט, דער בכבוד'ער לאָבען ברויט, וואָס איהם האָט זיך ניט איינגעגעבען צוריק אריינצוקריכען אין דייזשע! וואָס פאר א קלאָגען און פערצווייפעלטע געשרייען! הערט זיך צו צו א שטיקעל פון דער סצענע!

ד י פ ע ע: וואָס איז אזוינס געשעהן?

ד אָ ס ב ר ו י ט (בעגיסט זיך מיט טרעהרען): אין דייזשע איז שוין ניטאָ קיין אָרט פאר מיר.

ד י פ ע ע (בויגט זיך איין איבער דער דייזשע): ס'ט'זיך געפינען. (שטופּט פאַנאַנדער די איבעריגע ברויטלעך, וואָס האָבען שוין פערנומען זייערע ערטער) גרעט, מאַכט א פּלאַץ. (מען קלאַפּט ווידער אין טהיר).

ד אָ ס ב ר ו י ט (מטושטש, פּלויסט זיך אומזיסט אריינצוקריכען אין דייזשע): ניטאָ פאר מיר וואוהין אריינצוקריכען... ער וועט מיך, דעם ערשטען, אויפפרעסען!

ד ע ר ה ו נ ד (שפּרינגט ארום טילטיל'ן): דו, גאָטהייט מיינע!... איך בין נאָך דאָ... איך קאָן נאָך רעדען צו דיר... איך קאָן נאָך דיך קושען. נאָך און נאָך און נאָך!

ד י פ ע ע: זעה, דו ביסט נאָך אויך דאָ, הונד?

ד ע ר ה ו נ ד: יע, גאָר ניט קיין הינטישער מזל!... איך האָב מיך ניט געקאָנט אומקעהרען צוריק אין דער ממשלה פון שווייגען. דער טראָפּ האָט זיך צו גיך פערמאַכט.

ד י ק א ץ: און מיין טראָפּ אויך. איז וואָס וועט איצטער זיין? דאָ בלייבען איז א שאַרפע סכנה.

די פ ע ע: יע, איך וויל אייך ניט ליקענען. אלע, וואס װעלען מיטגעהן מיט די צוויי קינדער װעלען צום סוף פון דער נסיעה מוזען שטארבען.

די ק א ץ: און די, וואס וועלען ניט געהן מיט זיי?

די פ ע ע: יענע וועלען אויך שטארבען. געהן מיט זיי אדער דא בלייבען, — איין כּוף פאר אלעמען.

די ק א ץ (צו דעם הונד): קום, לאמיר צוריק אריין אין טראפ.

דער הונד: ניין, ניין! איך וויל ניט... איך וועל געהן אין איינעם מיט מיין גאט. איך וועל די גאנצע צייט רעדען מיט איהם!

די ק א ץ: שוטה! (ווידער א קלאפּ אין טהיר).

דאס ברויט (גיסט זיך מיט הייסע טרעהרען): איך וויל ניט שטארבען צום סוף נסיעה. איך וויל גיכער צוריק אין דער דייזשע".

דאס פייער איז די גאנצע צייט אומבעלאפען אין א שווינדלענדער גיכקייט איבער'ן צימער און לאזט ארויס רחמנות'דיגע געשרייען, אז ער קאן ניט געפינען צוריק דעם אויוועז. דאס וואסער האט זיך אומזיסט געפּלייסט אריינצוקריכען צוריק אין קראנט אריין. דער צוקער האט צוריסען זיין היטיל פון בלאהע, בולבולעפאפיער און די מילך קאנסטאטירט פערשעהמט און קאלטבלוטיג, אז איהר קרינעל איז צובראכען.

„די פ ע ע: רבונו של עולם, וואס פאר א שוטים! וואס פאר א ברא אדם'ס! וואס פאר א ציטעריגע נפשות! נישיים, וואלט זיך אייך בעסער געוואלט לעבען ווי פריהער אין די פערמאכטע קעסטלעך, טראפּעס, קראנטען, איידער צו געהן מיט די קינדער נאך דעם בלאהען פויגעל?

א ל ע (א חוץ דעם הונט און דער נשמה פון ליכטיגקייט): יע! וואס גיכער צוריק אויף דעם אלטען ארט! אין קראנט... אין דייזשע... אין אויוועז... אין טראפּ..."

אין אונזערע צייטען האט מיט א סך, א סך נשמות געטראפען פונקט אזא'ן אונגליק. די רוסישע רעוואלוציע האט, ווי יענער צויבער־דימענט, ארויסגערופען צום לעבען נשמות, וואס האבען

פריהער אין פריערדען גערוהט אין דער ממשלה פון שוויינען אין זייערע דייזשעם און קראנטען. אָבער — אָט האָט מען דעם די־מענט צו שארף א דרעה געטהאָן און פיעלע פון זיי זענען נעבעך געבליעבען דרויסען און האָבען ניט געקאָנט אריין צוריק... און דאָס הארץ בענקט אזוי נאָך דער „דייזשע"! זאָל מען מיט־פיהלען מיט זייער טראַנעדיע? זאָל מען לאַכען פון זייער קאָמישען צער? אי לאכען, אי וויינען, — דערהויפט, ווען מען האָט פאר די אויגען די אָרימע נשמות פון פוטער און פון צימעס, וועלכע מען האָט ניט ארייננעלאָזען צוריק אין זייערע טעפלעך, און וואָס מוזען נעבעך בלייבען מיט די, וואָס געהען זוכען זייער „בלאָהען פויגעל"...

א צווייטען טעות אין דעם אויסטייטשען פון מעטערלינק'ס ווערק מאַכען יענע מפרשים, וואָס ווילען זעהן אין דעם בילד פון דעם בלאָהען פויגעל דעם סימבאָל פון דעם מענשליכען גליק. מענ־שען זוכען אומעטום דאָס גליק, נארען זיך אלע מאָל אָב, ווילען זיך נאָכדעם בעפריעדינען מיט דעם האלבען גליק, — דעם ניט גאָר בלויען, — וואָס זיי האָבען אין שטייגעל ביי זיך אין דער־היים, — און אויך דער גליק רייסט זיך ארויס פון זייערע הענד. אָט דאָס, מיינען זיי, האָט געוואָלט מעטערלינק זאָגען מיט זיין ווערק.

די „מפרשים", וואָס האָבען זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנד־פונקט, דערמאָהנען אָן דעם, אז ערגעץ וואו אין זיד־פראַנקרייך האָט די פאָלקס־לעגענדע שוין סימבאָליזירט א מאָל דאָס גליק אין דעם בילד פון א „בלאָהען" פויגעל. זיי וואָלטען אויך געקאָנט ברענגען א פאָר שטעלען פון דעם ווערק גופא, וואָס וואָלטען זיין א ראיה צו זייערע רייד.

אָבער אז מען טראַכט זיך אריין טיעפער אין יענע שטעלען, וואו די פערקאָנזשען פונ'ם ווערק רעדען וועגען דעם „בלאָהען פויגעל", זעהט מען ווי איבערפלעכליך אזא פעסימיסטישער אויס־טייטש איז, וואָס געהט, אגב, אין גאַנצען להיפך צו דעם געזונדען אפּטימיסטישען, לעבענס־פריידיגען טאָן, מיט וועלכען דאָס גאַנצע ווערק איז דורכגעדרונגען.

לאָמיר זיך דעריבער ניט פוילען און דורכגעהן, איינס נאָכ'ן

אַנדערען, יענע שטעלען, וואו דער דיכטער גיט אונז אליין דעם סוף אין די הענד, ווי אזוי פאַנאַנדערצופלאָנטערן זיין רעטענים.

גאָר אין אָנהויב דערקלעהרט די פעע, אז זי דאַרף נויטיג ווי אין לעבען דעם בלאָהען פויגעל פאַר איהר קליינער קראַנקער טאָכ־טער. „וואָס פעהלט איהר דען?“ — פרעגט טילטיל. „איך וויים אליין אויך ניט קלאָר, וואָס מיט איהר איז. איהר ווילט זיך זיין גליקליך“, ענטפערט די פעע. פון דעם ענטפער קאָן מען באמת מיינען, אז דאָ רעדט זיך וועגען דעם פראָבלעם פון גליק און נאָר פון גליק. אָבער שוין אין דעם ערשטען אקט ווערט דער געדאַנק א ביסעל קשה'דיג. די פעע גיט די קינדער דאָס גרינע מיצעל מיט דעם צויבער־דימענט, וואָס א דאַנק איהם קאָן מען זעהן די פערבאָרגענע אייגענשאַפטען פון אלע זאַכען. „דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב“, זאָגט זי, „כדי צו העלפען אייך זוכען דעם בלאָהען פויגעל“. דער צויבער־דימענט, וואָס אַנטפלעקט פאַר אונז די פערבאָרגענע נשמות פון די ערשיינונגען, קאָן זיין אָדער די וויסענ־שאַפט, אָדער די מעטאַפיזיק. על כל פנים דאָס מענשליכע טהעאָ־רעטישע פאָרשען. גלויבט דען מעטערלינק באמת, אז דאָס גליק קאָן געפונען ווערען אויף דעם וועג פון ריינער טהעאָריע? האָט ער דען גאָר פערגעסען וועגען דעם אַלטען שפרוך פון דער אלטער אידישער לעבענס־חקירה, אז „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב“? און אויב ער איז ניט איינפערשטאַנען מיט יענעם אלטען זיפץ, — גלויבט ער דען, אז דורך דעם, וואָס מיר וועלען אויסגעפינען די נשמה פון ברויט און פון וויין און פון פעפער; דורך דעם, וואָס מיר וועלען אָנזאַמלען אוצרות און אוצרות פון איינצעלנע פאַקטען, וועלען מיר זיך דערנעהנטערן צו דעם העכסטען אידעאַל פון מענש־ליכען גליק? — אזא געדאַנק וואָלט אפשר געקאָנט געבוירען ווע־רען אין די פליטער־וואָכען פון דער מענשליכער וויסענשאַפט, אָבער ניט איצטער, ווען מיר האָבען יאָהרהונדערטע פון וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונגען הינטער אונז.

איך וויל אויך בעמערקען, אז דער געדאַנק פאַסט אויך ניט צו דעם בילד פון מעטערלינק'ען, דעם דענקער, אויף וויפיעל ער מאָלט זיך אונז אויס אין זיינע פילאָסאָפישע בעטראַכטונגען. אָבער מיר קאָנען דאָ לאָזען זיינע אַנדערע שריפטען אין גאַנצען און א

זיים! . מיר האָבען אין דעם „בלאָהען פויגעל" גופא געגוג מאַטעריאַל, כדי פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דער פראַגע.

אין דעם צווייטען אַקט, ווען די פעע גרייט אַלץ אָן צו דער קינדער'ס רייזע, הויבט אָן די קאַץ צו אינטריגירען אַנטקעגען די קינדער. אין דעם געפינען פון דעם „בלאָהען פויגעל" זעהט זי אַ גרויסע געפאַהר פאַר זיך און דער גאַנצער נים מענשליכער נאַטור — און וויל איינשמועסען אויך די איבעריגע ניט־מענשליכע מיט־העלפער, זיי זאָלען ניט דערלאָזען, אַז דער פּלאַן פון דער פעע זאָל מקוים ווערען.

„הערט זיך איין", זאָגט די קאַץ צו זיי. „מיר אַלע, וואָס זענען דאָ פערזאַמעלט, — חיות, חפצים און סטיכיעס, — האָבען אַ נשמה, וואָס דער מענש קאָן זי נאָך נים משיג זיין. אַ דאַנק דעם איז דערווײַלע פערבליעבען ביי אונז אַ ברעקעלע אומאָבהענגיגקייט. אָבער, אויב דער מענש וועט געפינען דעם „בלאָהען פויגעל", וועט ער אַלץ וויסען, אַלץ זעהן, און מיר וועלען זיין אין גאַנצען אונטערגעוואָרפען אונטער זיין מאַכט. איך האָב מיך דערוואוסט דערפון פון מיין אַלטען פריינדעל, די נאַכט, — זי איז דאָך דער שומר פון דעם סוד פון לעבען. מען מוז דעריבער זעהן מיט אַלע כחות בשום אופן נים דערלאָזען, אַז מען זאָל געפינען דעם פויגעל".

אויב דער „בלאָהער פויגעל" איז דאָס גליק, איז יעמאָלט די גאַנצע טענה פון דער קאַץ לגמרי נים צו פערשטעהן. וואָס קאָן דאָס שאַדען דער אומאָבהענגיגקייט פון דער נאַטור, ווען דער מענש וועט זיין גליקליך? די סכנה פאַר דער נאַטור בעשטעהט, ווי די קאַץ זעהט דאָס גאַנץ קלאָר, אין דער מענשליכער וויסענשאַפט און אין זיין הערשאַפט איבער די נאַטירליכע קרעפטען. אָבער — איז דען גליק דער וועג צו ערקענטניס? אויב יע, וואָלטען מיר דאָ געהאַט פאַר זיך דעם איבערגעקעהרטען געדאַנק פון פריהער. דאָרטען איז די וויסענשאַפט געווען דער איינציגער וועג צום גליק, — דאָ, ווייזט אויס, איז גאָר דער גליק דער איינציגער וועג צו דער ערקענטניס.

דער געדאַנק, אַז דער „בלאָהער פויגעל" דאַרף פערשטאַרקען די מאַכט פון דעם מענשען איבער דער נאַטור און עפענען איהם אַלע סודות פון דעם זיין, ווערט אויך אַרויסגעבראַכט אין דער

וואַלד־סצענע, וואו די קאַץ האָט אויפגערודערט אַלע לעבעדיגע נאַטור־קרעפטען צום קאַמפף אנטקעגען דעם מענשען. „טילטיל, דער זוהן פון דעם האָלץ־האַקער, וואָס האָט איך אַזוי פיעל רעות אָנגעטהאָן", דערצעהלט זי די בוימער פון וואַלד, „זוכט דעם בלאָהען פויגעל, וואָס איהר האָט איהם בעהאַלטען פון דעם מענשען, זינט דעם אָנהויב פון דער וועלט און וועלכער ווייס אַליין אונזערע סודות".

שטעלט דאָ אריין אָנשטאָט דעם „בלאָהען פויגעל" — „דאָס מענשליכע גליק", און דער גאַנצער זאַץ פערליערט יעדען זין. דער וואַלד האָט בעהאַלטען דאָס מענשליכע גליק פון אָנהויב אָן, ווייל דאָס מענשליכע גליק ווייס אַלע סודות פון דער נאַטור! אַ גרעסערען אונזין איז זיך שווער פאָרצושטעלען.

אויך אין די רייד פון דעם דעמב, דעם מלך פון וואַלד, צו די לעבעדיגע בעשעפענישען פון דער נאַטור קלינגט דורך דערזעלבינער מאָטיוו, וואָס מאַכט אונמעגליך צו גלויבען, אַז דער „בלאָהער פויגעל" זאָל זיין דאָס גליק. „דאָס איינגעלע, וואָס שטעהט דאָ פאַר אייך", דערקלעהרט ער זיי, „פערמאָגט אַ קמיע, וואָס מען האָט צוגעגנב'עט ביי דעם מעכטיגען גייסט פון דער ערד. אַ דאַנק דער קמיע קאָן ער אוועקנעהמען פון אונז דעם „בלאָהען פויגעל" און דערמיט גופא ארויסרייסען פון אונז דעם סוד, וואָס מיר האָבען בעהאַלטען זינט דעם אָנהויב פון די צייטען".

אַז דער „בלאָהער פויגעל" איז ניט דער סימבאָל פון גליק, קאָן מען זעהן אויך פון דעם דעמב'ס רייד צו טילטיל'ן: „איך ווייס", זאָגט ער איהם, „אַז דו דאַרשט נאָך דעם „בלאָהען פויגעל" בדי איינצונעהמען דעם גרויסען סוד פון די זאַכען און פון דעם גליק. אָבער יעמאָלט וועט אונזער שקלאַווערייַ ווערען נאָך גרעסער..."

ס'איז קלאָר: דער „בלאָהער פויגעל" איז ניט דאָס גליק, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז נויטיג פאַר'ן גליק, עפּעס אַזוינס, וואָס עפענט אויף אונזערע אויגען אויף די סודות פון דער נאַטור און אויך אויף דעם סוד פון גליק.

און כדי עס זאָל קיין ברעקעל ספק ניט בלייבען, אַז דער „בלאָהער פויגעל" קאָן ניט זיין דער סימבאָל פון גליק, וועל איך

אייך דערמאָהנען, אז אין „דער ממשלה פון דער צוקונפט", וואו טילטיל זוכט צולעצט דעם „בלאָהען פויגעל" צווישען די לאָזוראַנע קינדער, וואָס דארפען נאָך ערשט געבוירען ווערען און בערייכערען אויף דער וועלט דאָס מענשליכע לעבען, געפינט זיך אויך אייגער, וואָס וועט ברענגען דעם מענשען דאָס לאַנג געזוכטע גליק. „אז איך וועל זיין אויף דער ערד", זאָגט עס צו טילטיל'ן, „וועל איך דארפען ערפינדען דאָס, וואָס מאכט דעם מענשען גליקליך", און ער בויט שוין איצטער, אויף יענער וועלט, די גרויסע בלאָהע פליג־לען, וואָס זענען נויטיג דערצו. אויב דאָס גליק דארף ערשט ערפונדען ווערען פון דעם מענשען אויף דער וועלט, קאָן דאָס ניט זיין דער „בלאָהער פויגעל", וועלכען דער מענש האָט ניט עראָבערט אויך אין דער ממשלה פון דער צוקונפט.

מיר דוכט, אז מיר האָבען שוין איבער גענוג מאַטעריאַל, כדי אויף זיכער צו בעשטימען, וואָס דער סימבאָל פון דעם „בלאָהען פויגעל" בעטייט. דאָס איז ניט קיין אנדער זאַך, ווי דער אַב־סאָלוטער אמת, וועלכען דער מענש זוכט שוין פון לאַנג אָן, פון דעם אָנהויב פון די צייטען, — יענער העכסטער פילאָזאָפישער גרונד־פרינציפּ, וואָס זאָל אונז געבען דעם שליסעל צו אלע סודות פון דעם וועלטליכען זיין און אויך צו די סודות פון דעם מענשליכען גליק, — דער אבסאָלוטער, אייביגער, אונפערענדערליכער אמת, וואָס איז אין דערזעלביגער צייט דאָס העכסטע גוט, דער העכסטער אידעאַל פאַר דעם מענשען.

אַט דעם אבסאָלוטען, אייביגען, אונפערענדערליבען אמת וועגען וועלט און מענש וויל די פעע ארויסברענגען דורך די מענשען־קינדער מיט דער הילף פון דער מעכטיגער קמיע, דעם צוויבר־דימענט: דעם קלאָרען איינזעהן אין דאָס געהיימע און פער־באָרגענע פון אלע זאַכען.

אויב אונזער פּירוש איז דער ריכטיגער, — און מיר וועלען באַלד זעהן, אז ער לעגט זיך זעהר אויפ'ן שכל, — איז יעמאָלט אויך ניט שווער צו טרעפען, ווער די פעע איז: דאָס איז דער פילאָסאָפיש־מעטאַפיזישער געדאַנק, וועלכער קאָן זיך ניט צופריעדען שטעלען מיט דער ריינער עמפּירישער וויסענשאַפט, וואָס זעהט נאָר דעם דרויסען פון די ערשיינונגען, — דאָס איז

דער אָביעקטיווער, אָהן פניות'דיגער פערטיעפען־זיך אין די אינ־ווענינגסטע נשמות פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, פאַר וועמען די נשמה פון פעפער איז ניט מעהר מיוחס, איידער די נשמה פון צוקער. מיט א פיינער איראָניע אויף דאָס מעטאפּיזישע דענקען, — איי־גענטליך א זעלבסט־איראָניע, ווייל מעטערלינק מוז אַליין צונערע־בענט ווערען צו די מעטאַפּיזיקער, — מאַלט ער אונז אוים איינעם פון די וויכטיגיסטע שטריכען פון דער מעטאַפּיזיק.

ווען די קינדער זענען מרוצה צו געהן זוכען דעם „בלאָהען פויגעל", ווייזט די פּעע אָן מיט'ן פינגער אויפ'ן באַלקען, דעם אויוועןאון די פענסטער און פרעגט זיי: „ווי ווילט איהר ארויס־געהן: מיט דעם וועג, אָדער מיט דעם?" — טילטיל ווייזט אָן מיט א ביסעל מורא אויף דער טהיר. אָבער די פּעע ווערט אין כעס. „דאָס קאָן איך ניט צולאָזען", זאָגט זי. „וואָס פאַר א מדה מגונה צו געהן דורכ'ן טהיר! מיר וועלען ארויסגעהן דורך דאנען", בע־שליעסט זי, טייטלענדיג אויפ'ן פענסטער.

נאָך א דאנק דער פּעע דערפאַר! דאָס רוב מעטאַפּיזיקער קאָנען זיך ניט בערוהיגען, ביז מען קריכט ניט דורכ'ן קוימען...

דער „בלאָהער פויגעל", וואָס דער פילאָסאָפישער געדאנק טרייבט אויסצוגעפינען איהם מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט־ליכער פאָרשונג, — דער נשמה פון ליכטיגקייט, — די נשמה פון ליכטיגקייט שטעלט זיך אין מעטערלינק'ס ווערק אויף דעם צד פון דעם מענשען, — איז ניט קיין אנדער זאַך, ווי דער אבסאָלוטער אמת, — דער לעצטער פּרינציפּ פון דעם זיין, וואָס האַלט פער־באָרגען אין זיך דאָס העכסטע גוט, צו וועלכען דער מענש זאָל שטרעבען. און די איינצעלנע ערטער, וואו די קינדער זוכען דעם „בלאָהען פויגעל", — דאָס לאַנד פון ערינערונגען, די ממשלה פון דער נאַכט, דער וואַלד און די ממשלה פון דער צוקונפט — זענען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי סימבאָלען פון יענע וויכטיגסטע אינסטאַנצען, צו וועלכע דער מענשליכער געדאנק ווענדט זיך, ווען ער געהט ארויס זוכען דעם אבסאָלוטען אמת. איך וויל מיט זיכער־הייט ניט זאָגען, אז מעטערלינק האָט דאָס געהאַט אין זין; אז זיין מעשה'לע וויל בעוואוסטערהייד סימבאָליזירען דעם גאַנג פון דער מענשליכער פילאָסאָפיע אין איהר קאַמפף פאַר דעם אבסאָ־

לוזטען אמת. סוף כל סוף, — ווער קאָן וויסען, וואָס א דיכטער, און נאָך אזא ניט קלאָרער, ווי מעטערלינק, האָט געוואָלט זאָגען? אָבער איינס איז קלאָר ווי דער טאָג, אז די שילדערונג פון די איינ־צעלנע סטאַנציעס טראָגט שאַרפע און בולט'ע סמנים, נאָך וועלכע מען קאָן דערקענען יענע אינסטאַנצען. זי איז געמאַכט געוואָרען אקוראט אזוי, ווי ווען מעטערלינק וואָלט בעוואוסטערהייד געוואָלט סימבאָליזירען די געשיכטליכע שיקזאַלען פון דער מענשליכער אמת־זוכעניש.

דאָס וועט אונז ווערען אין גאַנצען קלאָר, ווען מיר וועלען איבערנעהן צו די איינצעלנע אינסטאַנצען.

לאָמיר אָנהויבען מיט דעם לאַנד פון דער עראי־נערונג, — דאָרטען וואו עס לעבען די געשטאָרבענע. די פעע שיקט די קינדער אהינצו, ווייל „דאָס לאַנד פון דער עראינערונג ליעגט אויפ'ן וועג צו דעם בלאָהען פויגעל". „עס איז מעגליך, זאָגט זי אין אן אנדער אָרט, אז דער „בלאָהער פויגעל" איז בע־האַלטען אין דעם לאַנד פון עראינערונג, אין דעם לאַנד, וואו עס זענען איצטער דער זיידע און די באָבע פון די קינדער".

אין טילטיל'ס „לאַנד פון עראינערונג" שטעהט אונטער א געוועלב פון בלעטער, — א פרעהליך פויערישׁ הייזעל, בעדעקט מיט געשלענגעלטע פלאַנצען. טהיר און פענסטער זענען פער־מאַכט. עס זעהען זיך ביהנשטאָקען אונטער א דעבעל, בלומען־טעפ שטעהען אויף די פענסטער, א שטייגעל העגנט מיט א שלאָפענדען שטאָר. לעבען טהיר — א באַנק, אויף וועלכען עס זיצען אין טיעפען שלאָף אַן אלטער פויער און זיין ווייב: טילטיל'ס זיידע און באָבע.

אין דעם לאַנד פון עראינערונגען איז אלץ געוועזען איינגע־זונקען אין א טיעפען שלאָף, ביז די קינדער זענען געקומען צום בעזוך. אָבער ווי נאָר זיי זענען געקומען, האָט אלץ ווידער אָנ־געהויבען צו לעבען, פונקט אזוי ווי דאָס איז געוועזען אויף דער וועלט. דער אלטער זיידע האָט נאָך אלץ זיין רהומאַטיזם; די באָבע, ווען טילטיל האָט ביים לעבען אונטערגעשאַרען דעם עק, בייזט אום אזוי מיט דעם אָבגעשאָרענעם עק. די געשטאָרבענע ברידער און שוועסטער זענען ניט צוגעוואַקסען; די איינגסטע

קריכט נאָך אַלץ אום אויף אַלע פיער, און ביי איין שוועסטער איז אפילו דאָס בלאָטערל אויפ׳ן נאָז געבליעבען, ווי אין דער לעצטער רגע פון איהר לעבען: עס קאָן שוין מעהר נים אראָבגעהן.

„דאָ בלייבט אַלץ, ווי עס איז געווען!" — דערקלעהרט מעשה רבי דער זיידע.

און וואָס פאר אַ פּאזים אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאנק דערמאָהנט אָט דער גרונד־שטריך פון דעם „ערֿאינערונג־לאַנד"? די פון אייך, וואָס זענען בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, איידער דער פילאָסאָפישער געדאנק האָט זיך אריינגעמישט אין זיי, וועלען גאנץ גרינג דער־מאָהנען זיך אָן דעם גריעכישען „האדעס", דער „ממשלה פון שאָ־טענס", און דעם אַלט־העברעאישען „שאול". ווי אין האדעס און אין דעם שאול, אזוי בלייבען די מענשען אויך אין מעטערלינקס „ערֿאינערונג־לאַנד" אויף אייביג אין דעמזעלבינגען צושטאַנד, אין וועלכען דער טויט האָט זיי געטראָפען. איז איינער פערוואונדעט געוואָרען, בלייבט ער אין „שאול" און אין „האדעס" מיט זיין וואונד. איז איינער מיט בלוט בעדעקט, געהט פון איהם דאָס בלוט נים אראָב, און ווען איינער שטאַרבט מיט פריעדען אין האר־צען, ווערט זיין פריעדען שוין קיינמאָל נים צושטערט; און האָט איינער אַ טיעפען קומער, ווערט ער שוין פון איהם קיין מאָל נים בעפרייט. ווען בנימין׳ס ברידער בעטען ביי יעקב אָבינו ער זאָל מיט זיי אָבלאָזען בנימינ׳ען קיין מצרים, וויל נים דער אַלטער פאָטער: ער האָט מורא, טאָמער טרעפט אַ סיבה אין וועג און יעמאַלט, זאָגט ער, „וועט איהר אין שאול אראָבניעדערן מיין על־טער אין קומער". פאר׳ן שטאַרבען זאָגט דוד אָן זיין זוהן שלמה׳ן, ווי אָבצורעכענען זיך מיט יואב בן־צוריה און שמעי בן גרא. אויף דעם ערשטען זאָגט ער: „זאָלסט זיין עלטער אין שאול נים אראָב־ניעדערן אין פריעדען" און אויפ׳ן צווייטען: „זאָלסט זיין עלטער אין שאול אראָבניעדערן אין בלוט".

דאָס ערֿאינערונג־לאַנד איז דעריבער יענע היידנישע פער־יאָדע, די פעריאָדע פון דער נ א ט ו ר ־רעליגיאָן, וואָס האָט גע־הערשט ביי דער ציוויליזירטער מענשהייט, ביז דאָס אידישע קריס־טענטהום האָט געמאַכט צו איהם אַ סוף.

מיר וועלען שפּעטער זעהן, ווי אַזוי מעטערלינק וויל ווידער־אויפלעבען דעם אונשטערבליכקייטס־גלויבען פון יענער צייט אין אַ מאָדערנער אויסטייטשונג. פריהער פאַר אַלץ מוזען מיר זיך אָבער פרעגען: וואָס טהוט זיך מיט דעם „בלאָהען פויגעל" אין יענעם לאַנד?

דאָס עראינערונג־לאַנד — און דאָס איז דאָס מערקווירדיגסטע אין דער דערצעהלונג — האָט אַ „ב ל אָ ה ע ן פ ו י ג ע ל".

ווי נאָר די קינדער האָבען דערמאָהנט אין זייער געשפּרעך דעם אַלטען שטאַר, אַזוי האָט זיך דער פויגעל אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און ער האָט אָנגעהויבען הויך זינגען. אָבער אַ גרויסע ענדערונג איז מיט איהם פאָרגעקומען: ער איז אין גאַנצען געוואָרען בלאָה. „יע, ער איז אַ בלאָהער", בעמערקט טילטיל, „הייסט עס, אַז דאָס איז ער, דער בלאָהער פויגעל, וואָס איך מוז געפינען פאַר דער פעע... און איהר האָט מיר גאָר געזאָגט, אַז ער איז ביי אייך... אָה, ער איז בלאָה, בלאָה, בלאָה, ווי אַ בלאָה, גלעזערן קייקעלע".

טילטיל בעט זיך, מען זאָל איהם אוועקגעבען דעם שטאַר. די עלטער־עלטערן גיבען איהם נאָך. אָבער בעת ער טראָגט איהם אַרויס צוריק אויף דער ווירקליכער וועלט, דערזעהט טילטיל, אַז דער פויגעל איז שוין ניט מעהר בלאָה; ער איז געוואָרען שוואַרץ...

דער סימבאָלישער געדאַנק, וואָס ליעגט אין דער פערוואַנדלונג פון דעם בלאָהען פויגעל פון אונזערע עלטער־עלטערן ווידער אין שוואַרץ, איז ניט קיין נייער. איך האָב שוין ניט איין מאָל געהאַט די געלעגענהייט צו פערטהיידיגען איהם סיי אין מיינע פאָרלעזונגען, סיי אין מיינע שריפטען. אָבער איהר וועט מיר ערלויבען אָבצושטעלען זיך אויף איהם, ווייל ער דריקט אוים אַ גרויסען אמת און גיט אונז דעם ריכטיגען בליק, ווי מיר זאָלען קוקען אויף די גלויבונגען און מיינונגען פון אונזערע טאַטעס און זיידעס.

עס איז שוין איצטער נאָר ניט קיין נייעס פאַר אַ סך אמת געבילדעטע און אויפגעקלעהרטע דער געדאַנק, אַז יעדע צייט בויט איבער דעם אמת, וואָס זי בעקומט בירושה פון דעם עבר. זי בויט איהם איבער אָפטמאָל אַזוי, אַז פון איהם ווערט נאָר אַ גייע זאַך, וואָס גערט אין גאַנצען להיפך צו דעם הייליגסטען גלויבען

פון א מאָל. אין דעם ליכט שיין פון דעם נייעם אמת פון דער נייער צייט מוז די אַלטע וועלט־אַנשויאונג אויסזעהן ווי א וועלט פון באָבע־מעשות און ווילדע פאַנטאַזיעס, בעשאַפען אפשר פון טרוימען, אַדער שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבען געפיהרט פאר׳ן נאָז דאָס גאַנצע פאָלק, דעם גרויסען בלינדען פרא־אָדם.

אָבער אויב דאָס איז אמת פאר יעדער צייט אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק, — און ביז אהער איז דאָס געוועזען אבסאָלוט אמת, — היינט, וואו איז די גאַראַנטיע, אז די קינפטיגע דורות וועלען זיך ניט בעגעהן מיט אונזערע היילינגטהימער אקוראַט אַזוי, ווי מיר בעגעהען זיך מיט די היילינגטהימער פון אונזערע עלטערן און אור־עלטערן? אונזערע עלטערן האָבען געגלויבט אין זייערע אנשויאונגען, ווי אין דעם לעצטען, רייבסטען אמת, צו וועלכען עס קאָן דערגרייכען דער העכסטער מענשליכער שכל. און פון דעסטוועגען זענען זיי פאר אונז ניט מעהר ווי א שפינוועבס פון שקרים און דמיונות. היינט ווער קאַווירט אונז, אז אונזער וויסען און גלויבען וועט ניט אויסזעהן אין די אויגען פון אונזערע קינדער אויך ווי א שפינוועבס פון שקרים און דמיונות? און אויב מיר קוקען אויף אונזערע עלטערן אין בעסטען פאַל ווי אויף עהרליכע טראַים און ווילדע פאַנטאַזיאָרען, היינט ווער וועט פערוועהרען אונזערע קינדער, זיי זאָלען זעהן אין אונז דיזעלבינגע עהרליכע טראַים און ווילדע פאַנטאַזיאָרען?

קיינער קאָן אונז ניט קאַווירען, אז עס וועט ניט זיין אַזוי. קיין אמת פון קיין דור קאָן ניט און וועט ניט ארויסנעהמען קיין פאַטענט אויף אונשטערבליכקייט. איז אויב מיר וועלען קוקען אויף אונזערע עלטערן, ווי אויף טראַים, און אויב אונזערע קינדער וועלען קוקען אַזוי אויף אונז, און אויב פאר אונזערע אייניקלעך וועלען מחמת דעם זעלבינגען טעם אונזערע קינדער זיין די ווילדע פאַנטאַזיאָרען און נאַאיווע שוטים, — וועט דאָך סוף כל סוף אויסקומען, אז די גאַנצע געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק איז בעשאַפען געוואָרען און ווערט בעשאַפען פון נאַראָנים און האַלב־משוגע׳נע, און אַלץ וואָס דער מענשליכער געדאַנק האָט ארויסגע־בראַכט, איז ניט מעהר ווי א הויפען פון ווילדע נאַרישקייטען.

און פון דעסטוועגען האָט די נאַרישע מענשהייט, — אַזוי

בינו לבינו, — אויפגעבויט נאָר אַ קליינינקייט: די גאַנצע מענש־ליכע קולטור, מיט איהרע טעמפּלען פאַר קונסט, וויסענשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיאָן, מיט איהר אַלץ וואַקסענדער מאַכט איבער די בלינדע כחות פון דער טבע, מיט דעם אַלץ־טיעפערען יושר אין דעם בעגעהן זיך פון מענש צו מענש.

אַ־מעהר, לאָמיר אַ דרעה טהאָן דעם ענין צוריק. לאָמיר זאָגען, אַז אמת איז ערגעץ ניטאָ דרויסען פון דעם מענשליכען שכל, אָדער אַז פאַר דעם מענשען איז נאָר דאָס אמת, וואָס ער קאָן מיט זיין שכל אַרויסברענגען. און אַרויסברענגען מוז ער צו פער־שיידענע צייטען פערשיידענע אמת'ען, — ווייל אמת פאַר איהם איז נאָר דאָס, אין וואָס ער מוז גלויבען, לויט די אומשטענדען, צווישען וועלכע ער לעבט. די אמת'ען, אין וועלכע דער מענש גלויבט, זענען ווי לעבעדיגע ברואים, וואָס ווערען געבוירען, וואַק־סען אויס, עלטערן זיך און שטאַרבען אָב. ניט „פּראָים בעשאַפען וויסטע פאַנטאַזיעס" איז דער תוך פון דער מענשליכער געשיכטע, נאָר „מענשען בעשאַפען אין יעדער צייט זייערע הייליגע אמת'ען". — דאָס איז דער אמת וועגען דער ענטוויקעלונג פון דעם מענשליכען גייסט.

יעדערער דור האָט זיך דעריבער זיין „בלאָהען פויגעל". ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין די אומשטענדען פון דעם דור און דעם צושטאַנד פון דעם מענשליכען שכל אין יענער צייט און שטודירען די אַנשויאונגען, וואָס דוכטען זיך אונז אויס, ווי ווילדע באָבע־מעשות, ווערען מיר פער'חדוש'ט, וויפיעל שכל מיר ענטדעקען אין זיי, וויפיעל טיעפע און מענשליכע בענקשאַפט נאָך אמת, יושר און חן עס ליעגט אין זיי פערבאָרגען. אונז ווערט קלאָר, אַז אין די „ווילדע באָבע מעשות" ליעגט דער ריינער אמת פון יענעם דור און מיר שרייען אויס ענטציקט: ער איז בלאָה, בלאָה, בלאָה, און זיין פאַרב איז עכט און ריין.

אָבער אויב מיר מיינען, אַז מיר קאָנען דעם גלויבען פון דעם עבר זיך אַזוי פשוט אַרויסטראָגען אויף די ליכטיגע זון פון דער איצטיגער צייט און זיין פאַרב וועט דערביי בלייבען די אייגענע, וואָס אַ מאָל, מאַכען מיר אַ גרויסען טעות. דער „בלאָהער פויגעל" פון אַ מאָל איז שוין געשטאָרבען, ער איז בלאָה נאָר אין דעם „לאַנד

פון עראינערונג", — אין דער אונפּאַרטייאישער געשיכטליכער פאַרשונג — פאַר דער געגענוואַרט ווערט ער ווידער שוואַרץ.

א ביישפּיעל פון אונזערע טעג וועט אייך נאָך קלאָרער מאַכען דעם ענין. עס איז אין דער לעצטער צייט אין דער אידישער ליטעראַטור ווידער אויפגעוואַכט געוואָרען די פראַגע וועגען דעם ווערטה פון דער חסידות און קבלה, — יענעם הייליגען, גרויסען, טיעפען אמת, מיט וועלכען עס האָבען געלעבט די נשמות פון אונזערע טאַטעס און זיידעס.

עס זענען דאָ ניט ווייניג מענשען, וואָס וואָלטען וועלען, ווי צ. ב. הערר הלל צייטלין, אז דער גלויבען פון אמאָל זאָל אויך דער וואַרימען אונזערע הערצער. אין וואָס בעשטעהט הערר צייטלין'ס פעהלער? — אין דעם, וואָס ער מיינט, אז אויב דער פויגעל איז געווען אין גאַנצען בלאָה א מאָל, מוז ער בלייבען בלאָה אויף אייביג. ער בעמערקט ניט, אז ווי נאָר ער טראָגט איהם ארויס מחוץ דעם לאַנד פון דער עראינערונג, אזוי ווערט ער תיכף אין גאַנצען שוואַרץ.

עס זענען אָבער נאָך דאָ צווישען אונז מענשען, צו וועלכע עס געהערט, צ. ב., הערר ב. פייגענבוים, דער עהרליכער, טאַלאַנטפולער „טאַמבור־מאַזשאָר" פון דער אַלטער אפּיקורסישער גוואַרדיע, וואָס קאָנען עד היום ניט פערשטעהן, ווי אזוי מען קאָן זאָגען א גוט וואָרט פאַר דער חסידות און קבלה אפילו ווען מען מיינט נאָר יענע צייט, אין וועלכער זיי זענען געווען דער אינוועניגסטער אמת פון דער אידישער נשמה. פאַר איהם זענען חסידות און קבלה געווען אין אַלע צייטען א ווילדע נאַרישקייט. אין וואָס בעשטעהט זיין פעהלער? — ער זעהט, אז איצטער איז דער פויגעל שוואַרץ און קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אז א מאָל האָט ער געמוזט זיין אַקוראַט אזוי בלאָה־בלאָה־בלאָה, ווי דער בלאָהסטער פון אַלע זיינע אפּיקורסישע אמת'ען. דערפאַר קאָן ער זיך אויך ניט פאָרשטעלען, אז דער „בלאָהער פויגעל" פון זיין צייט זאָל קאָנען אויסקוקען שוואַרץ אין אונזערע אויגען.

דעם ריכטיגען בליק אויף דער זאַך גיט אונז דאָ מעטערלינק. שטייגען מיר אַראָב אין דאָס לאַנד פון עראינערונג, דאַרפען מיר ניט שלעפּען אונזער אמת אהין. וואָס מעהר מיר לעבען זיך אריין אין דער אַלטער צייט, אַלץ מעהר לעבט אָב דאָ פאַר אונזער גייס־

טינען אויג אויך איהר אַלטער אמת און מיר בעוואונדערען זיין שעהנקייט אין דער פערגאַנגענהייט. מיר טאָרען אָבער ניט מאַכען טילטיל'ס קינדערשען פעהלער: מיר זאָלען דעם „בלאָהען פויגעל" פון אַ מאָל ניט אַריינטראָגען אין אונזער לעבען, — פאַר אונז איז ער שוין געוואָרען — שוואַרץ.

דאָס „לאַנד פון דער ערָאינערונג" איז דעריבער ניט נאָר אַ סימבאָל פון דעם היידענטהום און דער נאַטור־רעליגיאָן, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן דאָס ערנסטע מענשליכע דענקען; עס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גאַנצען גייסטיגען עבר פון דער מענשהייט, אויף וויפיעל מען קאָן זיך רעכענען מיט איהם פאַר דעם אמת, אין וועלכען מיר נויטיגען זיך היינט. אויך היינט לויפען מיר קודם כל צו דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק, ווען עס הויבען אונז אָן צו פּלאָגען די אייביגע פראַגען. אָבער די „אַבסאָלוטע אמת'ען" פון די אַלטע דורות פערליערען באַלד אין אונזערע אויגען זייער בלאָהע הימעל־פאַרב. אונזער אמת מוזען מיר זוכען נאָך ערגעץ וואו אַנדערש, איידער אין דעם לאַנד פון דער ערָאינערונג.

אָבער איידער מיר וועלען זיך מיט איהם אָבזעגענען, דאַרף מען נאָך זאָגען אַ פאָר ווערטער וועגען יענעם אונשטערבליכקייטס־געדאַנק, וועלכען מטערלינק געפינט אויס אין דעם לאַנד פון דער ערָאינערונג. דער געדאַנק קאָן אויסגעדריקט ווערען אין אַ פּאָאַר ווערטער. ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אונשטערבליכקייט פאַר דעם מענשען סיידען די, וואָס אין דעם זכרון פון די לעבעדיגע מענשען. און נאָר דער איז באמת אונשטערבליך, ווער עס האָט אַריינגעפלאָכטען זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. דער געדאַנק אַליין, אויב איך האָב ניט קיין טעות, שטאַמט פון אָגיוסט קאָנט און איז שוין אָפטמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרען זינט קאָנט'ס צייטען. אויף וויפיעל ער קאָן אין גאַנצען אויסאייגען דעם מענשען מיט'ן טויט און פערענטפערן פאַר איהם די גרויסע שאלה, ווייס איך ניט. לאָ'ם איך אייך זאָגען: דעם גאַנצען אמת גערעדט, האַלט איך עד היום, אַז דער טויט איז אַ סקאַנדאַל גדול ונורא, וואָס קאָן מיט קיין זאַך ניט פערענטפערט ווערן און מיט קיין זאַך ניט בעפּוצט ווערען, אפילו ניט מיט די שעהנע בלומען פון מטער־

לינק'ס פּאָעטישען בית־עולם. אָבער אַ שטיקעל טרייסט ליעגט אפשר אין יענעם געדאַנק.

אין דער אמת'ען! דער סקאַנדאַל פון דעם טויט בעשטעהט ניט נאָר אין דעם, וואָס „איך" מוז שטאַרבען, נאָר אפשר נאָך מעהר אין דעם, וואָס די אַנדערע, די וואָס זענען אונז ליעב און טהייער, מוזען אַוועקגעהן פון דער וועלט. מילא, מיט מיר ווי מיט מיר; איך קאָן מיך נאָך אפשר טרייסטען מיט דעם אַלטען ווערטעל פון עפּיקור, אַז „איך קאָן ניט שטאַרבען, ווייל כל זמן „איך" בין דאָ, איז דער טויט ניטאָ, און ווי נאָר עס קומט דער טויט, — ערשט איך בין שוין ניטאָ". ווען מען טראַכט וועגען עפּיקור'ס געדאַנק, קאָן מען פיהלען אַ זיסע נקמה אָן דעם טויט. שטעלט אייך פאָר דעם משונה אויסגעצויגענעם נאָז פון דעם טויט, בעת אַט־אַט וויל ער מיך כאַפּען, ערשט „איך" בין שוין גאָר ניטאָ; אָבער אַלע מאָל — לאָם איך אייך זאָגען דעם אמת — קאָן איך דערביי ניט פערשטיקען די גרויסע שאלה: ווער בלייבט באמת מיט דער אויס־געצויגענער נאָז: איך אָדער דער טויט? אָבער, ווי די מעשה איז, עפּיקור'ס פיינע המצאה קאָן אונז ניט געבען קיין סמן פון טרייסט, ווען מיר טראַכטען וועגען דעם טויט פון אונזערע ליעבע. און דאָ קומט יענער קאַנטישער אונשטערבליכקייטס־געדאַנק און פרעגט אונז: ווער זאָגט אייך, אַז זיי זענען טויט? און וואָס האָט איהר פערלאָרען מיט זייער טויט?

לאָמיר אין דער אמת'ען אַ ביסעל אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם. נעהמט די שעהנסטע מענשליכע פיגור, וואָס איז אייך אַם טהייער־סטען. איך וועל נעהמען דעם מענשען, וואָס איז מיר טהייערער פאַר אַלע, וועלכע האָבען געלעבט ביז אהער: ישעיהו הנביא. פאַר וואָס זאָל דער טויט פון ישעיהו הנביא אַזוי בעטריעבען מיין האַרץ? שטעלט אייך פאָר, אַז איך דערוויס מיך גאָר אין ערנסט, אַז ישעיהו הנביא איז קיין מאָל ניט געשטאָרבען, נאָר זיין נייסט איז אויף אייביג פערדונקעלט געוואָרען און ער לעבט איצטער אין ניו יאָרק, — אַ מיטאַרבייטער אין אַ געוויסער טעגליכער אידישער צייטונג. עס פערשטעהט זיך, אַז ניט נאָר איז אין איהם ניטאָ קיין שפּור פון דעם אַלטען ישעיה; ער ווייס אפילו ניט, אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ נביא און וואָס אַזוינס ער האָט געפּרעדיגט אין

זיין צושטאַנד פון נביאות. וואָלט מיך אַזאַ לייבליכע אונשטערב־ליכקייט ישעיה׳ס צופריעדען געשטעלט? געוויס ניט! איך וואָלט געקוקט אויף די לעבעדיגע שאַלעכץ פון דעם אַלטען גייסט און וואָלט מיר געזאָגט: פאַר אַ ישעיה הנביא איז, איידער אַזאַ לעבען, שוין טויזענד מאָל בעסער דער טויט. מיך פערדריסט, וואָס ישעיה הנבא איז ניטאָ, ניט דערפאַר, וואָס זיין קערפּער איז פערשוואונ־דען, — זיין קערפּער איז מיר קיינמאָל ניט געווען טהייער, — נאָר ווייל זיין גייסט האָט אויפגעהערט צו שאַפען, ווייל די נבואות זיינע איז פערשטומט געוואָרען. אָבער דאָך מאַך איך מאַקע אַ געוואַלדיגען טעות. זיין נבואה איז נ י ט פערשטומט געוואָרען. זי קלינגט נאָך אַזוי פריש און לעבעדיג, אַקוראַט ווי אין דעם טאָג, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל אויסגעגאָסען זיין הארץ פאַר דער מענשהייט. וועט איהר זאָגען: דערפאַר בעשאַפט ער אָבער ניט קיין נייע נביאות! אָבער — ווער זאָגט דאָס? האָט זיך דען ישעיה׳ס גייסט ניט ווייטער ענטוויקעלט? איז ניט פון זיין „איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו“, — יעדערער אונטער זיין וויינ־גאָרטען און אונטער זיין פייגענבוים, — אויסגעוואַקסען דער גראַנדיעזער קאָמוניזם פון די איסיים? וואָס איז מיר און דער גאַנצער מענשהייט די נפקא מיניה, צי ישעיה אַליין האָט געמאַכט יענעם געוואַלטיגען שריט, אָדער דאָס האָבען געטהאָן זיינע תלמידים, די וואָס האָבען געלעבט און געשאַפען אונטער דער השפעה פון זיין גייסט? ישעיה׳ס גייסט לעבט, ווירקט און ענט־וויקעלט זיך: וועלכע סמנים פון אונשטערבליכקייט דאַרפט איהר נאָך? ער לעבט אייביג „אין דעם לאַנד פון דער עראינערונג“, אין דעם דאַנקרייכען מענשליכען זכרון פון דורות און דורות. די מענשהייט געדענקט איהרע העלדען ווי אין דעם לעצטען מאָמענט פון זייער זיין, און אין דער עראינערונג זענען זיי נאָך שעהנער איידער ביים לעבען.

„ט י ל ט י ל: דו האָסט זיך ניט געענדערט, זיידעניו! קיין ברעקעל ניט, קיין ברעקעל ניט... און די באָבעניו האָט זיך אויך אַ סמן ניט געענדערט... איהר זעהט נאָר אויס שעהנער...

ד ע ר ז י י ד ע: געוויס! מיר פיהלען זיך ניט שלעכט... מיר האָבען אויפגעהערט זיך צו עלטערן.“

זיי שלאָפען, די אונז ליעבע, כל זמן מיר טראַכטען ניט וועגען זיי, און ווערען וויעדער לעבעדיג, ווי נאָר זייער בילד וואַכט אויף פאַר אונזער גייסטיג אויג, און אז טילטיל דערמאָהנט דאַרטען דאָס וואָרט „טויט", פערשטעהען זיי ניט, וואָס דאָס בעטייט. „ווי גאַריש זיי זענען דאַרטען אונטען", זאָגען זיי אויף אונז, וואָס גלויבען אין דעם אמת'ען, ניט אויף־צו־פליסענדיגען טויט... די אונשטערבליכקייט אין דעם זכרון פון דער מענשהייט איז פאַר א סך מאָדערנע מענשען אַן אמת'ער טרייסט, ווייל — אויב מען קאָן ניט האָבען וואָס מען וויל, מוז מען ווילען וואָס מען האָט. אָבער „איז דען דאָס אַן ענטפער?" — פרעגט וויעדער דער אַלטער מקשן היינע און אַן עכאָ פון טויזענד דורות ענטפערט איהם: ת י ק ו. אויף אידיש ווערט דאָס געזונגען: „עס בלייבט דאָך פאַרט די אַלטע קשיא!"...

אָבער לאָמיר לאָזען די אַלטע קשיא, וועלכע די וועלט פרעגט און פרעגט און וועט ניט אויפהערען צו פרעגען. לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער „בלאָהען פויגעל".

אויב „דאָס לאַנד פון דער עראינערונג" איז דער סימבאָל פון דער אַלטער היידנישער וועלט און דער געשיכטע פון דעם גייסטיגען עבר, איז דער צווייטער אָרט, וואו טילטיל זוכט דעם אבסאָלוטען אמת, „די ממשלה פון דער נאַכט", — דער סימבאָל פון דעם קריסטליכען גלויבינגען מיטעלאַלטער און דער רעליגיאָן איבערהויפט, אויף וויפיעל זי הערשט נאָך איצטער אין אונזער גייסטיגען לעבען. די רעליגיאָן איז די צווייטע אינסטאַנץ, וואו מיר זוכען דעם אבסאָלוטען אמת.

אין דעם פאַלאַץ פון דער „נאַכט" זענען דאָ אַלערליי חדרים, פול מיט שרעקען און פיינדליכע מעכטען. אין איין חדר זענען פערשלאָסען די געשפענסטער, די שדים און רוחות, אין דעם אנדערען די פערשיידענע מינים קרענק און אנשיקענישען, אין דעם דריטען דער קריעג. נאָך אין איינעם — אזעלכע שרעקען, פאַר וועלכע דער מענש האָט נאָך גאָר קיין נאָמען ניט, וואָס פערשטיירען איינעם, ווי נאָר מען טהוט א בליק אויף זיי. פאַרהאַן אָבער אויך אַ חדר, אין וועלכען עס איז איינגעשלאָפען דער אונענדליכער הימעל מיט זיין גאַנצער פראַכט. ווי איהר זעהט: דער גן־עדן און

דער גהינם געפינען זיך דאָרטען. די אַלע סטיכישע קרעפטען, — נאַטירליכע, ווי די פערשיידענע חלאת'ן, און די סאָציאַלע, — ווי דער קריעג, — שטעהען אונטער דער ממשלה פון דער קעניגין נאַכט, — דעם רעליגיעזען גלויבען, וואָס איז אין מיטעלאַלטער געוועזען די איינציגע אָרגאַניזירטע מאַכט, וואָס האָט געוועלטיגט אין דער גייסטיגער אַטמאָספערע, איינגעשלאָסען די שרעקען און אוועקגעשטעלט אונטער אַ קאָנטראָל, אָבער אויך אַרויסגעלאָזען זיי אויף דער וועלט, ווען דאָס איז געוועזען נויטיג אין די אינטע־רעסען פון דער הערשענדער רעליגיע.

אַז „די ממשלה פון דער נאַכט“ איז דער רעליגיעזער גלויבען און די גייסטיגע אַטמאָספערע, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון איהם, געהט אַרויס קלאָר און שאַרף פון דעם דיאַלאָג צווישען דער נאַכט און דער קאַץ, וואָס איז געקומען אָנזאָגען איהר, אַז טילטיל קלייבט זיך אַרויסצורייסען פון איהר מאַכט דעם „בלאָהען פויגעל“.

„ד י ק אַ ץ : ...די נשמה פון ליכטיגקייט, וואָס פיהרט איהם (טילטיל'ן), גיט אונז אַלעמען אַרויס. זי האָט זיך אין גאַנצען אוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון דעם מענשען. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער „בלאָהער פויגעל“, דער אמת'ער, דער איינ־ציגער, וואָס קאָן פערטראָגען דעם שיין פון טאָג, בעהאַלט זיך דאָ, וואו עס וואוינען די „בלאָהע פויגעל“ פון חלומות, וועלכע לעבען פון לבנה־שטראַהלען און שטאַרבען, ווי נאָר זיי דערזעהען דעם ליכטיגען שיין. די נשמה פון ליכטיגקייט ווייס, אַז עס איז איהר פערווערט אַריבערצוטרעטען דעם שוועל פון אייער פּאַלאַץ און דערפאַר שיקט זי אַהער די קינדער. איהר אָבער קאָנט דאָך ניט פערמאַכען פאַר'ן מענשען די טהירען פון אייערע סודות, — איך ווייס איך ניט, וואָס עס וועט זיין דער סוף דערפון... זאָל חלילה טרעפען דער אומגליק און זיי וועלען בעקומען אין זייער מאַכט דעם אמת'ען „בלאָהען פויגעל“, איז יעמאָלט — אויס מיט אונז! מיר וועלען מוזען אויף אייביג פערשווינדען.

ד י נ אַ כ ט : גאָט, מיין גאָט!... אין וואָס פאַר אַ צייטען מיר לעבען!... אַ מינוט לאָזט מען ניט צורוה... אין די לעצטע יאָהרען האָב איך פּשוט אויפגעהערט צו פערשטעהן דעם מענשען. וואוהין ציהט איהם? נישיים וויל ער וויסען אַלץ? ער האָט שוין

אין זיין מאַכט אַ דריטעל פון מיינע סודות; אַלע מיינע אַנשרעק־קענישען זענען פול מיט פּחד, האָבען מורא דאָס הויז צו פערלאָזען, מיינע רוחות און דיבוקים זענען זיך צולאָפען, און דער גרעסטער טהייל פון מיינע חלאת'ען פיהלט זיך גאַר ניט פויגעלדיג.

ד י ק א ך: יע, אמת, שווערע צייטען. נאָר איך און די קעמפּפען נאָך אַנטקעגען דעם מענשען".

ווען טילטיל קומט אין די ממשלה פון דער נאַכט, מוז די נאַכט איהם אַרויסגעבען אַלע שליסלען און ער זוכט דורך אַלע איהרע חדרים. פון איין חדר, וואו עס זענען איינגעשלאָסען די שדים און רוחות, רייסען זיך אַרויס אַ פּאָר פון דער חברה, און מען פערטרייבט זיי צוריק. „זיי איז אומעטיג", בעמערקט די נאַכט, „זינט דער מענש האָט אויפגעהערט מורא צו האָבען פאַר זיי". ביי דעם חדר פון די קראַנקהייטען בערוהיגט זי טילטיל'ן, אַז פאַר זיי איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך: „זיי זענען נעבעך געוואָרען רוהיג, די אָרימע בעשעפּענישען... ניט גוט איז זיי. פון אַ צייט אָן לאָזט זיי דער מענש ניט אָן אָטהעם־טהאָן פריי. רק ער פיהרט מלחמה מיט זיי. דער עיקר, די מיקראָבען; ווי נאָר מען האָט זיי אויסגעפונען, איז נאָר אַ צרה".

די „נאַכט" האָט אַ מאָל געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אין דעם לעבען פון דער מענשהייט. די רעליגיאָן איז געווען דער איינציגער מיטעל אַנטקעגען אַלע פיינדליכע מעכטען. אין איהרע חדרים, דערצעהלט זי טילטיל'ן, זענען איינגעשלאָסען אַלע מענשליכע פּלאָגען, אַלע אַנשיקענישען, אַלע מגפות, צרות, קאַטאַסטראָפען, אַלע געהיימניספולע שרעקען, וואָס האָבען פערפינסטערט דאָס לעבען פון דעם אַנהויב פון די צייטען. „גענוג כחות האָט מיך געקאָסט, ביז איך האָב זיי אַלעמען אַריינגעשפּאַרט אהער מיט דער הילף פון דעם שיקזאַל". און עס פערדריסט איהר, דער נאַכט, וואָס איצטער לערענט זיך דער מענש אין גאַנצען אויסצוקומען אָהן איהר הילף.

אַלע חדרים האָט טילטיל דורכגעזוכט. אויף דעם, וואו עס ליגען די אַלט־געוואָרענע שטערן, דער נאַכט־טוי און די נאַכטיגאַל־קלאַנגען, — ערגעץ־וואו ניטאָ דער „בלאָהער פויגעל". עס איז געבליעבען נאָר איין חדר, אָבער די נאַכט וויל מיט אַלע כחות ניט

דערלאָזען, טילטיל זאָל ארייַנבליקען אהין. זי פּרובט איהם אָנ־שרעקען מיט דער סכנה, וואָס אויף איהם ווארט דאָרטען.

„ד י נ אַ כ ט (מוטערליך): הער מיך אויס, מיין קינד. איך בין געווען גוט צו דיר, איך האָב דיר געטהאָן אלץ, וואָס דו האָסט געוואָלט, דאָס וואָס איך וואָלט פאַר אַן אַנדערן קיינמאָל ניט געטהאָן. איך האָב דיר געעפענט אלע מיינע סודות... דו ביסט מיר ליעב געוואָרען... א רחמנות אויף דיין יוגענד און דיין אונ־שולד... איך רעד צו דיר איצטער, ווי א מאַמע. פאָלג מיך, גלויב מיר, מיין קינד, פּרוב ניט דעם מזל — עפען ניט די טהיר!

ט י ל ט י ל (אַ ביסעל שוואַנקענד): אָבער, אייגענטליך, פאַר וואָס?

ד י נ אַ כ ט: ווייל איך וויל ניט, דו זאָלסט גע'ניזק'ט ווערען. ווייל קיין איינציגער פון די — דו הערסט? — קיין איינ־ציגער פון די, וואָס האָבען געעפענט די טהיר אפילו נאָר אויף אזוי פיעל ווי א האָאָר איז ברייט, האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט צום לעבען און צו דעם שיין פון דער זון. ווייל יעדע שרעקליכע זאַך, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען, אלע שוידערליכקייטען און טויט־שרעקענישען, וועגען וועלכע מען רעדט אויף דער ערד, זענען א נאָר נישט לגבי דעם קלענסטען פּחד, וואָס ווארט אויפ'ן מענשען, ווי נאָר זיין בליק דערנעהנטערט זיך צו דעם ברעג פון יענעם אָב־גרונד, וועלכען קיינער האָט ניט דעם קוראזש אָנצורופען מיט א נאָמען."

אויף אלע, וואָס נעהען מיט טילטיל'ן, פאַלט אָן אַן אימה ביי די רייד פון דער נאַכט, און אלע בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל ניט עפענען די געהיימניספולע טהיר. נאָר טילטיל און טיללאָ, זיין הונד, פערליערען ניט דעם מוטה — און די שרעקליכע טהיר ווערט געעפענט. אָבער אַנשטאָט די אלע אויסגעטראַכטע שרע־קעגישען פון דער מוטער נאַכט, עפענט זיך פאַר'ן אויג דער רע־ליגיעזער גן־עדן אין זיין גאַנצען הימלישען צויבער:

„אַן אתענדליכער, אונאויסדריקליך שעהנער צויבער־גאָרטען פון טרוימען און נאַכטליכען שיין. צווישען שטערען און פּלאַנעטען פליהען ארום צויבערליכע בלאָהע פויגעל פון איין עדעלשטיין אויף דעם אַנדערן, פון איין לבנה־שטראַהל אויף דעם אַנדערן, בעלייב־

מענדיג אַלץ וואָס זיי בעריהרען. זיי שוועבען האַרמאָניש אונ אָהן און אויפהער ביז צו די ווייטעסטע ברעגען פון דעם האָריזאָנט. עס איז אַ שלל פון בלאָהע פויגלען, און עס דוכט זיך, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען דער אָטהעם, די הימעל־בלאָהע אַטמאָספעררע און דאָס לעבען גופא פון דעם צויבערליכען גאָרטען.״

ט י ל ט י ל שטעהט פערבלענדט, פערווירט, אין דעם שיין וואָס בעליכט דעם גאָרטען און שרייט:

„דאָס איז דאָך דער הימעל!... קומט אהער! אָט זענען זיי... זיי זענען דאָ... זיי זענען דאָ... זיי זענען דאָ! ענדליך האָבען מיר זיי... טויזענטער בלאָהע פויגעל, מיליאָנען... מיליאַרדען! שוין מעהר, איידער מען דאַרף...״ „מען קען זיי נעהמען מיט הוילע הענט״... „זעהט, זעהט: זיי עסען שטראַהלען, לבנה־שטראַהלען„

טילטיל, מיטיל און דער הונד טילאָ פאַנגען אַזוי פיעל פויגעל, וויפיעל זיי קאָנען נאָר פערטראָגען, און געהען אַרויס גליקליכע פונ׳ם גן־עדן.

געבליבען אַליין, געהען די נאַכט און די קאַץ און קוקען אריין מיט אנגסט אינ׳ם גאָרטען.

„ד י נ א כ ט: איהם אָבער האָבען זיי ניט געכאַפּט.

„ד י ק אַ ץ: ניין, ער איז דאָרטען, אויף דעם שטראַהל פון דער לבנה. זיי האָבען איהם ניט געקאָנט דערלאַנגען: ער איז געזעסען צו הויך.״

נו — און דער שלל בלאָהע פויגעל, וואָס די קינדער האָבען אַרויסגעטראָגען פון גאָרטען? — וואָס איז געוואָרען פון זיי? אָך! ווי נאָר מען האָט זיי אַרויסגעטראָגען דרויסען, זענען זיי געפאַלען טויטע.

דער סימבאָל פון דער סצענע איז צו קלאָר, איך זאָל איהם דאַרפען אויסטייטשען באריכות. די רעליגיע האָט אין זיך אַ סך „אַ ב ס אָ ל י ו ט ע אמת׳ן״: דער ים־סוף האָט זיך געשפּאָלטען, ווען די אידען זענען געגאַנגען פון מצרים — אַן אַבסאָליוטער אמת פאַר דעם גלויביגען אידען; די לבנה האָט זיך צובראָכען אויף צווייען און איז געגאַנגען הקפות אַרום דעם הייליגען קאַאַבאַ — אַן אַבסאָליוטער אמת פאַר דעם גלויביגען מאַהאָמעדאַנער. מיט תפילות און תעניתים קאָן מען איבערבעטען דעם צוצאָרנטען גאָט — אַן

אבסאָליוטער אמת פאר אלע גלויביגע קאָנפעסיאָנען. און נאָך טוי־זענדער און טויזענדער אנדערע „בלאָהע פויגעל", וואָס שפּייזען זיך פון נאכטליכע טרוימען, האט די רעליגיאָן פאר דעם מענשען — „שוין אביסעל מעהר, איידער מען דאַרף", ווי טילטיל בעמערקט גאַנץ ריכטיג. אָבער די אלע אבסאָליוטע אמת'ן, לעבען נאָר אזוי לאַנג, ווי מען געפינט זיך אין דער לאַזורנער אַטמאָספערע פון דעם רעליגיעזען גלויבען. קוים טראָגט איהר זיי ארוים אויף דעם שיין פון דעם מענשליכען שכל, אזוי ווערען ביי זיי אראָבגעהאַנגען די בלאָהע קעפּעלעך: עס געהט זיי אויס דער אָטהעם.

און פון דעסטוועגען האָט די רעליגיאָן, די ממשלה פון דער איבערנאַטירליכער וועלט, פון דעם גייסטיגען פּרינציפּ, וואָס בעֿ־הערשט דאָס גאַנצע זיין, אַ „בלאָהען פויגעל", אַן אבסאָליוטען אמת אין זיך. און ניט נאָר אין זיך גופא, נאָר אפשר, לפּחות, אַ פּונק פון איהם, — אין דעם רעליגיעזען טרוים פון דעם מענשען, אין יענע האלב ארויסגעשטאַמעלטע געדאַנקליכע פאַר־שפּיהרונגען (אויב מען קאָן זיך אזוי אויס־דריקען), וואָס געפינען זיך אין יעדער רעליגיאָן,— געדאַנקליכע פאַר־געפיהלען פון דעם הייליגען און דעם אונענדליכען, וואָס פערשווינדען ניט מיט דעם שטראָם פון דער צייט, וואָס געהען איבער פון דור צו דור, פון רעליגיעזען פּעריאָד צו רעליגיעזען פּעריאָד און מאַכען די רעליגיע פאר אַן אייביגען צווייג פון דער מענשליכער קולטור. אָבער יענער אבסאָליוטער אמת זיצט צו הויך און צו ווייט „אויף אַ שטראַהל פון דער לבנה" — און דער מענש־ליכער שכל, אפילו דער רעליגיעזער, קאָן קיין מאָל ניט ווערען דער אויבערהאַרר איבער איהם.

אָבער אויב דער וועג פון דעם רעליגיעזען גלויבען און פאַרשען קאָן אונז ניט פיהרען צו דעם אבסאָליוטען אמת אין דער דערקענט־ניס פון דעם העכסטען גוט, — זאָלען מיר אפשר אַ פּרוב טהאָן אונזער מזל אין דער אויספאָרשונג פון דער נאַטור? די וועלט איז דאָך סוף־כל־סוף די נאַטור און דעריבער מוז דער תוך פון דער וועלט ליגען ערגעץ וואו פערבאָרגען אין איהר. די מענשהייט, איינגעמאַטערט פון דעם צאַפּלען זיך אין די נעצען פון דעם רעליגיעזען דענקען, הונגעריג געבליבען נאָך דער רייכער סעודה פון לבנה־שטראַהלען, מיט וועלכע זי האָט זיך גע־

שפּייזט, ווענדט אָב איהרע בליקען פון דעם הימעל צו דער ערד, פון דעם איבערנאַטירליכען זיין צו דעם זיין, וואָס מיר בענעהמען מיט אונזערע חושים, צו דעם זיין פון דער נאַטור. דאָס איז געשעהן אין יענער צייט נאָך דעם מיטעלאַלטער, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען דעם נאָמען: די ווידערגעבורטס־צייט, די רענעסאַנס, — טילטיל געהט זוכען דעם „בלאָהען פויגעל״ אין דעם וואַלד.

דער וואַלד איז דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס איז פער׳סוד׳עט אין דער נאַטור, און גאַנץ פּאַסיג האָט דער ערשטער גרויסער דענ־קער, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער רענעסאַנס־צייט, ווי איהר אַבשלום און בעסטע פרוכט, אין דערזעלביגער צייט ווי דער אָנהויב פון דעם נייען פּעריאָד אין דעם מענשליכען גדאַנק, — גאַנץ פּאַסיג, זאָג איך, האָט פרענסים בעקאָן, דער פאָטער פון אונזער מאָדערנער נאַטורוויסענשאַפט, דעם נאַטורוויסענשאַפטליכען טהייל פון זיין הויפּט־ווערק אַ נאָמען געגעבען „סילוואַ סילוואַרום״ — „אַ וואַלד פון וועלדער״. וואָס ווייטער מיר דרינגען אַריין אין די טיעֿ־פעניסען פון דעם וואַלד, אַלץ ערנסטער און שטומער קוקט אונז אַנטקעגען זיין אייביגער שווייגען.

אונזער סטודיום פון דער נאַטור איז ניט נאָר אַ טהעאָרעטי־שער, ער איז אויך אַ פּראַקטישער, און אויף דעם געביעט פון דעם פּראַקטישען לעבען, אין דעם קאַמפּף פאַר דער הערשאַפט איבער די נאַטירליכע כחות האָט דער מענש געוואונען ניט איין נצחון, און די כראָניק פון זיינע טריאומפען אויף דעם פעלד פון נאַטורוויסענ־שאַפט און טעכניק וואַקסט — קיין עין־הרע — פון טאָג צו טאָג. אָבער צוריק — וויפיעל נקמה דערלעבט דאָס די נאַטור אָן אונז, פון דעם קליינעם מיקראָב אָן, ביז צו דעם הויכען סאָסנע בוים, וואָס גיט אונז מיט שמחה די פיער ברעטלעך פאַר אונזער קבר.

אין דער נאַטור ליעגט בעהאַלטען דער אַבסאָליוטער אמת, אָבער — ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דער קאַמפּף פון דעם מענשען אַנטקעגען דער טבע, ווי זיכער עס זאָל ניט זיין סוף־כל־סוף זיין נצחון איבער דעם וואַלד, — דעם „בלאָהען פויגעל״ פון דעם וואַלד ברענגט ער ניט פון דאָרטען אַהיים.

דאָס איז דער קורצער געדאַנקליכער אינהאַלט פון יענע סימ־באָלען, וואָס ווערען פאָרגעפיהרט אין דער סצענע פון וואַלד, ווען אַלע קרעפטען פון דער לעבעדיגער נאַטור ווערען אויפגערודערט צום קאַמפף אַנטקעגען דעם מענשען, וואָס איז געקומען צו זיי נאָך דעם „בלאָהען פויגעל".

דער שטרייט מיט דעם מענשען ווערט אָנגעפיהרט פון אַ דעמב, דעם אַלטען הערשער פון וואַלד. „דער דעמב איז אַן אַלטער זקן. דער קאָפּ איז בעדעקט מיט אַ קרוין פון וויסק־בלעטער. ער טראָגט אַ לאַנגען, גרינעם מאַנטעל מיט אַ זוים פון מאָך. ער איז בלינד; זיין ווייסע באָרד שוועבט דורך דעם ווינד. מיט איין האַנד שטיצט ער זיך אויף אַ גראָבען, געדרעהטען שטעקען און מיט דער אַנדערער אויף אַ יונגען דעמבענעם בוימדעל, וואָס דיענט איהם ווי אַ פיהרער. דער בלאָהער פויגעל שטעהט ביי איהם אויפ'ן אַקסעל."

איך וועל איך דאָ ניט אויפהאַלטען מיט די איינצעלנע שעהנע מאָמענטען, וואָס געפינען זיך אין דעם אַקט פון דעם וואַלד. פאַר מיר איז וויכטיג דער הויפּט־סימבאָל — און ער קאָן געצייכענט ווערן מיט אַ פּאָר שטריכען.

אויפגערודערט אַנטקעגען דעם מענשען ווערען אויך דאָ די פיינדליכע מעכט אַ דאַנק דער מסירה פון דער קאַץ. דאָס לעבען פון טילטיל און זיין שוועסטערל שטעהט אין ערנסטער געפאַהר, וויי״ל יעדער בוים און יעדע חיה וויל נקמה נעהמען פון די קינדער פאַר אַל דאָס בייז וואָס דער מענש האָט אָנגעטהאָן זייער מין. בראַוו און מוטהיג האַלט זיך טילטיל, מיט מסירת נפש פאַר איהם קעמפפט זיין טרייער הונד און — וואָלט ניט די נשמה פון ליכטיגקייט געקו־מען צו הילף, וואָלט אפשר שוין געוועזען אַ סוף צו טילטיל'ן. ער קאָן זיין צופריעדען וואָס ער איז אַרויס אַ גאַנצער מיט'ן לעבען. דעם „בלאָהען פויגעל" האָט ער ניט געקאָנט קריגען: אויף דעם וועג פון נאַטור־וויסענשאַפט דערגרייכען מיר ניט דעם אַבסאָליוטען אמת.

די פּאָר סימבאָלען, וואָס זיינען אונז נאָך געבליבען קאָנען מיר בעשפּרעכען גאַנץ קורץ. דער גרונד־געדאַנק — האָף איך — איז שוין אונז געוואָרען קלאָר און מיר נויטיגען זיך מעהר ניט אין קיין בעווייזען צוליעב איהם.

נאָך דעם וואַלד געהען די קינדער אויפ'ן בית־עולם צו די

מתים, טאָמער האָט איינער פון זיי בעהאַלטען דעם פויגעל ביי זיך אין קבר. אָבער דאָרטען קאָן דער „בלאָהער פויגעל" זיך ניט געפי־נען. מיר ווייסען שוין: „ס'איז ניטאָ קיין מתים".

און איצטער, ווען די פערגאַנגענהייט און די געגענוואַרט איז שוין אויסגעפאָרשט געוואָרען, בלייבט נאָר איין ממשלה, וואו צו זוכען דעם „בלאָהען פויגעל" — אין דער צוקונפט. אויב מיר קאָנען איצטער דעם אבסאָליוטען אמת ניט געפינען, לאָמיר ווענינגסטענס לעבען מיט דער האָפנונג, אז ער וועט זיך פאַר אונזערע אייניקלעך אָדער אור־אור־אייניקלעך אין א וויפיעל'סטען גליעד אנטפּלע־קען אין זיין גאַנצער פּראַכט. אָבער אויך די האָפענונג רויבט פון אונז מעטערלינק אוועק מיט זיין „בלאָהען פויגעל"... און אָט דעם טרויעריגען רעזולטאַט דערצעהלט ער אונז אין א קאַפּיטעל פון זיין ווערק, וואו פון יעדער שורה שפּריצט אזוי פיעל גלויבען אין דעם לעבען און אין דער צוקונפט פון דער מענשהייט. אין דער שילדע־רונג פון דער ממשלה פון דער „צוקונפט" דערגרייכט מעטערלינק'ס אָפּטימיזם זיין גרעסטע הויך. עס איז דער קלימאַקס פון זיין שיר השירים.

די סצענע שפּיעלט זיך אָב אין א לאַזורנעם פּאַלאַץ, וואו עס וואַרטען די קינדער, וואָס דאַרפען ערשט געבוירען ווערען. דאָרטען גרייטען זיך צו צו זייער קינפטיגען לעבען אויף די גרויסע העלדען פון דער מענשהייט, די בויער פון זיין צוקינפטיגער קולטור. און וואָס פאַר א שעהנע זאַכען זיי בויען דאָרטען פאַר אונז, וואָס פאַר א מתנות זיי ווילען דאָס ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט!

מיר האָבען שוין געזעהן, אז איינער דאַרף ערפינדען דאָס, וואָס וועט מאַכען גליקליך דעם מענשען. איינער האָט אָנגעגרייט עפּעס אויף צו פערלענגערן דאָס לעבען און נאָך איינער, קאָן זיין, וועט אפשר אין גאַנצען בעפרייען די מענשהייט פון טויט. דער האָט אויסגעטראַכט א נייעם קוואַל פון דער שעהנסטער בעלייכטונג; יענער ווייס, ווי אזוי צו בעקומען ריינע פרייד דורך געדאַנקען. נאָר ניט קיין איבעריגע זאַך איז אויך דער נייער מין פייער, מיט וועלכען איינער וויל דערוואַרעמען די ערד, ווען זי וועט שוין ווערען קאַלט... אמת, עס וועט נאָך געדויערען אביסעל ביז די ערד־קינדער וועלען זיך נויטיגען אין איהם; אָבער פאַר וואָס זאָל ניט זיין פערוואָהרענט

לכתחילה, אַז ווען מען וועט דאַרפען דעם פייער, וועט ער איהם שוין ברענגען, דער לאַזורנער אינגעלע פון דער צוקונפט'ס ממשלה, וועל־כע ווערט בעהערשט דורך די בעפעהלען פון דעם לעבען. און איינער וועט נאָר אין גאַנצען מבטל זיין דעם אונרעכט צווישען מענשען. אָבער — ווען? כ'לעבען, דאָס האָט געמאַנט זיין אַביסעל פריהער, איידער אונזער „אַלטעטשקע"־ערד וועט דאַרפען זיצען ביים קאַמין און זיך וואַרעמען די הענד פאַר אַ קינסטליכען פייער.

אָבער דער „ווען" איז אַן אייביגע געהיימניס. די צייט ריכט אויס די קינדער אויף דער וועלט דורך דער פאַרט פון דער מאָרגען־רויט און זי, די צייט, ווייס שוין וואָס זי טהוט. קומט די צייט צו געהן אויף דער וועלט, העלפט ניט קיין טענות ומענות. מען מוז געהן, אַקוראַט ווי שפעטער, ווען מען וועט דאַרפען צוריק. אָט, צ. ב., ווי די צייט „באַלעבאַטעוועט", בעת זי ריכט אויס דעם טעגליכען טראַנספאָרט אויף דער ערד.

„ד י צ י י ט: איינציגוויז! איינציגוויז!... ווידער געקומען מעהר, איידער מען דאַרף... אייביג דיזעלביגע מעשה. מיך זועט איהר ניט אָבנאַרען (שטופט איינעם אָב צוריק). ניט דיין צייט... און אויך ניט דיינע. געה און קום צוריק ערשט אין צעהן יאָהר אַרום. אַ דרייצעהנטער פאַסטוך. מען דאַרף ניט מעהר ווי צוועלף. זיי זענען סתם שוין איבעריג: מיר לעבען ניט אין טעאַקריט'ס צייטען אָדער ווערגיל'ס... ווידער דאָקטוירים! עס איז שוין אָהן אייך גענוג מעדיקער אויף דער וועלט. אַלע בעקלאָגען זיך... און וואו זיינען די אינזשעניערען? מען פאָדערט אויך אַן עהרליכען מענשען, נאָר איי־נעם, ווי אַן אויסנאַהם.... איז וואו איז דער עהרליכער מענש? דאָס ביזטו? (דאָס אינגעל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יע".) שוין נאָר אַ צרה'דיגער אויסזעהן ביי דיר... העי, דאָרטען, זייט אַביסעל שטילער, כאַפּט נישט!... און דו — וואָס פיהרסטו מיט זיך. נאַרנישט? ווילסט דורכגעהן מיט לעדיגע הענד... אַז אסור! גרייט עפּעס אָן; עפּעס אַ גרויסען פערברעך אָדער אַ חלאת, — אַלץ איינס, דער עיקר עס זאָל עפּעס זיין. (בעמערקט אַ אינגעל, וועלכען מען שטופט פאָראויס און ער שפּאַרט זיך איין מיט אַלע כחות.) וואָס איז דאָס אַזוינס? דו ווייסט דאָך, אַז דיין צייט איז געקומען... מען דאַרף האָבען אַ העלד

וואָס זאָל בעזיעגען די אונגערעכטיגקייט. דאָס ביזטו דאָך — איז צעה!

„די לאַזורנע קינדער: ער וויל ניט...

„די צייט: וואָס הייסט ער וויל ניט? וואָס טראַכט ער זיך, דער קליינער מפיל? אָהן טענות! ניטאָ קיין צייט.

„דאָס איינגעלע (שפּאַרט זיך איין): איך וויל ניט, בעסער גאָר ניט געבוירען ווערען. איך׳ל בלייבען דאָ.

„די צייט: קיינער פרעגט ביי דיר ניט. קומט די צייט, דאַרף מען געהן — און אַ סוף מיט אַן עק. גיכער! גיכער!“

געוויס, פאַראַן אויך דאָרטען קינדערלעך, וואָס האַלטען פון דעם אַלטען אידישען כלל, אז נח לו לאדם שלא נברא משנברא, בעסער פאר דעם מענשען ניט געבוירען צו ווערען, איידער געבוירען צו ווערען. משמעות, אַז פון זיי שטאַמט דאָס דער פעסימיזם אויף דער וועלט. אָבער זיי זיינען דאָרטען אַקוראַט אַזוי ווייניג ווי דאָ. און אויך דאָרטען האָבען זיי ניט קיין ברעקעל ברירה. די צייט איז אונ׳ברחמנות׳דיג און אויף אַלע טענות ענטפערט זי: „ניט מיין דאגה! געהט ברענגט אייערע קלאָגעס צו דעם לעבען. איך בינה צונויף און שייד פאַנאַנדער, נאָר ווי דאָס לעבען בעפעהלט.“ דאָס רוב אָבער ווילען אַלע געבוירען ווערן, וועמעס צייט עס איז שוין געקומען. מען האָט אפילו געכאַפּט איינעם, וואָס האָט זיך שוין צום דריטען מאָל געוואָלט דורכ׳גנב׳ענען פאר דער צייט... און אַז דער אָקרעגט מיט די קינדער שווימט אַוועק אויף די וואָלקענס פון דער מאָרגענרויט און די קינדער דערזעהען די ערד, דערהויבען זיך פריידיגע געשרייען: „די ערד! די ערד! איך זעה זי. ווי שעהן זי איז! וואָס פאר אַ ליכטיגע! וואָס פאר אַ גרויסע!“ און זיי אַנט־קעגען טראָגט זיך אַ געזאַנג פון די מוטערס, פול מיט פרייד און ערוואַרטונג.

איז אין דער ממשלה פון דער צוקונפט פאַראַן אַ „בלאָהער פויגעל“? אודאי! און געכאַפּט האָט מען איהם אויך: ניט קיין אַנדערער, ווי די נשמה פון דעם ליכטיגען שיין בכבודה ובעצמה. אָבער — וואָס איז געוועזען דער רעזולטאַט? עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז ניט קיין אמת׳ער: ער האָט באַלד געביטען זיין פאַרב, ער איז געוואָרען רויז...

וואָס איז דער נמשל פון דעם משל? — גאָר אַ פּשוט'ער נמשל. ווען מיר פאַנטאַזירען וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט, גלויבען מיר, אַז ער וועט ווען עס איז געפינען דעם אבסאָליוטען אמת. אָבער — מיר מעגען ווי שטאַרק גלויבען אין דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל — איז דאָס נאָר אַ ראָזעווע, מיט קיין זאַך נים איינגעפונדעוועטע האָפנונג און — ניט מעהר!

אָבער נאָך אַן אַנדערער, שוין אביסעל אַ טיעפערער, געדאַנק שטעקט אין דעם זעלביגען סימבאָל. ווי אָפט זאָגען מיר נביאות וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט און ווי אָפט שמועסען מיר זיך איין, אַז די נביאות זיינען אויפגעבויט אויף דעם פעסטעסטען גרונד פון דער פּינקטליכסטער וויסענשאַפט. אָבער די אַלע נביאות, מיט דעם „אייזערנעם גאַנג פון דער נאַטירליכער ענטוויקעלונג", אויף וועלכען זיי זיינען געבויט, זיינען אין תוך אריין, ווען מען בע־לייכט זיי מיט דעם העלען שיין פון דעם קריטישען געדאַנק, ניט קיין „בלאָהער" אמת פון דער פּינקטליכער וויסענשאַפט, נאָר אַ „ראָזעווער" חלום פון דער צוגליהטער פאַנטאַזיע — און דעם גלוי־בען אין דעם מענשען...

דער סך־הכל פון טילטיל'ס זוכען איז, ווי איהר זעהט, גאָר ניט קיין געראָטענער. „ניטאָ ביי מיר דער „בלאָהער פויגעל", בעקלאָגט ער זיך צום סוף פון דער נסיעה. „דער פון דעם עראינערונג־לאַנד איז געוואָרען שוואַרץ; דער פון דער צוקונפט איז געוואָרען רויז; די פויגעלעך פון דער נאַכט זיינען טויט, און דעם פויגעל פון דעם וואַלד האָב איך ניט געקאָנט פאַנגען. בין איך דען שולדיג, וואָס זיי בייטען די פאַרב, אָדער שטאַרבען, אָדער גליטשען זיך ארויס פון די הענד? וועט די פעע ניט זיין אין כעס? וואָס וועט זי זאָגען?"

„מיר האָבען געטהאָן אַליז, וואָס מיר האָבען געקאָנט", טרויסט איהם דער ליכטיגער שיין. „ס'קאָן זיין, עס איז גאָר ניטאָ קיין בלאָ־הער פויגעל און אפשר בייט ער זיין פאַרב, ווי נאָר מען זעצט איהם אריין אין שטייגעל."

אויב איך האָב געטראָפען מיט מיין סברה, אַז די פעע איז די מעטאַפיזיק, ווייס איך גאַנץ גוט, וואָס זי וועט זאָגען. פאַר איהר זיינען דאָס ניט קיין תירוצים. זי דאַרף האָבען דעם אמת'ן „בלאָהען פויגעל" און דוקא אין שטייגעל. זי וועט זיין אין כעס אויף זיך

אליין, וואס זי האט געשיקט די קינדער דורך אזא פשוט'ען וועג ווי — געהן דורכ'ן פענסטער. געדארפט האט מען גאנץ בעשטימט קריבען דורכ'ן קוימען, און אן אנדערס מאל וועט זי גאנץ געוויס לאזען אויספרובען דעם ריכטיגען וועג... אבער איך וואלט איהר געגעבען אזא'ן עצה. לאז זי אויסקלויבען די צייט און דעם וועג, וואס זענען שוין מיט אזוי פיעל מזל אויסגעפרובט געווארען אין די אידישע פאלקס־מעשה'לעך: זאל זי אבווארטען, ביז שבת־צונאכט וועט אויספאלען אם מיטוואך נאך האלבען טאג און לאז זי לאזען די קינדער זיך גליטשען אויף א לונג־און־לעבער'ל פון א ניסעל, אויף וועלכען די בעריהמטע דריי לעבעדיגע מתים האבען זיך געגליטשט, און יעמאלט קאן זי זיין זיכער, אז זיי וועלען זיך שנעל דערגליטשען ביז צו דעם אמת'ן „בלאהען פויגעל“.

אבער אונזערע עצות דערגעהען שוין ניט צו דער צויבערפעע... אין דעם לעצטען אקט האבען זיך די קינדער אויפגעכאפט ביי זיך אין דער היים און דא דערמאנט זיך טילטיל אן זיין טורטעל־טויב, וואס הענגט ביי איהם אין שטיינעל:

„זעה, זעה!“ — ווערט ער פול מיט התפעלות. „ער איז בלאה! דאס איז דאך מיין טייבעלע... אבער זי איז איצטער א סך בלאהער, איידער פריהער, ווען איך בין אוועקגעגאנגען... זעה, דאס איז דאך דער „בלאהער פויגעל“, וואס מיר האבען איהם געזוכט. מיר זיינען אזוי וויט געגאנגען נאך איהם און ער איז גאר דא... אט איז דיר א מעשה!“ אויך די צויבערהאפטע פעע בעריליונא ווערט צוריק פערוואנדעלט אין דער פשוט'ער אלטעמשקער, דער פויערטע בערלענגא, מיט איהר לעבעדיגער אבער קראנקער אייניקעל, וואס נעהמט פאהנוט דעם ניט גאר „בלאהען“ היימישען פויגעל פון טילטיל'ס שטיינעל: זי איז צופריעדען מיט יענע אמת'ן, וואס דער מענש ברענגט ארויס פאר זיינע לעבענס־נויטען, וועלכען אויך טילטיל האט גענומען גאר אנדערש שעצען, נאך די נסיונות פון זיין רייזע. אמת, אויך אט דער פויגעל האט זיך ארויסגעריסען פון די קינדער'ס הענד. און דאס טרעפט זיך מיט דעם מענשען גאנץ אפט. עס זיינען דא גענוג צייטען, ווען דער איינצעל־מענש אדער אפילו א גאנצער דור, פערליערט דעם מענשליכען אמת פון אויג. אבער שטארק טרויערען וועגען דעם זאלען מיר ניט: טילטיל איז גערעכט. „נישקשה, ניט

ווייז", זאָגט ער, „איך וועל איהם שוין כאַפּען", — ווייל אָהן אַן אמת קאָן דער מענש ניט לעבען.

מיר זיינען איצטער ביים סוף פון דער מעשה'לע. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט זיך נאָך אַביסעל מעהר אָבשטעלען אויף דעם סימבאָל פון דער קאַץ, דער אינטריגערישער מסור'טע, דעם פּיינה פון דעם פרייען געדאַנק, דעם פערבינדעטען פון דער נאַכט, וואָס איהם לאָזט מעטערלינק ארויסגעהן אין דער מאַסקע פון אַ פראַנ־צויזישען דיפּלאָמאַט; אויף דעם סימבאָל פון דעם טרייען בולדאָג, וועלכען ער לאָזט אויסזעהן ווי דעם ענגלישען דזשאָהן בולל אין דער מאָדערנער קאַריקאַטור; אויף דעם סימבאָל פון דעם באַלעבאַטישען, דורך־און־דורך בורזשואַזען ברויט; אויף דעם זיסען, ט ו נ ע ג ד־ ה א פ ט ע ן צוקער, וואָס ברעכט אָב זיינע צוקער־פינגער פאַר דעם מענש, — שוין אַ צו זיסע פיגור, וואָס שמעקט מיט לאַקרעץ פון די טאָג־טעגליכע מאָראַל־פּרעדיגטען, — אָבער — לאָמיר דאָס אַלץ לאָזען אָן אַ זייט. לאָמיר ניט פערגעסען, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, — אַז די בלאָה־אויגינע קינדער־מעשה'לע מעטערלינק'ס איז ניט קיין פילאָסאָפישע אַלעגאָריע, נאָר אַ פילאָסאָפישער ס י מ ב אָ ל, און עס איז גענוג, אַז מען קאָן ארויסברענגען זיין גרונד־געדאַנק.

און דער גרונד־געדאַנק איז: דער אַבסאָלוטער אמת, נאָך וועלכען עס יאָגט זיך דער מעטאַפיזישער געדאַנק, איז ניט פאַר דעם מענשענ'ס כחות. לאָמיר זיך צופריעדען־שטעלען מיט יענעם אמת, וואָס קאָן בעשאַפען ווערען פון דעם מענשען, ווייל קיין אַנדערן האָט מען פאַר אונז ניט אָנגענרייט. און דער מ ע נ ש ל י כ ע ר איז גענוג, כדי אויף איהם צו בויען דעם מענשענ'ס גליק.

הייסט דאָס, אָבער, אַז מיר זאָלען זיך אין גאַנצען אָבזאָגען צו פערלאָזען די ג ע ז ע ה ע נ ע וועלט פון די חושים און זיך נאָר ניט אריינלאָזען אין די געטראַכטע וועלט פון דעם מענשליכען שכל? ניין, דאָס איז נאָך דערפון ניט געדרונגען. דער מענש מוז זוכען דעם אמת און פון זיין הארצען קאָן מען קיין מאָל ניט אויס־וואָרצלען דעם גלויבען, אַז ער געהט זוכען ניט דעם שאָטען פון זיין איינענער נאַטור, נאָר די צענטראַל־זון פון דער אייביגער וועלט; און אַז דאָס וואָס ער האָט געפונען, איז ניט אַ דמיון פון אַ וועלט־אמת, נאָר דער „אייביגער בלאָהער פויגעל" אין זיין גאַנצען אייביג

אונפערענדערליכען אמת. דאָס איז אן אילוזיע פון דעם מענשענ'ס שכל'דיגען אויג, אָבער א נויטווענדיגע אילוזיע, פון וועלכער ער קאָן זיך ניט בעפרייען.

און אלע מאָל, ווען מיר פאַלען אריין אין דער מאכט פון דער אילוזיע, דארפען מיר ניט פערגעסען, אז אלץ, וואָס דער מענשלי־כער שכל ברענגט ארויס איז פאָרט ניט קיין אנדער זאך, ווי א פראָדוקט פון דעם מענשליכען שכל, וואָס קאָן זיך בשום אופן ניט ארויסרייסען פון יענע גרענעצען, וואָס זיינען ארומגעציר־קעלט געוואָרען ארום זיין נאטור.

מיר דארפען, סוף־כל־סוף, ניט קוקען פון אויבען אראָב אויף די מעטאפיזישע אילוזיעס.זיי זיינען אקוראט אזוי נויטיג פאר'ן שכל, ווי די אילוזיעס פון פארבען פאר'ן אויג. מיר דארפען נאָר פערשטעהן זייער טבע און זייער גרענעץ.

און אונטער דער שליטה פון דער דאָזיגער אילוזיע, וועלען מיר נאָך ניט איין מאָל געהן זוכען דעם „בלאָהען פויגעל" אי אין דעם לאנד פון דער ערינערונג, אי אין דער ממשלה פון דער נאכט, אי אין דעם געדיכטען וואלד פון דער נאטור, אי אין דעם לאַזורנעם לאנד פון דער צוקונפט, — און אפילו ביי די מתים אין די קברים וועלען מיר זיך גראָבען און איבערטרייסלען ביי זיי אלע טאשען. און אויב מען וועט דארפען, וועלען מיר קריכען דורכ'ן קוימען; און אויב עס וועט ניט זיין קיין אנדער ברירה, וועלען מיר שבת'ע־נאכט נאָך האלבען טאָג זיך גליטשען אויף א לונג־און־לעבער'ל פון א ניסעל... אָבער אין אלע אָט די מאָמענטען טאָרען מיר ניט פערגע־סען, אז מיר געהען בעפריעדיגען א מענשליכע בעדערפעניס און אז מיר דארפען ברענגען אהיים עפעס אזוינס, וואָס זאָל העלפען דעם מענשען אין זיין לעבען אויף דער וועלט.

מעטערלינק איז געגאנגען זוכען דעם „בלאָהען פויגעל" און האָט אונז געבראכט א „בלאָהען פויגעל", — ניט דעם אבסאָליוטען אמת, ניט דעם סימבאָל מיין איך איצטער, נאָר דאָס שטיק ווירק־ליכע פאָעזיע, וואָס ווערט געשפיעלט אויף דער סצענע. אן אויסנום פון לויטערען לעבענס־פרייד, איז דאָס געבוים אויף א צניעות'דיגער פילאָזאָפישער שטימונג. די זילבערנע שטים מעטערלינק'ס קלינגט נאָך דערוויילע איינזאַם אין דער מאָדערנער ליטעראטור, וואו עס

הערשען נאָך דאָס רוב די טיפע שאָטענס פון׳ם פעסימיזם. אָבער מעטערלינק געהערט צו די גייסטער, וואָס קאָנען זיך אויפהויבען הויך, גאַר הויך, כמעט ווי אויף א שטראַהל פון דער לבנה. איהם איז גרינגער איידער א סך אנדערע צו בעמערקען, אז די זון-פינס־טערניס איז שוין פערביי, און צו בענריסען די בעפרייטע זון. זיין שטים וועט אויפוועקען די אנדערע, וואָס שווייגען נאָך, בעקלעמט פון די פינסטערע שאָטענס.

איוב, א פאעמא פון דעם אידישען
פרייען געדאנק

איוב, א פאעמא פון דעם אידישען פרייען געדאנק

חברים און פריינד!

„איש היה בארץ עוץ; איוב שמו": „געוועזן א מאן אין דעם לאנד עוץ; איוב איז זיין נאמען", — אזוי הויבט זיך אן אלטער־אלטער ספר, וואס בעשרייבט אן אינטערעסאנטען עפּיזאד אין דעם לעבען פון „א מאן — איוב". וועגען דעם ספר און יענעם עפּיזאד ווילען מיר זיך א ביסעל דורכשמועסען היינטיגען אוונד.

האט געלעבט ווען עס איז א מאן איוב און מיט ווי לאנג צוריק? ווי אלט איז דער ספר?

אויף די פראגען קאן מען מיט פאלשטענדיגער זיכערקייט איצטער געבען אן ענטפער נאר וועגען איוב'ס פערזאן און זיין לעבען. אז ווען עס איז אין דער גראה־אלטער צייט האט וואו עס איז געלעבט א מאן מיט דעם נאמען „איוב", — דאס אבצולייקענען האט קיין מענשליכער שכל קיין רעכט ניט; אבער אז דער עפּיזאד פון זיין לעבען, — מיט די אלע וואונדערליכע געשעהעניסען, וועלכע ווערען דערצעהלט אין דעם הייליגען בוך, וואס טראגט זיין נאמען, — האט קיינמאל ניט געקאנט פאסירען, — אין דעריגען איז קיין בר־דעת ניט מסופק. אפילו אונזער תלמוד, וואס ווערט אסור ניט נתפעל פון איבערנאטירליכע פאסירונגען און נעהמט זיי אויף אזוי פשוט, אקוראט ווי זיי וואלטען געווען אבסאלוט בעגלויביגטע וויסענשאפטליכע פאקטען, ווייס אויך גאנץ גוט, אז „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל הוא" — איוב איז קיינמאל ניט געוועזן. דאס בוך וועגען איהם איז נאר א מאראלישע פאעמע, געשריבען מיט דעם צוועק ארויסצוברענגען א טיעפען מוסר השכל.

דערפאר איז שוין ניט אזוי גרינג צו פערענטפערן די אנדערע פראגע: וועגען דעם עלטער פון דער פאעטישער שריפט איוב. סיי די אלטע לעגענדע, סיי די איצטיגע וויסענשאפטליכע פאר־

שונג האָבען נים געקאָנט קומען צו א וועלכער עס איז פּאָזיטיווער, איין־איינציגער מיינונג.

איין לעגענדע לאָזט איוב'ן לעבען אין די צייטען פון אברהם אבינו און — אויב איך מאך נים קיין טעות — לאָזט זי אברהם אבינו זיין דער מחבר פון דעם בוך. אן אנדער לעגענדע — אין אן אנמערקונג צו דער גריכישער איבערזעצונג פון די „שבעים זקנים" — וויל האָבען, אז איוב איז דיזעלביגע פּערזאָן, וואָס דער מלך פון אדום יובב בן זרח פון בצרה; הייסט עס אן אור־אייניקעל אין פינפטען גליעד פון אברהם'ען. לויט נאָך איינער, האָט ער געלעבט אין משה'ס צייטען, און איז גאָר געוועזן א יועץ ביי דעם יעמאָלטדיגען פּרעה מלך מצרים, און משה איז געוועזן דער מחבר פון דעם ספר. אנדערע גיעבען פאר איהם אנדערע צייט־פּונקטען אן און עס זיינען דאָ אין דער תלמודישער ליטעראַטור אויך אזעלכע טראַדיציעס, וואָס לאָזען איוב'ן ארויסגעהן מיט די אידען פון גלות בבל, אדער שטעלען אוועק זיין לעבען אין די ערשטע דורות פון די תנאים, — און אין יענער צייט ווערט אויך פערזעצט די פערפאַסונג פון דער שריפט.

פון אברהם אבינו ביז צו די תנאים, אזוי גרוים איז דער מהלך צייט, וואָס מען קאָן ערגעץ וואו צווישען זיינע גרעניצען ארייננשטעלען, לויט דער לעגענדע, איוב'ס לעבען אדער די בעשאַפונג פון דעם פּאָעטישען ווערק.

געווים, בעוועגט זיך די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג וועגען דעם בוך „איוב" אין א סך ענגערע און ממילא בעשטימטערע גרעניצען. אָבער אויך דאָ הערשען נאָך געוואַלטיגע חלוקי דעות; און וואַרפט מען אפילו אראָב פון חשבון די עלטערע מיינונגען, ביי וועמען עס איז נאָך רעכט געווען, אז אזא ווערק, ווי איוב, זאָל קאָנען געשריעבען זיין אין שלמה המלך'ס צייטען, אדער אין די צייטען פאר די ערשטע גרויסע נביאים, בלייבען נאָך גענוג ספסוכים, גענוג ארגומענטען און השערות, וואָס דערלויבען דעם איינעם אדער דעם אנדערן פאָרשער אויסצוקלייבען א פאַסיגע צייט צווישען דעם זעקסטען און דעם צווייטען יאָהרהונדערט פאר קריסטום, — א משך פון גאַנצע פיער הונדערט יאָהר! — דאָס רוב געלערנטע, — אזוי רעכען איך — וועלען כסתמא איינשטימען

מיט דער כראָנאָלאָגיע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין קויטצש'ס קריטישער איבערזעצונג פון דער היילינער שריפט, און וואָס זעהט אין די לעצטע צעהן יאָהר פון דעם פערטען יאָהרהונדערט די גע־בורטס־צייט פון אונזער פּאָעמע.

אָבער אויך די, וואָס רוקען אַראָב די דאָזיגע צייט ביז אין דעם צווייטען יאָהרהונדערט פון אונזער צייט־רעכענונג, ווילען דערמיט בשום אופן ניט זאָגען, אז די גאַנצע לעגענדע וועגען איוב'ן איז געבאָרען געוואָרען לפי ערך אַזוי שפּעט. בעל־פּה — דערצעהלונגען וועגען אַ מאַן איוב, וואָס האָט געהאַט בייצושטעהן אַ גרויסען נסיון און האָט געשליידערט ביטערע טענות אַנטקעגען גאָט אָדער די געטער, האָבען געמוזט ארומקרייזען אין פאָלק שוין אפשר פון די עלטעסטע צייטען אָן. וועניגסטענס האָט די לעגענדע וועגען איוב'ן געמוזט זיין בעקאַנט אַ סך פאַר יחזקאל'ן, ווייל מיר געפינען ביי איהם דערמאָהנט דעם נאָמען איוב, אין איינעם מיט די נעמען נח און דניאל, ווי ביישפּיעלען פון גערעכטע מענשען. ס'איז אויך מעגליך, אז אין אַ צייט, וואָס איז איצטער אַזוי שווער צו בעשטימען, האָט אַ מחבר אויסגעאַרבייט אַ פּראָזאַאיש ווערק, אויף דעם גרונד פון די דאָזיגע פאָלקס־טראַדיציעס, און עס קאָן גרייליך זיין, אז יענע פּראָזאַאישע טיילען, וואָס מיר האָבען נאָך איצטער אין דער שריפט און וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די אַזוי אָנגערופענע ר ע ה ם פון דער דיכטונג, שטאַמען נאָך פון יענעם פריהערדיגען פּראָזאַאישען חבור, ווען אפילו זיי זיינען שטאַרק פערענדערט געוואָרען פון דעם אינגערען דיכטער.

ביי דער פראַגע, ווען איז בעשאַפען געוואָרען די פּאָעמע איוב, האָט מען אין זין יענע פּאָעטישע טיילען זיינע, וואָס שיל־דערען אונז דעם וכוח צווישען איהם און זיינע פריינד וועגען די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון דעם מענשענ'ס לעבען אויף דער וועלט. נאָר וועגען די טיילען קומט דאָס פּאָר דער גרויסער סכסוך צווישען די געלערנטע פאָרשער. כמעט אַלע זיינען זיי איינס אין דעם, אז דער פּאָעטישער טעקסט, וואָס געפינט זיך איצטער אין אונזערע הענד, איז ניט דערגאַנגען אָהן ענדערונגען צו אונז. איי־ניגע שטעלען זיינען אַזוי פערדאָרבען, אז קיין פּירוש קאָן ניט אַרויסברענגען פון זיי קיין וועלכען עס איז בעפריעדיגענדען זין:

סיידען מען זאָל זיך אַ לאָז טהאָן שווימען אין דעם אונבעגרעניצ־טען ים פון פשט׳לעך, פּלפּולים, און השערות וועגען אַן אַנדער טעקסט, וואָס האָט געזאָלט שטעהן אין דעם ערשטען מאַנוסקריפּט. פון איינינע שטעלען קאָן מען דעם זין אַרויסברענגען נאָר מיט גרויס מיה. דאָ און דאָרט זיינען אין גאַנצען אַרויסגעפאַלען איינ־צעלנע פערזען, ווי מען קאָן דאָס בעווייזען דורך דעם מעטרישען בוי פון דעם געדיכט. דערפאַר זיינען אַ סך נייע פערזען אַריינגע־שטעלט געוואָרען, געווים פון אַ פרומער האַנט, וואָס האָט ניט גע־קאָנט אַריבערטראָגען איוב׳ס שאַרפען, פרייען געדאַנק, און האָט איהם אַריינגעלעגט אין מויל אַריין פרומע רייד, וואָס פּאַסען צו איוב׳ס לאָגישען געדאַנקען־גאַנג, ווי אַ דאָרן צו אַן אויג.

אויך דאָס ווערט כמעט פון אַלעמען אָנגענומען, אַז גאַנצע זעקס קאַפּיטלען, פון 32 ביז 37, — אליהו׳ס רייד צו איוב׳ן, וועןזיינע פריינד זיינען פערשטומט געוואָרען, — זיינען ערשט שפּע־טער פון אַן אַנדער דיכטער אַריינגעטראָגען געוואָרען אין טעקסט. ספיקות זיינען אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרען וועגען דעם קאַפּיטעל 28, מחמת ער איז אין זיך אָבגעשלאָסען און שטעהט כלומרשט אין קיין אינווענינסטען לאָגישען צונויפבונד מיט דעם גאַנצען אינהאַלט פון איוב׳ס טענות. מיר וועלען שפּעטער זעהען, אַז דער אַרגומענט איז ניט ריכטיג; אַז די געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין איהם, זיינען ענג פערבונדען מיט איוב׳ס גאַנצער וועלט־ און לעבענס־אַנשויאונג.

וואַרפט מען אָבער אַראָב פון חשבון די אַלע פּונקטען, אין וועלכע אַלע קריטישע פאָרשער, — אָדער כמעט אַלע, — שטימען צונויף, בלייבט די גרויסע שאלה וועגען דער ליטעראַרישער געבורט פון אונזער ווערק אָן אָפענע ביז איצטער.

אָבער — ווי אינטערעסאַנט די פראַגע זאָל ניט זיין פון לי־טעראַר־וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, ווי וויכטיג איהר ענטפערונג זאָל ניט זיין פאַר דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון דעם אידישען געדאַנק, מוזען מיר זי דאָ לאָזען ליעגען אָן אַ זייט און בענוגענען זיך מיט די פּאָר מאָגערע דאַטען, וואָס איך האָב געמאַכט ביז אַהער. פאַר אונזער היינטיגען צוועק איז נאָר וויכטיג צו געדענקען, אַז ווי אַלט די איוב־פּאָעמע זאָל ניט זיין, געהערט

זי צו יענע דיכטונגען אין דער וועלט־ליטעראטור, וואָס בלייבען אויביג יונג.

און אין דער אמת'ן איז דאָס אַ מערקווירדיג יונגע דיכטונג! איוב עמיצער וואָלט זיך פערגונען דעם שפּאַס איבערצוזעצען די וויכטיגסטע טיילען פון דעם קריטיש־אויסגערייניגטען טעקסט כמעט וואָרט פאר וואָרט, נאָר אין אַ ביסעל אַ מאָדערניזירטער פאָרם, אונטערטראָגען דאָס אַ ליטעראריש־געבילדעטען מבין, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלייענט איוב'ן, — אַך, צווישען די געבילדעטע פון היינטיגע טעג זיינען ליידער דאָ ניט ווענ̈יג אַזעלכע, — און פערזיכערן איהם, אַז דאָס איז אַ ניי־געפונענער מאַנוסקריפּט פון בייראָנען, וואָלט איהם בשום אופן ניט ארויף אויף'ן געדאַנק, אַז איהר טרייבט מיט איהם שפּאַס. געוואונדערט וואָלט איהם נאָר, וואָס בייראָן האָט געקאָנט לאָזען פערוואַלגערן זיך אַזאַ פּערל פון זיין זשעניע, אפשר דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געשאַפען אין זיין גאַנצען לעבען, און גע'חדוש'ט וואָלט איהם, וואָס מען האַלט נאָך בשתיקא דעם געפונענעם אוצר און מען איז ניט מרעיש עולם וועגען דעם. דער טיעפער אינהאַלט, די געניאַלע שפּראַך, דער בייראָנישער שפּרונג פון ענין צו ענין, דער פּאָעטישער פערגלייך, וואָס בליצט אויף מיט אַ מאָל, אויף וועלכען איהר האָט זיך ניט געריכט, אָבער וואָס בעלייכט אייך אין איין הרף־עין די פינסטערסטע אָבגרונטען, דער געוואַלטיג שטאַרקער טאָן, וואָס ווערט ניט אָבגעשוואַכט אויף אַ מאָמענט, דאָס אַלץ, וואָלטען מיר געזאָגט, האָט איוב געגאַשט פון בייראָן'ס בעסטע ווערק. ווען מיר וואָלטען ניט געוואוסט אויף זיכער, אַז, אפילו לויט דעם חשבון פון דעם עקסטרעם־ראַדיקאַלסטען קריטיקער, דאַרף איוב אויך זיין עלטער פון בייראָנען אַזוי אַן ערך אַ צוויי טויזענד יאָהר.

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס כמעט אַלע געשיכטסשרייבער פון דער ליטעראטור גיעבען צו, אַז איוב איז איינע פון די קאָסטבאַרסטע פּערעל אין דער אַל־וועלטליכער פּאָעזי, און עס איז גאַנץ געוויס ניט קיין גוזמא, ווען פּראָפעסאָר שטייערנאַגעל, דער איבערזעצער פון איוב אין קויטצש'ס „היילינע שריפטען", הויבט אָן זיין איינלייטונג צו דער איבערזעצונג מיט די ווערטער, אַז „דאָס בוך איוב איז — ווי שוין פון אַלעמען דערקענט — איינס

פון די געוואַלטיגסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור". און איך גלויב, אַז יעדער איינער, וואָס פערטיעפט זיך אין דעם שטודיום פון דער שריפט, מוז קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז סיי מצד איהר טיעפען פילאָסאָפישען אינהאַלט, סיי מצד איהר גליהענדער פאָע־טישער פאָרם, קאָן איוב אויסהאַלטען דעם פערגלייך מיט די גרעסטע מייסטער־שאַפונגען, וואָס די מענשהייט האָט ארויסגע־בראַכט. על כל פנים, מוז פאַר יעדען איינעם ווערן קלאַר, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַ ווערק, וואָס איז פון דער גרעסטער בע־דייטונג פאַר דער מענשהייט, און אַז איהר חשיבות ליעגט ניט נאָר אין דעם רייכען אוצר פון פאָעטישע בילדער, געפיהלען און שטי־מונגען, וועלכע זי רופט אין אונז אַרויס, נאָר נאָך מעהר אין איהר פ י ל אָ ס אָ פ י ש ע ן אינהאַלט, אין דער פאַנאַנדערוויקעלונג פון פּראָבלעמען, וואָס לאָזען עד היום ניט צורוה דעם טיעפער דענקענדען מענשען.

איוב איז קודם כל אַ פילאָסאָפישע פּאָעמע. עס וואָלט אויך ניט געווען קיין פעהלער, ווען מען וואָלט דאָס אָנגערופען אַ פילאָ־סאָפישע טראַגעדיע, ניט קוקענדיג אויף דעם גליקליכען סוף, מיט וואָס עס לאָזט זיך אויס די דערצעהלונג. טראַגיש איז אַלץ אין איוב: זיינע אונענדליכע ליידען, זיין מוטהיגער גייסטיגער קאַמפּף אַנטקעגען אַ מאַכט, וואָס איז אונענדליך שטאַרקער, איידער ער, און פון וועלכער ער דערוואַרט ניט קיין יושר, אפילו ניט קיין ברע־קעל רחמנות. איוב׳ס קאַמפּף איז אַ העלדען־קאַמפּף, אין וועלכען ער נעהמט בעוואוסטערהייד דעם הערויאיזם פון מסירת נפש אויף זיך, אַ קאַמפּף פאַר אַן אידעאַל מיט דעם קלאָרען איינזעהן, אַז דער אידעאַל קאָן קיינמאָל ניט מקוים ווערען. און די טראַגעדיע איז אַ פילאָסאָפישע דערפאַר, ווייל דער גייסטיגער קאַמפּף וואַקסט אַרויס פון אַ בעשטימטען פילאָסאָפישען, אָבגרונד־טיעפען געדאַנק, וואָס האָט זיך ערשט פאַר איוב׳ען אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער שיקזאַל־שווערער בעדייטונג.

איוב איז אַ ריין פילאָסאָפישע טראַגעדיע.

איך ווייס, אַז פיעלע פון אייך וועלען אפשר נאָר נישט האָבען אַנטקעגען דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שריפט, ווי אַ טראַגעדיע, אָבער דערפאַר וועלען זיי ניט אַזוי גרינג איינשטימען מיט מיר, אַז

זי פערדיענט דעם נאָמען: „אַ ריין פילאָסאָפּישע“, ווייל ביי אַ סך פון אונזערע געבילדעטע האָט זיך שוין פון לאַנג אָן איינגעוואָרצעלט דער אבער־גלויבען, אַז פילאָסאָפיע איז ניט אַ זאַך, וואָס איז געווען בנמצא אין דעם אַלטען יודענטהום. עטיק, רעליגיאָן, — יע! אין בעסטען פאַל, — רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. אָבער פילאָסאָפיע? דאָס דאַרפען מיר זוכען ביי די גריעכען, וואו זי איז צום ערשטען מאָל געבאָרען געוואָרען.

איך קאָן דאָ מיך ניט אריינלאָזען אין דעם גאַנצען ענין פון פילאָסאָפיע און רעליגיע אין זייער אינווענינסטען שייכות. אָבער אַ פּאָר ווערטער מוז וועגען דעם געזאָגט ווערען איצט.

די פילאָסאָפיע האָט אַלע מאָל געהאַט דאָס בעשטרעבען צו בעשאַפען אַ וועלט־אַנשויאונג און אַ לעבענס־אַנשויאונג, ד. ה. אָבצוגעבען זיך אַ דין וחשבון וועגען די גרונד־קרעפטען, וואָס בעהערשען די וועלט, צונויפוועבען אַלע אונזערע איינצעל־בילדער פון די וועלט־פּאַסירונגען אין איין איינציג בילד פון דעם גרויסען וועלט־געשעהען און אויף דעם סמך פון דעם דאָזיגען בילד צו בעשטימען דעם זין און דעם ווערט פון דעם מענשליכען לעבען. די פילאָסאָפיע פערוואַנדעלט זיך אין אַ רעליגיע אין דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט, ערשט יעמאָלט, ווען די גרונד־קרעפטען ווערען בעטראַכט, ווי גייסטיגע „געטליכע“ וועזענס, מיט וועלכע דער מענש קאָן זיך אויפטראָגען, כמעט אויף דעם זעלבינען שטייגער ווי מיט זיינע מיט־מענשען; ווען עס ווערען אויסגעאַרבייט די פאָרמען און געזעצען, ווי אַזוי דער מענש זאָל זיך אויפטראָגען מיט זיי, — און, וואָס איז נאָך וויכטיגער איידער אַלץ, — ווען דער מענש איז מ ס כ י ם צו נעהמען אויף זיך די התחיבות צו די געטליכע וועזענס, מחמת ליעבע צו זיי, אָדער ווייל ער וואַרט אויף אַ בעלוינונג פאַר זיין דיענסט, אָדער ווייל ער האָט מורא פאַר זייער שטראָף.

דערפון איז געדרונגען, אַז יעדע מעהר אָדער וועניגער ענטוויקעלטע רעליגיע, אין וועלכער מיר געפינען אַ בילד פון דעם איינהייטליכען וועלט־פּראָצעס, אַ פאָרשטעלונג וועגען די גרונד־קרעפטען, וואָס בעהערשען דאָס „אַל“,—אַלץ איינס, ווי די וועזענס זאָלען ניט זיין אויסגעמאָלט און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין זייער צאָהל, — מוז האָבען אין איהר פונדאַמענט אַ געוויסע וועלטאַנשויאונג,

ד. ה. אַ פילאָסאָפיע, — און שוין ביי דעם אַלטען פּאָליטעאיזם פון מצרים, בבל, גריעכענלאַנד און רוים קאָנען מיר בשום אופן ניט אוועקנעהמען זייער פילאָסאָפישען כאַראַקטער. דער געדאַנק, אַז איין טהייל פון דעם וועלט־פּראָצעס ווערט בעהערשט פון איין גאָט און דער אַנדערער — פון אַן אַנדערען; אַז דער רוגער שטאָמט פון יופּיטער, תבואה וואַקסט אַ דאַנק צערעסען און ליעבע שטראַהלט אויף אין אונזער הארצען, אַ דאַנק דער ווענוס, איז נאָך ניט קיין רעליגיע, נאָר ניט מעהר ווי בילדער, ווי אַזוי צו דערקלעהרען זיך די פּראָצעסען פון דער וועלט. ס'איז — פילאָסאָפיע, ווען אפילו זעהר אַן אָרימע אין דעם פּונקט פון שטרענגען לאָגישען דענקען. רעליגיע ווערט דער פּאָליטעאיזם נאָר יעמאָלט, ווען דער גלויביגער מענש טרעט אַריין אין אַ פּערזענליכען בעריהה מיט יופּי־טער'ן, צערעס אָדער ווענוס, — איך מיין, פערשטעהט זיך, ווען ער גלויבט, אַז ער איז אַריין אין אַזאַ פּערזענליכען בעריהה.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם מאָנאָטעאיזם, דעם גלויבען אין אַן איין־איינציגען גאָט. נעהמט מען איהם ניט מעהר ווי אַ דער־קלעהרונגס־פּרינציפּ פון דעם וועלט־געשעהען, האָט ער נאָך אין זיך ניט קיין ברעקעל רעליגיאָן, איז ער ניט מעהר ווי אַ פילאָסאָפישער געדאַנק. און אַפילו, ווען מען שטעלט זיך גאָט פאָר ווי אַ פּערזאָן, וואָס פערלאַנגט פון דעם מענשען געוויסע מעשים, ווערט דאָס נאָך אויך ניט קיין רעליגיע, ביז דער מענש איז ניט מסכים דערויף. דעם בעסטען בעוויז דערצו געפינען מיר אין דער פילאָסאָפיע פון איוב'ן (ביז צו זיין צווייטער בעקעהרונג), וואָס קאָן פּראָזאַאיש אויסגעדריקט ווערען אַ שטייגער אַזוי: די וועלט ווערט אין אַלע איהרע טהיילען און איינצעלהייטען בעהערשט פון אַן אַלמאַכטיגען, אונענדליך קלוגען גאָט, — אָבער אַז אַך־און־וועה צו אַזאַ גאָט, אַך־און־וועה צו אַזאַ וועלט און אַז אַך־און־וועה צו דעם אָרימען מענשען, וואָס דאַרף זיך נעבעך געפינען אין איהר.

שוין דער פאַקט, וואָס דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג איוב'ס איז, ווי מיר וועלען שפּעטער נאָך מעהר זעהן, דורך־און־דורך מאָ־נאָטעאיסטיש און אין דער זעלביגער צייט דורך־און־דורך אַנטי־רעליגיעז, בעוויזט, אַז — וועניגסטענס אין דער גלוטה־היטץ פון דעם געניאַלען געדאַנק, — קאָן דער רעליגיעזער עלעמענט אין גאַנ־

צען אוועקגעשמאָלצען ווערען פון דעם מאָנאָטעאיזם און עס בלייבט זיין ריין פילאָסאָפישער כאַראַקטער.

אז דער אידישער מאָנאָטעאיזם איז געווים אין אַ סך אַ גרעסערען גראַד און אין אַ סך אַ טיעפערען זין אַ „ריינע“ פילאָסאָפיע, איידער דער אַלטער פּאָליטעאיזם, מיט זיין רייכער משפּחה פון געטער און געטינען, קאָנען מיר זעהן אויך פון דעם, וואָס עד היום איז דער פילאָסאָפישער געדאַנק ניט ביכולת לגמרי אָבצופרענגען דעם מאָנאָטעאיסטישען פּרינציפּ. גאַר גרויסע דענקער — און פ ר י י ע דערצו, — ד. ה. אַזעלכע, וואָס דענקען נאָר מיט זייער איינענעם שכל און האָבען קיינעם ניט, וועמען צו טהאָן צוליעב, — ווי צ. ב. אַזאַ גייסטעס־גיגאַנט, ווי פ י כ ט ע דער עלטערער (אין דעם צווייטען פעריאָד פון זיין פילאָסאָפירען) — קומען צו דער אַלט־אידישער פאָרשטעלונג פון אַ פּערזענליכען אַלמאַכטיגען, אַל־ווייסענדען און גערעכטען גאָט, פון וועמען עס שטאַמט אַלץ אין דער וועלט. דער מאָנאָטעאיזם איז נאָך עד היום אַ בערעכטיגטער פ י ל אָ ס אָ פ י ש ע ר שטאַנדפּונקט אַזוי גוט, ווי זיין געגנער דער אַטעאיזם, — אַ זאַך, וואָס מען קאָן בשום אופן ניט זאָגען וועגען דעם פּאָליטעאיזם פון דער אַלטער וועלט. אמת, אין די לעהרען פון איינינע לעצטערע פילאָסאָפען, — דער עיקר די פּראַגמאַטיסטען, — ווערט דער מאָניסטישער שטאַנדפּונקט אין גאַנצען פערלאָזען, און הערט מען זיך צו אויפמערקזאַם צו דזשיימס'ען, קאָן מען באמת מיינען, אַז ער ווערט אין זיינע רעליגיעזע אנשויאונגען אַ פּ אָ ל י ט ע א י ס ט. אָבער ווי ווייט ער זאָל ניט געהן אין זיין „פּלוראַליזם“ און אין דער פערגייסטיגונג פון די פיעלע וועזענס, וואָס בעהערשען, לויט זיין מיינונג, די וועלט, — צוריק צו דער גריעכישער געטער־וועלט, — דער שעהנסטער פון אַלע פּאָליטעאיסטישע סיסטעמען, — וועט קיין דענקער אין פילאָסאָפישען ערנסט ניט קומען, בעת דער אידישער גאָט־גלויבען בלייבט נאָך אַ פילאָסאָפישע מעגליכקייט אויף פאַר דעם היינטיגען טאָג.

איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגען, אַז דער אידישער מאָנאָטעאיזם איז אויסגעוואַקסען פון אַ ריין פילאָסאָפישען בעטראַכטען צו געווינען אַ ריכטיגען בילד פון דער וועלט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז גאַנץ אַנדערע מאָטיווען האָבען, אין ערשטער ליניע,

געטריבען דעם אידישען געדאַנק צו איהם: נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע. אָבער — ווער קאָן האָבען די גבורה אין גאַנצען אָבצולייקענען, אַז אויך פילאָסאָפישע בעדערפעניסען זענען דערביי אויפגעוועקט געוואָרען פון זייער שלאָף און אַז דער אידישער שאַפענדער גייסט, וואָס האָט שפּעטער בעוויעזען זיין פילאָסאָפישע מאַכט אין אַ פילאָן פון אַלעקסאַנדריען, האָט שוין פון אָנהויב אָן בעשפּירט אין זיך דעם דאָרשט צו אַ ריין פילאָסאָפישער דערקענטניס? על כל פנים מוז מען צוגעבען, אַז, קוים איז פון די נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע מאָמענטען אויסגעוואַקסען געוואָרען די פאָרשטעלונג פון אָן איינציגען, אַל־מאַכטיגען און אַל־גערעכטען גאָט, האָט זיין פילאָסאָפישער ווערטה ניט געקאָנט לאַנג בלייבען פערבאָרגען פון דעם אידען'ס גייסטיגע אויגען.

דער מאָנאָטעאיזם איז ביי די דענקער פון דעם אידישען פאָלק געווען ניט נאָר אַ רעליגיע, נאָר אַ ריין פילאָסאָפישע וועלט־אַנשויאונג, און די גרויסע בעדייטונג פון איוב'ס פילאָסאָפירען בעשטעהט אויך אין דעם, וואָס זיין געדאַנק האָט אין דעם טראַגישען ראַנגלען זיך מיט גאָט, פאַנאַנדערגעריסען די אַלטע, אין אַלע טהיילען צונויפגעוואַקסענע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון מאָנאָטעאיזם און רעליגיאָן.

אָבער ניט נאָר אויף דעם פעלד פון וועלט־אַנשויאונג איז געווען גרויס דער געדאַנק פון דעם אידישען פאָלק, ניט נאָר דאָ האָט בעוויעזען זיין גבורה דער געניאַלער מחבר פון איוב. נאָך טיעפער איידער אין די פּראָבלעמען פון דער וועלט־אַנשויאונג איז דער אידישער גייסט אַריינגעדרונגען אין די פערוויקעלטע און אָפטמאָל אָנגעוועהטיגטע פּראָבלעמען פון דער לעבענס־אַנשויאונג.

וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג ווערען ביידע געבויט מיט קאָפּ און האַרץ, מיט פערשטאַנד און געפיהל. אָבער בעת די וועלט־אַנשויאונג קאָן כמעט אין גאַנצען אויסקומען אָהן דעם עלעמענט פון געפיהל (וועניגסטענס, על פי טהעאָריע), איז די הויפּט־מאַכט, וואָס בעשאַפט לעבענס־אַנשויאונגען — דער געפיהל. די האַרץ האָט איהר לאָגיק, איהר אַרט צו זעהן און אויסצוטייטשען ערשיינונגען. איין־און דערזעלביגער פאַקט האָט אַ גאַנץ אַנדער בעדייטונג, אַ גאַנץ אַנדער זין, עס ווענדט זיך אָן דעם, ווי מען נעהמט

איהם אויף: נאָר מיט דעם פערשטאַנד, אָדער אויך מיט דעם געפיהל.

אַז איך האָב פאַר מיר אַ פאַקט: „מיין קינד איז געשטאָרבען", האָט ער אין דער שפּראַך פון דעם געפיהל אַ גאַנץ אַנדער אויס־טייטש, איידער אין דער שפּראַך פון דעם ריינעם פערשטאַנד. פאַר דעם קאָפּ איז „מיין" ניט מעהר, ווי אַן אָנווייז, ווער איז דער פאָ־טער פון דעם קינד, — אַ גלייכגילטיגער דאַטום, ווי די נומער פון דעם הויז, אין וועלכען דאָס קינד האָט געלעבט. פאַר דעם געפיהל איז „מיין" — אַ גאַנצע וועלט. דאָס וואָרט זאָגט: דאָס איז ביי מיר צוריסען געוואָרען דאָס האַרץ אויף צווייען, ביי מיר פער־פינסטערט געוואָרען די זון. און „קינד" איז אויך ניט נאָר אַן אָנווייז אויף דעם וואוקס אָדער דעם עלטער פון דעם פערשטאָר־בענעם. פאַר'ן האַרצען איז דאָס — „קינד מיינס!" — אַ מקור פון פריידען אָהן אַ צאָהל, פון רחמנות־און ליעבע־געפיהלען, מיט וועלכע עס איז געווען איינגעפלאָכטען אין מיין נשמה. און „גע־שטאָרבען" הייסט ניט פשוט: „דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט שלאָגען, די לונגען — עטהעמען, די בלוטען — צירקולירען", — אַ ריין פיזיאָלאָגישע בעשרייבונג פון טויט, ווי מען קאָן זי אויך מאַכען ביי אַ בלעטעל, אָראָבגעריסען פון אַ בוים. „געשטאָרבען" הייסט פאַר'ן געפיהל: ניט מעהר קאָנען עס צודריקען צום האַרצען, ניט מעהר קאָנען אַריינבליקען אין זיינע ליכטיגע אויגען, ניט מעהר קאָנען בעדעקען זיין פנים מיט וואַרימע קושען. „געשטאָרבען" הייסט: איבערגעשניטען טויזענטער נערוועו, וואָס האָבען מיך צוגעבונדען צו איהם, און די אַלע טויזענטער איבערגעשניטענע נערוועו פערגעהען זיך אין ברענענדען צער.

אָט דאָס הייסט זעהן אַ פאַקט מיט די אויגען פון געפיהל, און אַזוי ווי אַ לעבענס־אַנשויאונג איז האַרצענס־לאָגיק, קאָן זי ריכטיג פערשטאַנען ווערען נאָר פון יענע, וואָס לייענען איהרע ווערטער מיט דעם האַרצען און ניט נאָר מיט'ן קאָפּ, און אויך דאָס בתנאי, אַז די פאַקטען, אויף וועלכע די וועלט־אַנשויאונג ווערט אויפגע־בויט, רופען אין אונזער האַרצען אַרויס דעם זעלביגען אָבקלאַנג פון געפיהל, וואָס ביי דעם מחבר פון דער וועלט־אַנשויאונג.

איוב'ס טראַגישער לעבענס־בליק שטעלט די דאָזיגע פאָדערונג

צו אונז. נאָר דער קאָן איהם פערשטעהן און באמת אריינגעהמען אין הארצען, וואָס האָט, לאָז זיין איין מאָל אין לעבען, געהערט צו די שווער ליידענדע, וואָס איז לכל הפחות אויף א ווײלע געשטאַנען ביי דעם אָבגרונט פון מענשליכען יאוש און טיעף אריינגעבליקט אהין; וואָס קאָן, וועניגסטענס, אין הארצען זיך משער זיין, ווי עס זעהט אויס אין דער נשמה ביי די, „וואָס בענקען“, ווי איוב, „נאָכ'ן טויט און ער קומט ניט, וואָס גראָבען נאָך איהם מיט מעהר לוסט, איידער נאָך בעהאַלטענע אוצרות און וואָלטען זיך געפרעהט ביז צום עקסטאַז, ווען זיי וואָלטען געפונען דעם קבר.“ *)

וואָס האָט אריינגעשליידערט דעם מענשען איוב אין דעם אָבגרונד פון יאוש?

אייך איז געוויס בעקאַנט דער ספור המעשה. לאָזט מיך אייך דערמאָהנען זיינע וויכטיגסטע שטריכען אין דער בעלייכטונג פון יענעם פילאָסאָפישען געדאַנק, וואָס געהט דורך ווי א רויטער פאָדעם איבער דער גאַנצער פאָעמע.

געוועזן א מאַן אין דעם לאַנד עוץ מיט דעם נאָמען איוב, א גערעכטער, פון זינד ריינער, א גאָטס־פאָרכטיגער און אָבגעקעהרטער פון שלעכטס. טרעפט זיך א מאָל, זענען זיך צונויפגעקומען די בני־אלהים (די מלאָכים) פאַר גאָט און אויך דער שטן צווישען זיי... פרעגט ביי איהם גאָט, צי האָט ער זיך צוגעקוקט צו אזא גערעכטען און גאָטס־פאָרכטיגען מענשען, ווי איוב? ענטפערט דער שטן: „האָט דען איוב אומזיסט מורא פאַר גאָט? האָסטו ניט ארומגעצוימט פון אַלע זייטען איהם און זיין הויז און אַלץ וואָס ער האָט? די ארבייט פון זיינע הענד האָסטו געבענשט און זיין פיה האָט זיך אויסגעשפרייט איבער'ן לאַנד. אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנד און ריהר אָן אַלץ, וואָס איהם געהערט, וועסטו זעהן, ווי ער וועט דיך אָפען פערשילטען“.

אויף דעם ערשטען בליק קאָן מען מיינען, אז די גאַנצע אונטערעדונג צווישען גאָט און דעם שטן דרעהט זיך ארום רעליגיעזע פרומקייט. איוב איז גאָט'ס קנעכט; ער איז פרום, פאָלגט וואָס גאָט האָט געהייסען, און גאָט האָט הנאה פון איהם, ווי א

---

*) קאַפּ. ג' 21—23.

באַלאַבאָס האָט הנאה פון אַ גוטען משולח. אָבער טראַכט מען זיך אַריין אַ ביסעל טיפער, ווערט איינעם באַלד קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך וועגען אַ סך העכערער זאַך איידער פרומקייט. אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַז פרומקייט און גאָטס־פאַרכטיגקייט האָבען אין איוב׳ס צייטען און אין דעם געדאַנק פון יענע טעג געהאַט אַ וויכטיגערע בעדייטונג, איידער אין אונזערע איצטיגע צייטען. „פרום״ האָט יעמאָלט געהייסען נים נאָר גלויבען אין גאָט און אָבהיטען אַלע פאַרשריפטען פון דעם רעליגיעזען קולט, ווי תפילות, קרבנות און מנהגים. „פרום״ איז געווען יעמאָלט איינג צונויפגעבונדען מיט „גוט״; מאָראַל און מעשים טובים — צונויפגעשמאָלצען אין איינעם מיט גאָטס־פאַרכטיגקייט אָדער דעם גלויבען אין גאָט, וואָס איז דער מקור פון מאָראַל און גערעכטיגקייט. נאָר דער, וואָס גלויבט אין גאָט, קאָן האַלטען פון גערעכטיגקייט און מאָראַל, און — „אָמר נבל בלבו: אין אלהים״, עס זאָגט דער שאַלקהאַפטיגער אין זיין האַרצען: ס׳איז ניטאָ קיין גאָט״. אַנווייזענדיג דעם שטן אויף איוב׳ן, האָט גאָט דעריבער ניט דערפון געקליבען נחת, וואָס איוב ברענגט איהם קרבנות אָדער זינגט איהם הללויה׳ס, נאָר וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ לעבעדיגע פערקערפערונג פון אַ מאָראַליש־ריינער נשמה, אַ דורך־און־דורך עהרליכע און גערעכטע האַרץ.

דער שטן אָבער ווערט זעהר וועניג נתפעל פון מענשליכע ריינקייט און עהרליכקייט. מיט זיין פעסימיסטישען בליק אויף דער מענשליכער נשמה דערזעהט ער אויף דעם גרונד פון דער העכסטער פאָלקאָמענהייט דעם היילען נאַקעטען עגאָאיזם. אומזיסט איז איוב מאָראַליש? עס געהט איהם גוט. זאָל די טונעגד זיך אויפהערען צו בעצאָהלען און אפילו אַן איוב וועט זיך אָבזאָגען פון איהר.

גאָט גיט די ערלויבענים צו מאַכען אַן עקספערימענט, און איוב פערליערט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט: די זיהן, און די טעכטער, און די פיה, און דעם גאַנצען רייכטהום. אָבער דאָס האָט ניט איבערגעביטען איוב׳ס האַרץ. ריין און גאָט־ערגעבען איז זי געבליעבען ווי פריהער. ביי אַ צווייטער צונויפקונפט מיט גאָט, ווייזט דער שטן ארוים, אַז איוב׳ס ריינקייט פון זינד איז נאָך ניט קיין בעווייז אַנטקעגען זיין, דעם שטן׳ס, עגאָאיסטישע דערקלעה־

רונג פון טוגענד. דעם מענשען׳ס ענאַאיזם זיצט אַ סך טיעפער, אײדער מען מיינט. מען קאָן אַלץ מקריב זיין פאַר אַן אידעאַל און פרינציפּ, אָבער ניט דעם אייגענעם גוף. ער זאָגט: „אַ פעל פאַר אַ פעל, און אַלץ וואָס דער מענש האָט, וועט ער אוועקגעבען פאַר זיין אייגען לייב, אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנד און ריהר אָן זיין אייגען פלייש און ביין — און באַלד וועט ער דיך אָפען פערשילטען". גאָט וויליגט איין אויף אַ צווייטען עקספּערימענט און ערלויבט דעם שטן נעהמען זיך פאַר איוב׳ס לייב. דער שטן האָט ארויפגעשיקט אויף איוב׳ן די ערגסטע פיזישע פּלאָג: איוב׳ס גוף איז בעפאַלען געוואָרען מיט אַ בייזער קרעץ, וואָס האָט איהם געצוואונגען צו פערלאָזען דעם מענשליכען ישוב, זיצען אין אש, און יעדע רגע פּיהלען ווי דער וועהטיג פרעסט זיך אַלץ טיעפער און טיעפער אריין אין איהם. אָבער אויך דאָ איז איוב געבליעבען טריי צו די פּרינציפּען פון זיין ריינער נשמה, ווען אפילו ליידען האָט ער געליטען — איבער די מענשליכע כחות...

און ווען זיינע דריי פריינד, אליפז פון תימן, בלדד פון שוח און צופר פון נעמה, זענען געקומען צו איהם אויסדריקען זייער רחמנות און צו טרייסטען איהם, האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען און ניט געקאָנט איהם דערקענען. „זיי האָבען אָנגעהויבען וויינען אויפ׳ן קול, צוריסען יעדער זיין געוואַנד, געוואָרפען ערד צום הימעל אויף זייערע קעפּ און זענען געזעסען מיט איהם זיעבען נעכט און זיעבען טעג און ניט גערעדט צו איהם אַ וואָרט, ווייל זיי האָבען געזעהן, ווי זיין וועהטיג איז זעהר גרויס".

זיעבען טעג און זיעבען נעכט זענען זיי געזעסען שטום לעבען איהם! איוב האָט שפּעטער אָפּט אין האַרץ־רייסענדע קלאָגען געשילדערט זיין צער, אָבער קיין איין בילד זיינער, ווי שווידערהאַפט ער זאָל ניט ווירקען אויף אונז, מאַכט ניט אַזא טיעפען איינדרוק אויף דעם לעזער, ווי דאָס בילד פון די פיער מענער, וואָס זיצען שטום אין איינעם זיעבען טעג און זיעבען נעכט, און זייערע נשמות הערען זיך איין אין דעם טיעפען־טיעפען וועה. און עס דוכט זיך: אַז דער שווערער געמיטה פון זיינע פריינד האָט גענומען זינקען ווי אַ בליי אין דעם ים פון איוב׳ס צער, זינקען, זינקען, זינקען — זיעבען טעג און זיעבען נעכט! — ביז ער האָט דערגרייכט דעם

גרונט פון זיינע ליידען. און ערשט יעמאָלט, ווען ער האָט אָנגע־ריהרט דעם גרונט, האָט זיך פון איוב׳ס נשמה מיט אַ מאָל ווי אַ דונער ארויסגעריסען זיין געשריי פון יאוש און צער, זיין „אָרור יום אוּלד בו!" — „פערפלוכט דער טאָג, אין וועלכען איך בין גע־באָרען!" און ווי אַ לאַווא פון אַ וואולקאַן האָט זיך דערנאָך אַ גאָס געטהאָן איוב׳ס קלאָג, וואָס איז לאַנג געווען איינגעהאַלטען אין זיין געמיטה.

וואָס איז געווען דער טיעפסטער גרונד פון איוב׳ס צער? גישיים ניט מעהר, ווי דער פיזישער וועהטאָג, ניט מעהר ווי זיין איינענע אומגליקליכע לאַגע? האָט ער נאָר זיך געהאַט אין זינען, בעת דער לאַווא־שטראָם פון זיינע קלאָגען האָט פערוואַנדעלט אין אַש ניט נאָר די טרייסט־און מוסר־רייד פון זיינע פריינד, נאָר אויך די יסודות פון דער געטליכער פיהרונג?

די פריינד זיינע האָבען געווים געטראַכט אַזוי. פאַר זיי איז איוב געוועזען אַן אינדיווידועלער פאַל, אַן אויסנאַהמס־אונגליק, און אין זיינע רייד האָבען זיי אַרויסגעהערט ניט מעהר, ווי זיינע איינענע פערזענליכע יסורים. אָבער פאַר איוב׳ן האָט זיין שיקזאַל געהאַט אַ טיעפערע בעדייטונג, איידער דאָס איינענע ליידען. אין זיין פערזענליכען פאַל האָט ער דערבליקט דעם גורל פון דעם מענשען איבערהויפט, און זיין נשמה איז אויפגעציטערט געוואָרען פון דעם שוידערליכען אמת, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגען. ער האָט אין זיך דערפיהלט ניט דעם איוב, אַט דעם בע־שטימטען ליידענדען יחיד, נאָר דעם מענשען, דאָס שפּיעלבעלע אין די הענד פון דער אַלוועלטליכער מאַכט.

ס׳איז פאַרהאַן אין דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור אַ לעגענדע, אַז אין איוב׳ס לייב האָבען זיך אַריינגעקליבען ווערים, וואָס פלעגען פרעסען זיין לעבעדיג פלייש. זיי פלעגען אָפּט אַרויסקריכען פון זייערע לעכער און קריעגען זיך פאַר אַ שטיקעל פלייש פון זיין לע־בעדיגען גוף. איוב אָבער פלעגט מאַכען שלום צווישען זיי און אַריינזעצען יעדען איינעם אין זיין גריבעל. אַן עהנליכע לעגענדע ווערט אויך דערצעהלט וועגען בודדאַה, וואָס האָט אויפגעשניטען זיין אָרם און אַריינגעזעצט אַהין ווערים, וואָס זענען שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער...

פיי א מאן פון איוב'ס גייסטיגער ארט, וואלט דער איינגענער צער, ווען ער וואלט באמת געווען ניט מעהר ווי איין איינציגע אויסנאהמע אין דעם לעבען פון דער גאנצער מענשהייט, ניט געקאנט ארויסרופען יענעם געוואלטיגען פראטעסט, מיט וועלכען ער איז ארוים אנטקעגען דעם גאנצען געטליכען פיהר, און אין איין ארט גיט ער קלאר צו פערשטעהן זיינע פריינד, אז דער שרעק, מיט וועלכען דער אלמאכטיגער האט אנגעפילט זיין נשמה, שטאמט ניט פון דעם אייגענעם פערזענליכען ליידען, און ניט פאר דעם אונגליק פון דער אייגענער פערזאן, וועלכע די פינסטערניס האט ארומגענומען, פיהלט ער זיך אזוי דערשלאגען. *)

מיט איוב'ן האט פאסירט א גרעסערער צער. א שעהנע, גרויסע, זוניגע וועלט־און לעבענס־אנשויאונג איז צובראכען געווארען ביי איהם: די ליכטיגע, זוניגע וועלט־און לעבענס־אנשויאונג פון דעם יודענטהום פון זיין צייט, וואס האט געלעבט אין די הערצער פון זיינע פריינד און אין וועלכע אויך ער האט געגלויבט, ביז איהם איז קלאר געווארען די אלגעמיינע בעדייטונג פון זיין אייגענעם, פערזענליכען גורל.

אויף דעם חורבן פון זיין אלטען גלויבען איז געזעסען איוב, מיט א הארץ פול חושך און שרעק.

יע, ס'איז געווען א ליכטיגע, זוניגע וועלט־אנשויאונג, אט די, וואס די נביאים האבען, שריט פאר שריט, אויפגעבויט און וואס איז פארטיג געווארען אין איהר גאנצער פראכט אין די ערשטע יאהרהונדערטען פון דעם צווייטען בית־המקדש. מען קאן זאגען, אז דער גרונד־שטריך פון יענעם יודענטהום איז געווען א פריידיגער ענטהוזיאזם פון דער וועלט, פון דעם לעבען און פון דעם מענשען, און דער ענטהוזיאזם פלעגט זיך אזוי אפט ארויסרייסען אין פערליעבטע לויב־געזאנגען צו דעם איינציגען מקור פון דער וועלטס צויבערהאפטער פראכט, צו איהר בעשאפער און פיהרער.

לייענט, צ. ב., דעם קאפיטעל ק"ד פון תהלים, די וואונדער־

---

*) אין דעם זין פערטייטשט פראפ. יסטרזעמבסקי די פסוקים פון דעם סוף קאפיטעל כג: ...ושדי הבהילני, כי לא נצמתי מפני חושך ומפני כסה אופל.

בארע אָרע אויף דער שעהנקייט פון דער וועלט, וואו הימעל און ערד, ים און יבשה, בערג און טהאָל, די גראָז פון פעלד און די פייגעלעך צווישען די בלעטער פון די בוימער, די שיפען אויפ'ן ים און די ברילענדע חיות אין וואלד; זון און לבנה און דער מענש מיט זיין ארבייט ווערען אין קורצע פינקעלנדע שטריכען צונויפגעוועבט אין איין איינציגען פרייד־פלאמענדען וועלטען־בילד! ווי ווילט זיך דאָ אין איינעם מיט דעם דיכטער ארויסיובלען: ווי גרויס זענען דיינע ווערק, אָ גאָט, זיי אלע האסטו מיט קלוגשאפט בעשאפען! ווי ווילט זיך דאָ צום סוף אין איינעם מיט דעם דיכטער ארויסשרייען דעם זיכערען גלויבען, אז אויך די מאָראלישע וועלט פון דעם מענשען וועט ווערען פול „הוד והדר", גלאנץ און פראכט, ווי די גאנצע נאטור, — און „די זינד וועלען פערשווינדען און קיין רשעים וועלען מעהר ניט זיין"...

און עס מוז דאָך קומען אזא צייט, ווייל דער וועלטען־גאָט איז אין דער זעלביגער צייט דער גאָט פון צדק און משפט.

און די וואונדערבארע ק ל ו ג ש א פ ט, די חכמה, וואס הערשט אין יעדעם פיצעלע פון גאָט'ס בעשאף, — ליעגט זי ניט קלאָר אויף דער האנד פאר יעדען איינעם? שטעהט זי ניט, די חכמה, אויף אלע בערגעלעך ביי די וועגען, אין מיטען פון די שטעגען, ביי די טויערן און טיהרען און רעדט זי ניט צו אלעמען: „אייך, מענשען, רוף איך! מיין שטים איז צו אייך, מענשען־קינדער!"... *) און הערט וואס זי דערצעהלט: „גאָט האט מיך בעשאפען אין דעם אנהויב פון זיינע וועגען, ווי דאס ערשטע פון זיינע ווערק פון לאנג אָן. פון אייביגקייט בין איך געפורעמט, פון גאָר דעם ערשטען אנהויב פון דער ערד. איך בין געבאָרען, ווען קיין תהום'ען זענען נאָך ניט געווען, און ניט קיין וואסער־קוואלען. נאָך איידער די בערג זענען אריינגעפעסטיגט געוואָרען, נאָך איידער די היגלען בין איך געבאָרען, נאָך איידער ער האט לאנד און פ ל ע י נ ע ן געמאכט אין די ערשטע ערד־מאסען פון דער וועלט". „בעת ער האט דעם הימעל צוגעפאסט, — בין איך דאָרט

*) משלי, קאפ ח'.

געװען; בעת ער האָט דאָס געװעלב געמאַכט איבער׳ן אָקעאַן, די װאָלקענס אויבען פערשטאַרקט, געקרעפטיגט די קװעלען פונ׳ם תהום; און װען ער האָט דעם גרעניץ פונ׳ם ים געזעצט, אַז די װאַסערן זאָלען ניט אריבער זיין בעפעהל; בעת ער האָט איינגעפעסטיגט די פונדאַמענטען פון דער ערד,—בין איך ביי איהם געװען װי אַ קליין קינד, געשפּיעלט פאַר איהם די גאַנצע צייט, געשפּיעלט אויף זיין גאַנצען ערדען־קרייז, געפרעהט זיך מיט די מענשען".

קאָן אַ װעלט, װאָס איז בעשאַפען געװאָרען אין פריידיגער קלונשאַפט, זיין אַ טרויעריגע װעלט, אַ מאוסע װעלט, אַן אומגערעכטע װעלט?

און דער מענש! דער געליעבטער שפּיעל־חבר פון אַ געטליכער חכמה! װי רייך מוז זיין זיין לעבען, װי הערליך זיין גורל. „אַז איך קוק אַן דיין הימעל", זאָגט אַן אנדער אידישער דיכטער, „די װערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן, װאָס דו האָסט צוגעפאַסט, — װאָס איז דער מענש, דו זאָלסט איהם האָבען אין זין, אַ מענשען־קינד, דו זאָלסט זיך אָן איהם דערמאָהנען? האָסטו איהם אָבער װעניג געלאָזט פעהלען צו זיין אַ גאָט און מיט כבוד און פראַכט האָסטו איהם בעקרוינט. מאַכסט איהם הערשען איבער אַלע װערק פון דיינע הענד; אַלץ האָסטו איהם אונטערגעלעגט צו זיינע פיס." *)

און די זוניגע װעלט, װאָס שטראַהלט מיט לעבען, גליק, שכל און שעהנקייט איז אַ ד י ־ װעלטיגע װעלט. אין גאַנצען פריי איז דער אידישער מאָנאָטעאיזם פון יענער צייט פון אַ װעלכער עס איז יענער װעלט, פון אַ לעבען נאָכ׳ן טויט, פון אַ גיהנום און אַ גן־עדן, פון אַ תחית המתים אין די קומענדע טעג. דער טויט איז אַן אמת׳ער טויט, אָבער ער װאַרפט ניט קיין שאָטענס אויפ׳ן לעבען. זוניג שטראַהלט אויף ער צװישען אַלע ערשיינונגען פון דער װעלט. אַז עס קומט די צייט און דער מענש װערט אין גאַנצען אויסגעדיינט, װי די פאַרטיגע תבואה, װערט ער אַריינגעבראַכט אין דעם קבר, װי די גאַרבען אין דעם שייער. **)

*) תהלים, קאַפּ. ח׳.

**) תבוא בכלח אלי קבר, כעלות גדיש בעתו. איוב ה׳ 26. אליפז׳ס בעשרייבונג פון אַ געראַכטען לעבען.

אמת, דעם גליקליכען לעבען האָט ניט יעדערער, ווייל ניט יעדערער פערדיענט דאָס. גאָט — דער פרינציפּ פון אייביגער גערעכטיגקייט — בעלוינט דעם צדיק אויף דער וועלט און בעשטראָפט דעם רשע אויך דאָ. און אויב די גערעכטיגקייט טרעט ניט אריין אין דעם לעבען פון דעם מענשען, בעוויזט זי זיך אין דורות ארום אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער. על כל פּנים איז אויסגעשלאָסען, אז איינער זאָל אויף דער וועלט ליידען אומזיסט. אלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, איז גוט; אלץ, וואָס עס פּאַסירט מיט דעם מענשען, איז גערעכט, ווייל אויך די מאָראַלישע געזעצען פון דעם וועלט־געשעהען זענען אקוראַט אזוי פעסט איינגעפונדעוועט אין דער וועלט דורך דער געטליכער „חכמה", ווי די גרענעצען פון דעם ים און דער לויף פון די שטערען.

אָט דאָס איז אין איהרע הויפּט־שטריכען געוועזען די וועלט־און־לעבענס־אנשויאונג פון דעם אידישען מאָנאָטעאיזם, אין וועלכע איוב האָט פריהער געגלויבט, און וועלכע עס האָבען געגלויבט זיינע פריינד.

ווי קאָן איוב׳ס גורל דערקלעהרט ווערען פון דעם שטאַנדפּונקט פון אזא וועלט־אנשויאונג? וואו קאָן ליעגען די סבה פון זיין אויסערגעוועהנליכען אומגליק? ניט אַנדערש, איוב האָט זיך *פערזינדיגט*, אפשר אומבעוואוסט פאַר זיך אליין, — דאָס האָט געמוזט זיין דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז ארויף אויפ׳ן זין איוב׳ס פריינד. פריהער צאַרט און מיט רחמנות צו זיינע ליידען זאָגט אליפז ארוים דעם ערשטען חשד: „דערמאָהן זיך נאָר, ווער, א ריינער, איז פערלאָרען געגאַנגען, וואו זענען גערעכטע פערטיליגט געוואָרען?" און ווי קאָן א מענש זיין אין גאַנצען ריין פאַר גאָט, וואָס פאָדערט א מאָראַלישען דין וחשבון אפילו פון זיינע מלאכים?

אליפז ברענגט איהם דערביי שוין א טרייסט, אז גאָט שטראָפט, כדי אָבצואוועגדען דעם מענשען פון זינד, וויעדער אויפצוריכטען די צושטערטע גערעכטיגקייט און וויעדער אריינצונעהמען דעם בעל־תשובה אין דעם זונניגען לעבען. דאָרטען ווערט וויעדער געשלאָסען פריעדען צווישען איהם און דער גאַנצער נאַטור,

און זיין לעבען צייטיגט זיך אויס, ווי די תבואה אין פעלד, און ענדיגט, ווי א גארב, אריינגעבראכט אין שייער צו איהר צייט.

אבער איוב פיהלט אין זיין אייגענעם הארצען, אז ער האט זיך מיט קיין זאך ניט פערזינדיגט, אז זיינע ליידען האט ער ניט פערדיענט, און אז אליין דער פאקט פון ניט פערדיענטע ליידען, וואס מוזען דאך צוגעשריעבען ווערען צו דעם גרויסען אלמאכטיגען גאט, גראבט אונטער, ווען מען טראכט זיך טיעפער אריין, אלע יסודות פון דער זונניגער, ליכטיגער וועלט־אנשויאונג. דער חשד וועגען די ריינקייט פון זיין נשמה בעליידיגט איהם. ער פיהלט אין דערינען נאך א נייעם קוואל פון נייע, ניט פערדיענטע ליידען, און זיין פאלעמיק אנטקעגען די פריינד ווערט אלץ העפטיגער און שטורמישער, — ביז ער וויל שוין נאר ניט רעדען מיט זיי און זיינע טענות שליידערט ער דירעקט דעם אלמאכטיגען אין געזיכט.

זיין קאמפף מוז ער פיהרען אויף צוויי פראָנטען: מיט די פריינד און מיט גאט. די פריינד דארף ער צווינגען, זיי זאלען מודה זיין, אז ער איז אונשולדיג, און אז זייער ראזעווער אפטימיסטישער לעבענס־בליק האט ניט קיין יסוד. מיט גאט קעמפפט ער, פאר וואס ער, גאט, איז אזא ווי ער איז...

אויף אלע חשדים, וואס די פריינד וואָרפען ארויף אויף איהם אין אלץ העפטיגערע רייד, האט ער נאר איין ענטפער: „איך בין אונשולדיג! מיך ארט ניט מיין לייב. ס׳איז מיר פער׳מאוס׳ט מיין לעבען". „ביז וואנען", פרעגט ער אין אן אנדער ארט, „וועט איהר פאר׳צער׳ען מיין נשמה און מיך צומאלען מיט אייערע רייד? שוין א מאל צעהן, ווי איהר בעשימפט מיך, און שעהמט זיך ניט מיך צו בע׳עולה׳ן!" *) און ביז צו דעם סוף פון דעם דיספוט קאן ער ניט אויסוואָרצלען פון זייער הארצען דעם חשד, אז אויב ער האט ניט געזינדיגט אין זיין פריוואט־לעבען, האט ער אפשר בעגאנגען א פערברעכען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, ווי א פירסט און א הערשער איבער מענשען. נאר צום סוף פון זיין דיספוט מוז נאך איוב ארויסטרעטען מיט זיין מאראלישען „אני־

---

*) יט, 1—2.

מאמין" און דעם בעוויז פון זיין ריינער זיטליכקייט. ער רופט גאָט פאר אַן עדות, אַז סיי אין פּריוואַט־לעבען, סיי אין געזעלשאַפטליכען לעבען, סיי אין דעם ריינעם מאַנאָטהעאיזם האָט ער קיין מאָל ניט אריבערגעטראָטען די פאָדערונגען פון דער מאָראַל, וואָס זענען אין דער זעלבינער צייט די פאָדערונגען פון גאָט.

יע, די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון רעליגיעזען גלויבען און מאָראַל האָט אפילו אַן איוב־גייסט ניט געקאָנט צורייסען. אין איינעם מיט זיינע פריינד גלויבט ער, אַז די מאָראַל שטאַמט פון דער געטליכקייט און זעהט אין איהר „אַ טהייל פון גאָט אין הימעל און אַן ארב פון דעם אלמאכטיגען אין דער הויך". אין זיין איבערגעבענקייט צו גאָט האָט ער, איוב, ניט געקאָנט זיין אונמאָראַליש. אויב ער וואָלט, צ. ב., געטראָטען מיט די פיס דאָס רעכט פון זיין קנעכט און זיין דיענסט, ווען זיי שטרייטען מיט איהם, — וואָס וואָלט ער דען געטהאָן, ווען גאָט וואָלט איהם געפאָדערט צום ענטפער? וואָס וואָלט ער געקאָנט ענטפערן? „דער וואָס האָט איהם בעשאַפען אין דעם מוטערלייב, האָט דאָך אויך מיך געמאַכט. ער **איינער** האָט דאָך אונז ביידען צוגעפּאַסט אין דעם מוטערשויס" *) אָדער: „ווען איך זאָל האָבען בעטראַכט דעם ליכטיגען שיין פון דער זון, און די לבנה ווי זי געהט אַזוי פּרעכטיג, און מיין הארץ וואָלט אין דער שטיל זיך בענאַרען געלאָזט, און מיין האַנד וואָלט איך געפיהרט צו דעם מויל, צו אַ קוש, — וואָלט דאָס אויך געוועזען אַ שטראָפבארע זינד, ווייל איך וואָלט געלייקענט אין גאָט, וואָס אין הימעל". **)

די שטעלע איז זעהר אַ מערקווירדיגע, און איך וויל, איהר זאָלט זי גוט נעהמען אין אויג. אין דעם גאַנצען קאַפּיטעל, — דעם שלום־קאַפּיטעל פון זיינע רייד, — בעשרייבט ער זיינע **פרוכע** לעבענס־פרינציפּען, זיין סעקסועלע ריינקייט אין פּריוואַט־לעבען, — „ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה", — זיין אבסאָלוטע גערעכטיגקייט אין סאָציאַלע בעציהונגען און נאָך איין מאָל, ווי פאַרביינעהענדיג, דערמאַהנט ער אויך די פאָדערונג — צו

*) הוא בבטן עשני עשהו, ויכוננו ברחם אחד. קאַפּ. ל"א, 16.
**) קאַפּ. ל"א, 29. גם הוא עון פלילי, כי כחשתי לאל ממעל.

בלייבען טריי דעם גלויבען אין איין־איינציגען גאָט, — „ווייל דאָס וואָלט אויך געווען אַ שטראָפבאַרע זינד".

ס'איז קלאָר, אַז די גאָטס־פּאַרכטיגקייט, וועגען וועלכער עס ווערט גערעדט אין איוב, איז אין איהר תוך אַריין די מאָראַלישע עהרליכקייט און ניט די רעליגיעזע, אָדער קאָנפעסיאָנעלע, פרומקייט. אָבער די מאָראַלישע עהרליכקייט איז, ווי איך האָב שוין בעמערקט, אויך פאַר איוב'ן צונויפגעבונדען מיט דעם גלויבען אין גאָט און זיין צדק ומשפט. און פון דעם שטאַנדפּונקט פיהלט איוב, אַז ער האָט זיך מיט גאָר ניט פערזינדיגט אנטקעגען גאָט, אַז זיינע ליידען זענען ניט פערדיענט און ער פיהרט אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף אנטקעגען זיינע פריינד, כדי ארויסצושלאָגען פון זיי דעם לעצטען ספק וועגען דעם.

פון דעסטוועגען דאַרף מען ניט מיינען, אַז פאַר איוב'ן אליין איז דער פּונקט אַזוי וויכטיג. געוויס האָט ער אַ בעדייטונג אויך פאַר איהם, און דער טיעפער בעוואוסטזיין פון זיין אונשולד איז געווען דער ערשטער פאַקט, וואָס האָט איהם אַרויפגעטריעבען אויף זיין רעוואָליוציאָנערען געדאַנקען־גאַנג, און איז געבליעבען איינער פון די וויכטיגסטע ארגומענטען אין זיין בעוויייז־פיהרונג. אָבער, ווי מיר וועלען באַלד זעהן, איז דער פּונקט ניט דער וויכטיגסטער. ער האָט געקעמפּפט פאַר איהם אַזוי האַרטנעקיג, ווייל ער איז דער צענטראַל־פּונקט אין די טענות פון די פריינד, ווייל אויף איהם הענגט זייער גאַנצער גלויבען אין דעם לעבענס־פריידיגען מאָנאָטעאיזם: זאָל איוב באמת זיין אונשולדיג, איז יעמאָלט אַ סוף צו גאָט'ס גערעכטיגקייט, אַ סוף צו דער גאַנצער זונניגער וועלט, וואָס האָט זיי געוואַרעמט און געליכטען, אַ סוף צו דעם גלויבען אין אַן אייביגער מאָראַל, וואָס הערשט אין דער וועלט, ווי די נאַטור־געזעצען.

„דו", שרייט אוים בלדד, „וואָס דו פערצוקסט דיין לייב אין דיין גרימצאָרן. זאָל פון דיינטוועגען די וועלט פערלאָזען ווערען, זאָל דער פעלז אַ רים געמהאָן ווערען פון זיין אָרט?" *) די פריינד קאָנען ניט צולאָזען קיין אויסנאַהם אין דעם וועלט־געשעהען צו־

---

*) טורף נפשו באפו, הלמענך תעזב ארץ ויעתק צור ממקומו. יח, 4.

ליעב איוב׳ן. מיט צאָהלרייכע ביישפּיעלען אויף צאָהלרייכע אופנים, דורך די ערפאַהרונג און דורך די קלוגשאַפט פון די על־טערן, זעהען זיי מיט אַלע כחות צו בעווייזען, אַז דער וואָס פיהרט אַ גערעכטען לעבען, איז אויך גליקליך, און דער וואָס איז אונ־גליקליך, האָט דאָס פערדיענט. איוב׳ס ליידען איז אַ סימן אויף זיינע זינד, ווייל די גערעכטיגקייט שטעהט פעסט אין דער וועלט, ווי אַ פעלז.

אָבער איוב האָט שוין לאַנג פערלאָזען די זונניגע וועלט־אַנ־שויאונג. מיט האַממער־שלעג האָט ער זי צושמעטערט, די זיסע, פריידיגע, רעליגיעזע טראַדיציע, און זיין גייסט טראָגט זיך אַרום אין „פינסטערנים, בעשאָטענט מיט טויט" און זוכט נייע וועל־טען, — שטורעמט אָן אויף גאָט.

„די אַלע זאַכען", זאָגט ער צו זיינע פריינד, וועלכע ער רופט שוין: „ליגנען־שמיערער און פאַלשע רופאים", „האָט שוין מיין אויג געזעהן, מיין אויער געהערט און האָט דאָס בעטראַכט. אַזוי קלוג ווי איהר, בין איך נאָך אויך, איך פאַל ניט אַראָב פאַר אייך, אָבער איך וועל רעדען צו דעם אַלמאַכטיגען, מיט גאָט וועל איך האָבען אַ ויכוח". *)

און אָנהויבען הויבט ער אָן מיט דער טיעפער, אומברחמנות־דיגער, האַרץ־צורייסענדער קריטיק פון דער זונניגער וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג, מיט דער קריטיק פון דעם מענשען און זיין לעבען אויף דער וועלט, וואָס פון איהר, — דער קריטיק, מיין איך, — הענגט אויך אָב די קריטיק פון דער מאָראַל און ממילא אויך די קריטיק פון גאָט.

איוב די אַלטע וועלט האָט געמאַכט אַזא גרויסען וועזען פון דעם מענשען, וואָס איהם פעהלט נאָר אַ ביסעלע צו זיין אַ גאָט, איז ער פאַר איוב׳ן אַ קליינינקער, קליינינקער, שטערבליכער וועַ־רעמעל. כמעט מיט די זעלביגע ווערטער, וואָס אין תהלים, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדער אויסטייטש אין געפיהל רופט אויף איוב אויס: „מה אנוש, כי תגדלנו, וכי תשית אליו לבך!" „וואָס איז דער

---

*) קאַפּ. ז׳, 17.

מענש, וואָס דו האַלסט פון איהם אַזוי פיעל און דו טראַכסט וועגען איהם שטענדיג?" *)

אין דער בעטראַכטונג פון דעם מענשען און זיין גורל אויף דער וועלט, איז איוב אַן אינדיווידואַליסט. ער ווייס נאָר פון דעם איינצעל־מענשען און פון דער קליינינקער צייט, וואָס ער פערברענגט אויף דער וועלט. די קינסטלעריש רוהיגע, די עסטהעטישע צופריעדענהייט מיט דעם טויט, וואָס איז געוועזן אין דעם אַלטען גלויבען, איז ביי איוב'ן פערשוואונדען. פאַר איוב'ן הייסט „געשטאָרבען" — ניט „אריינגעבראַכט אין שייער, ווי אַ צייטיגע גאַרב", נאָר: אויף אייביג פערלאָזען די וועלט. „ווי אַ וואָלקען, וואָס פערשווינדט און פערגעהט, אַזוי קומט ניט ארויף צוריק דער, וואָס געהט אין שאול. קיינמאָל וועט ער ניט קומען צוריק אין זיין הויז, קיינמאָל וועט ער ניט זעהן זיין פריהערדיגען אָרט". **)

די שטערבליכקייט פון דעם מענשען איז פאַר איוב'ן שוין גאָר ניט קיין פריידיגע מעלה. אדרבה! זי שטעלט איהם אין דעם פונקט אוועק נאָך ניעדעריגער, איידער די פלאַנץ. „אַ בוים האָט נאָך אַ האָפענונג; ווערט ער אָבגעשניטען, קומען נייע שפראָצען און זיין זווייגלינג געהט ניט צו גרונד. זאָל אפילו זיין וואָרצעל אין דער ערד אַלט ווערען, זאָל זיין שטאַם טויט ווערען אין שטויב, — פון וואַסער־דונסט הויבט ער ווידער אָן בליהען, און טרייבט צווייגען ווי נאָר וואָס געפלאַנצט. אַ מאַן אָבער שטאַרבט און ליעגט אָהן כחות; פערגעהט אַ מענש, איז — וואו איז ער?... ער לעגט זיך אַוועק און שטעהט ניט אויף. ביז די הימלען וועלען אויפהערען, וועלען זיי ניט ערוואַכען". ***)

און מיט אַזאַ אָרעם, שוואַך ווערעמעל פיהרט נאָך זיינע חשבונות, רעכענט זיך מיט איהם: געזינדיגט? ניט געזינדיגט? ער, דער אַלמאַכטיגער, פון וועמען אַלץ שטאַמט אָב, וואָס בעשטימט יעדען שריט פון דעם מענשען, וואָס איז ממילא, אין דער לעצטער שורה, אויף די סבה פון די מענשליכע זינד, — ע ר האָט נאָך

---

*) קאַפּ. י"ג און אָנהויב.
**) קאַפּ. ז', 9—10.
***) קאַפּ. י"ד, 7—13.

מענות און פאדערונגען צו דעם מענשען! אין טיעף דורכגעוועהטיגטע ווערטער, וואס ברענען זיך נאך עד היום אריין אינ'ם הארצען, אנטפלעקט איוב דעם אלמאכטיגען די גאנצע עולה פון זיין געטליכען יושר.

„אדם, ילוד אשה, קצר ימים ושבע רוגז". „דער מענש, פון א ווייב געבארען, קורץ אין טעג, געזעטיגט מיט שווערער אומרוה. ווי א בלום נעהמט ער אויף און פערוועלקט, פערפליהט ווי א שאטען, און האט ניט קיין בעשטאנד. און אויף אויף אזא האלסטו אפען דיין אויג, און אויך איהם שלעפסטו צום משפט מיט דיר... און אויב זיינע טעג זענען פעסט ביי דיר בעשטימט, אויב ביי דיר איז די צאהל פון זיינע חדשים, אויב דעם אייביגען גאנג פון זיין לעבען האסטו בעשאפען און ער קאן איהם ניט אריבערשפרייזען, איז — לאז אב ביז ער פערשווינדט, לאז איהם, ווי א טאג־ארבייטער, זיין צופריעדען מיט זיין טאג". *)

אבער גראד אט די ר ח מ נ ו ת צ ו ד ע ם מ ע נ ש ע ן, צו דעם שוואכען, שטערבליכען בעשאף פעהלט ביי דעם אויבערשטען. ער האט זיך אנגעזעצט אויף דעם מענשען און פערצאמט איהם אלע וועגען. „ווי א בארג וואס פאלט צונויף, ווי א פעלז ארויסגעריסען פון זיין ארט, ווי א וואסער, וואס צוררייבט שטיינער, ווי א שלאקס־רעגען, וואס שווענקט אראב דעם שטויב פון דער ערד, האסטו א תל געמאכט פון דעם מענשען'ס האפען. אויביג בעוויזסטו אויף איהם דיין געוואלט און — ער פערגעהט". ס'איז ניט קיין ענטפער, אז דעם מענשענ'ס לעבען פערשווינדט ניט מיט איהם, אז ער לעבט נאך ווייטער אין זיינע קינדער. דער מענש איז אן איינצעל־מענש. איז מיט איהם אויס, איז אלץ אויס. „קומען זיינע קינדער צו כבוד — ער ווייס דאס ניט; זינקען זיי אראב, איהם בלייבט דאס אומבעקאנט. נאר איבער ז י י ן לייב טהוט איהם וועה און נאר איבער זיין נשמה איז ער פול מיט טרויער". **)

דער אלטער, זוננינ־פריידיגער בליק אויף מענש און וועלט

---

*) קאפ. י"ד, 1—6.

**) ד. ג.

בויט, ווי מיר האָבען געזעהן, פיעל אויף דער געטליכער חכמה. קלאָר ליעגט זי פאַר יעדען איינעם, אַ שפיעל־חבר איז זי מיט דעם מענשען. אין דער דערקענטניס פון גאָט וואונדערליך שעהנע מעשים דרינגט ער, דער מענש, אריין ביז צו די טיעפסטע גע־דאַנקען פון גאָט'ס שכל און איז כמעט ווי אַ שותף אין די מעשה בראשית, איהם פעהלט כמעט נאָר אַ ביסעל צו גאָט. אָבער, פרעגט איוב: איז אָט דער גלויבען אין דער אָפענקייט פון גאָט'ס חכמה פאַר דעם מענשען עפּעס מעהר ווי אַן איללוזיע? קאָן דער מענש באמת זיך אַראָבלאָזען ביז צו דעם גרונט פון דעם געטליכען גע־דאַנק? איוב לייקענט ניט, אַז דער מענש איז אריינגעדרונגען אין די טיעפסטע פינסטערניסען פון די בערג, כדי אַרויסצושלעפּען פון דאָרטען — מעטאַלען און עדעל־שטיינער, אָבער — ביי זיין גאַנצער הערשאַפט איבער דער נאַטור, האָט ער ניט אָבגעדעקט דעם שלייער פון דעם געטליכען שכל. דער גאַנצער קאַפּיטעל, אין וועלכען איוב רייסט אַראָב די קרוין פון דעם מענשען'ס קאָפּ, דעם שטאָלץ פון זיין דערקענטניס, איז אַזוי שעהן געשריעבען, אַזוי מ אָ ד ע ר ן געטראַכט, אַז מיר ווילט זיך איהם ברענגען כמעט אין גאַנצען: *)

„ס'איז דאָ אַ געפינ־אָרט פאַר זילבער, אַן אָרט, וואו מען קאָן אויסוואַשען גאָלד. אייזען ציהט מען אַרויס פון דער ערד; פון שטיינער ווערט געשמאָלצען מעטאַל. אַן ענד האָט ער (דער מענש) געמאַכט צו דעם חושך און ביז צום לעצטען גרעניץ האָט ער אויס־געפאָרשט די שטיינער פון פינסטערניס און טיעפען טונקעל... פון דער ערד ציהען מיר ברויט־קערנער אַרויס... דעם סאַפיר געפינען מיר אין זיין שטיין, געמישט מיט גילדערנעם שטויב, אויף אַ וועג, וואָס איהם קען ניט דער אָדלער, וואָס דעם גייער'ס אויג האָט קיין מאָל ניט געזעהן, וואָס קיין שטאָלצע חיה איז ניט געגאַנגען אויף איהם, און וועלכען דער לייב האָט קיין מאָל ניט בעטראָטען. אויף דעם קיזעל־שטיין לעגט ער זיין האַנד, קעהרט אום בערג מיט דעם וואָרצעל אַרויף. אין שטיינער האַקט ער דורך אַ טונעל און אַלערליי

---

*) דער טעקסט איז אין אייניגע שטעלען דורכאויס פערדאָרבען און מען קאָן פון זיי ניט אַרויסברענגען קיין קלאָרען זין.

פרעכטיגקייטען האָט געזעהן זיין אויג. די קוואַלען פון שטראָמען פאָרשט ער אויס און דאָס פערבאָרגענע ברענגט ער אויף דעם ליכ־טיגען שיין"...

„אָבער די חכמה, וואו געפינט מען זי? און וואו איז דער געפין־אָרט פון דער דערקענטניס? קיין מענש ווייס ניט דעם וועג צו איהר, *) מען קאָן זי ניט געפינען אין דעם לאַנד פון די לעבע־דיגע. דער תהום זאָגט: „ניט אין מיר איז זי" און דער ים זאָגט: „אויך ביי מיר ניטאָ". מען קאָן זי ניט קויפען פאַר גין־גאָלד, ניט אָבוועגען פאַר איהר דעם פּרייז אין זילבער. זי לאָזט זיך ניט אויסגלייכען מיט אופיר־גאָלד, ניט מיט דעם טהייערסטען שוהם און סאַפיר... די חכמה! פון וואַנען קומט זי? וואו איז דער געפין־אָרט פון דער דערקענטניס? פערדעקט איז זי פאַר יעדעס לעבעדיגע אויג, פון די פויגלען פון הימעל פערבאָרגען. אפילו דער אָבגרונט און דער טויט זאָגען: „מיט אונזערע אויערן האָבען מיר עפּעס געהערט פון איהר". נאָר גאָט ווייס דעם וועג צו איהר. ער ווייס איהר געפין־אָרט"...

ער, גאָט, ווייס און לאָזט דעם מענשען אין פינסטערניס. אָבער איוב די „חכמה", די לעצטע פּרינציפּען פון דעם וועלט־בעשאַף, זענען פאַר אונז פערדעקט, — וואו נעהמט מען יעמאָלט די זיכער־הייט, אַז גאָט'ס וועגען זענען געבויט אויף גערעכטיגקייט? און איוב ביי דער בעטראַכטונג פון דער נאַטור מוזען מיר בלייבען שטעהן אָהן אַ ענטפער, ווייל מיר קאָנען ניט אריינדרינגען אין דעם געטליכען געדאַנק, וואָס האָט זי ארויסגעבראַכט, האָבען מיר דאָך אַ וועלט פאַר אונז, וואָס איהרע יסודות זענען אַזוי קלאָר: די וועלט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. וואָס טהוט זיך דאָ מיט דער געטליכער גערעכטיגקייט? ווי ווירקט גאָט אין דעם לעבען פון די מענשען?

דער אמת, וואָס אנטפּלעקט זיך דאָ פאַר איוב'ס אויג, פילט איהם אָן מיט אַזאַ שרעק, אַז ער שרייט אויף, ווי פון אַ פייל געטראָפען. „קומט אהער, איהר וועט פערשטיינערט ווערען...

*) לויט דער גריעכישער איבערזעצונג דאַרף מען לייענען „דרכה" אנשטאָט „ערכה".

דערמאָהן איך מיך וועגען דעם, ווער איך אַ פּערציטערטער; אַ שוידער געהט דורך מיין לייב. פאַר וואָס בלייבען לעבען די רשעים, ווערען אַלט און שטאַרק אין קראַפט?... *) „זיי צו־שטערען די גרענעצען. זיי רויבען די פיה־העדרען און זייערע פיטערער. דעם יתום'ס אייזעל פיהרען זיי אַוועק, דער אלמנה'ס אָקס נעהמען זיי אין משכון. די אָרימע שטויסען זיי אַראָב פון וועג. די עלענדע מוזען זיך בעהאַלטען... אויף דעם פעלד פון דעם רשע מוזען זיי בעזאָרגען זיין שניט, אין זיין וויינגאָרטען אונויפקלייבען די טרויבען. נאַקעט ליעגען זיי ביינאַכט, אָהן קליידונג, אָהן אַ צודעק אין דער קעלט. אין די בערג טריעפען זיי פון רעגען, און אָהן אַ שוץ, קלאַמערן זיי זיך ארום דעם פעלז. נאַקעט געהען זיי ארום, און הונגערענד טראָגען זיי די גאַרבען. צווישען די מויערן פרעסען זיי דעם אויל, זיי טרעטען דעם וויין אין קעלער און אליין מוזען זיי אויסגעהן פאַר דאָרשט. זיי קרעכ־צען אונטער זייער הארטען דיענסט, אָבער — — — גאָט הערט ניט זייער געבעט". **)

גאָט העלפט ניט די גערעכטע, די אונשולדיגע פערפאָלגטע. שטראָפט ער, לכל הפחות, די רשעים? אויך דאָס ניט. „זייערע קינדער שטעהען פעסט פאַר זיי... זיי זינגען הויך ביי פויקען און פידלען און פרעהען זיך ביי דעם קלאַנג פון דער האַרף. אין גליק פערברענגען זיי זייערע טעג, אין פריעדען געהען זיי אַראָב אין שאול, און זאָגען דאָך צו גאָט: „אַוועק פון אונז. פון דיינע וועגען ווילען מיר נישט וויסען". ***)

זאָל מען זיך טרייסטען מיט דעם גלויבען, אז גאָט וועט זיך דערפאַר אָבּרעכענען מיט זייערע קינדער? „אָבער וואָס זאָל איהם, דעם רשע, אַהרען זיין הויז נאָך זיין טויט, ווען די צאָהל פון זיינע חדשים איז צו ענד?" ממילא קאָן קיין רייד ניט זיין פון גאָט'ס גערעכטיגקייט אין דער געזעלשאַפט. ער האָט זיינע דרכים, וואָס

*) קאפ. כ"א, 5—7.

**) קאפ. כ"ד, 2—12. אָנשטאָט: ואלוה לא ישים תפלה (טיפלא), דאַרף מען לייענען: ואלוה לא ישמע תפלה (טפילא).

***) קאפ. כ"א, 8—14.

זעגען זעהר ווייט פון יושר. „דער שטאַרבט אין דעם פולסטען גליק, אין גאַנצען רוהיג און זיכער... און דער אַנדערער שטאַרבט אין אַ ביטער געמיט און האָט קיין מאָל פון גוטס ניט גענאָסען. אין איינעם לעגען זיי זיך אין דעם שטויב, און ווערים בעדעקען זיי ביידען". *)

אָבער, ווען אפילו עס וואָלט געקאָנט בעוויעזען ווערען, אַז אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און אין דעם לעבען פון דעם מענשען בכלל הערשט דער שטרענגסטער יושר, וואָלט דאָס אויך ניט בעפריעדיגט איוב'ן. איוב איז שוין אריבערגעוואַקסען יענע מאָראַליש־רעליגיעזע אַנשויאונג, וואָס האָט איהר העכסטען פּרינ־ציפּ געזעהן אין דער גערעכטיגקייט און ממילא אויך די העכסטע מעלה פון גאָט אין זיין יושר, אין זיין „אמת וצדק". אַ נייעה מאָראַלישער פּרינציפּ טראָגט זיך פאַר זיינע אויגען: דער ריינער „ואהבת" אָהן אַ שום בעדינג, אָהן אַ שום פערדיענסט פון דעם, וואָס מיר ליעבען: רחמנות, גרענצלאָזע ליעבע, גענאַד און מחילה פאַר דעם מענשען, וואָס ער זאָל ניט האָבען געטהאָן, ווי ער זאָל ניט האָבען געזינדיגט. גענאַד און דערבאַרמונג פאָדערט ער פון זיינע פריינד, וואָס פערביטערן זיין געמיטה, דעם שוין פער־ביטערטען, מיט דעם שטענדיגען דערמאָהנען פון זיינע זינד און זיין פערשולדיגונג. „האָט רחמנות אויף מיר! האָט רחמנות אויף מיר, מיינע פריינד", שרייט ער אויס אין אַ שטעל, „ווייל מיך האָט געטראָפען גאָט'ס האַנד. פאַר וואָס פערפאָלגט איהר מיך, ווי גאָט, און ווערט ניט זאַט פון פייניגען מיין פליישׁ". **)

און מיט דעם נייעם פּרינציפּ פון דער מאָראַל וואַקסט אין איהם אויס אַן אומבעוואוסטע בענקשאַפט נאָך אַ נייעם אידעאַל פון גאָט. ליעבע און גרענצלאָזע גענאַד וואָלט אויך לאַניש בעסער געפּאַסט צו גאָט'ס אַלמאַכטיגקייט, איידער יושר און משפט. מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, ווי משונה דאָס קומט אויס אין איוב'ס אויגען, ווען גאָט פיהרט חשבונות מיט זיין אָרימען בעשאַף, דעם

*) כ"א, 21—26.
**) י"ט, 21—22.

מענשען, וואָס קאָן אין קיין מאָמענט פון זיין לעבען ניט ארויס־געהן פון גאָט'ס געוואַלט.

„וואָס איז דער מענש, וואָס דו האָלטסט איהם אזוי גרויס און וואָס דו האָסט איהם שטענדיג אין זין? און דערמאָהנסט זיך אָן איהם יעדען פריהמאָרגען און יעדע רגע פּרובסטו איהם אויס... איז האָב איך געזינדיגט, וואָס קאָן איך האָבען געטהאָן דיר, דו היטער פון'ם מענשען? פאַר וואָס האָסטו מיך געמאכט פאַר א ציעל פון דיין אָנפאַל, פאַר וואָס פארגיבסטו ניט מיינע זינד, שאַפסט ניט אָב מיין פערשולדונג? ווייל אָט באלד לעג איך מיך אין שטויב, און זוכסטו מיך, בין איך שוין ניטאָ". *)

דאָ, ביי דעם העכסטען שטאַפּעל פון איוב'ס געדאַנק, מוזען מיר זיך א ווייַלע אָבשטעלען און ציהען דעם סך־הכל פון זיינע בעטראַכטונגען.

עס קאָן איינעם אויסדוכטען, אז די גאַנצע פרייגייסטעריי פון איוב'ן בעשטעהט, ווי אין דער „ראדיקאַלעכץ" פון אונזערע טעג, אין דעם, וואָס ער רעדט עזות'קייטען אנטקעגען גאָט. מיט דעם אונטערשייד, — און דעם גרויסען אונטערשייד, פערשטעהט זיך, — וואָס אונזער כלומרשט'דיגער ראדיקאַל טהוט דאָס, ניט גלויבענדיג אין די עקזיסטענץ פון גאָט, בעת איוב'ן איז קיין מאָל ניט ארויף אויפ'ן זינען זי אָבצולייקענען. אָבער דער רעזולטאַט איז דערזעלביגער: אויפּוויזען, אז גאָט איז אומגערעכט, אז ער פערדיענט דעריבער ניט, מען זאָל איהם „דיענען", — אָט דאָס, ווייזט אויס, איז ביידענ'ס ציעל.

אין דער אמת'ען איז אזא אויבערפלעכליכער געדאַנק זעהר ווייט פון איוב'סווירקליך טראַגישען פילאָסאָפירען. ער איז ניט קיין „פריי־דענקער"; ער איז א פרייער דענקער. ער וויל אויס־געפינען קודם כל פאַר זיך אליין, אין וואָס בעשטעהט די נאַטור פון גאָט, וואָס איז זיין שייכות צו דעם מענשען, און וואָס פאַר א זיכערען פונדאַמענט קאָן דער מענש האָבען פאַר דעם אויפבוי פון זיין מאָראַל. אויסגעפינען מוז מען דאָס אַליין מיט דעם אייגע־נעם שכל.

*) קאַפּ. ז, 17—21.

ס'איז מערקווירדיג! אין דער צייט פון אונזער קינדהייט האבען מיר געגלויבט אין דעם קינדישען גלויבען, אז א גאט האט זיך געקאנט אנטפלעקען פאר מענשען, רעדען צו זיי, און אליין דערצעהלען זיי וועגען זיין מהות און וועגען זיין נאטור; אז ער איז א שטרענגער גאט און א גערעכטער גאט און דערגלייכען. מיר האבען איצטער דעם קינדישען קינדער־גלויבען פערווארפען. מיר האבען דערביי אבער זיך ניט אוועקגעשטעלט די פראגע: פון וואנען זשע דען האבען אונזערע עלטערן גענומען זייערע פארשטעלונגען וועגען גאט און זיינע אייגענשאפטען? ערשט ווען מען שטודירט דורך קריטיש די ענטוויקעלונג פון דעם אידישען געדאנק וועגען גאט, זעהען מיר, אז די הויפט־ראָליע אין דער בעשטימונג פון זיינע אייגענשאפטען האט ביי די נביאים, די בעשאפער פון דעם מאנאטעאיזם, געשפּיעלט דער פרייער שכל, — פריי פון די הערשענדע טראדיציעס פון זייער צייט, — אין איינעם מיט די ערפאהרונגען פון דעם לעבען, און די פערבארגענסטע בענקשאפט פון זייער נשמה נאך אן אידעאלען זיין. און ווען איך זאג די ערפאהרונגען פון דעם לעבען, — מיין איך דערמיט יענעם אלגעמיינעם א י י נ ד ר ו ק, וואס דער דענקער בעקומט פון דער נאטור און דעם מענשליכען לעבען. ווען דער דענקער (לאז זיין: דער נביא) פערזיכערט אונז, אז גאט איז אן אל קנא ונוקם, אן אייפערזיכטיגער און ראכע־דארשטיגער גאט, אז ער מאהנט אויף די זינד פון די פעטער ביי דעם דריטען און פערטען דור, איז דאס אין תוך אריין אקוראט ווי ער וואלט געזאגט: „דער איינדרוק, וואס אויף מיר מאכט נאטור און מענשליכער לעבען איז אזא, א ק ו ר א ט ו ו י זיי וואלטען בעהערשט געווארען פון א גאט, וואס האט אזעלכע אייגענשאפטען". און מיין געוויסען זאגט מיר, אז אזא גאט איז א גוטער און גערעכטער גאט. אבער די דענקער פון א מאל האבען בשום אופן ניט געקאנט בעגעהן זיך אזוי קריטיש מיט דעם אייגענעם געדאנק, זעהן אין איהם נאר א פראדוקט פון דעם אייגענעם שכל.

און ווי קאנען מיר אזא זאך פערלאנגען פון זיי, ווען אפילו דענקער און וויסענשאפטליכע פארשער פון דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט האבען זיך ניט געקאנט אויפהויבען צו אזא הויך.

עס איז איצטער שוין כמעט אַלעמען בעקאַנט, אַז בעת די כעמיקער האָבען גערעדט (און רעדען נאָך) וועגען אַטאָמען, איז דער אמת׳ער זין פון זייערע רייד געווען (און איז נאָך עד היום) אַזאַ: די כעמישע פּראָצעסען שפּיעלען זיך אָב אַזוי, אַ ק ו ר אַ ט ווי די סובסטאַנצען וואָלטען בעשטאַנען פון מאַטעריעלע אַטאָמען מיט אַזוינע און אַזוינע אייגענשאַפטען. אָבער וויפיעל כעמיקער האָבען אין פשטות געגלויבט (און גלויבען נאָך עד היום), אַז דער מאַטעריעלער אַטאָם איז אַן אַבסאָלוטער אמת! די סברה, וואָס האָט זיך געלעגט אויפ׳ן שכל, וואָס קאָן אַזוי גוט אַלץ דערקלעהרען, ווערט ביי אַ וועניג קריטישען גייסט פערוואַנדעלט אין אַן אונצווייפעלבאַרען אַבסאָלוטען אמת.

אין נאָך אַ גרעסערער מאָס האָט דערזעלבינער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון דעם מענשליכען, אין זיך גלויבענדען דענקען, געמוזט זיך אָבשפּיעלען ביי די אידישע אויפבויער פון דעם מאָנאָטעאיזם. דער „גערעכטער און איינציגער אַלמאַכטיגער גאָט" איז געווען די בעסטע טהעאָריע, כדי צו דערקלעהרען נאַטור און מענשען־לעבען, ווייל זי האָט אויפ׳ן בעסטען אופן צונויפגעשטימט מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס דער פריי דענקענדער מענש פון יענער צייט האָט פון זיי בעקומען. און ניט קיין קליינע ראָליע, — אפשר גאָר די גרעסטע, — האָבען דערביי געשפּיעלט די פאָדערונגען און אידעאַלען פון דעם אייגענעם געוויסען. עס איז דעריבער פאַר זיי געווען אונמעגליך אויף אַ האָר צו זיין מסופק אין דער ריכטיגקייט פון זייער טהעאָריע. גאָט און זיינע בעשטימטע אייגענשאַפטען זענען געוואָרען אַ רעאַלער פאַקט, ווי דער אַטאָם פון דעם וועניג קריטישען כעמיקער פון אונזערע טעג. און מענשען מיט אַ לעבהאַפטער פאַנטאַזיע און צו צאַרטע און צו שטאַרק אָנגעצויגענע נערווען, ווי די נביאים זענען בלי ספק געווען, האָבען געקאָנט הערען שטימען און זעהן זעהונגען, וואָס האָבען צונויפגעשטימט מיט זייער גלויבען אין גאָט, — שטימונגען און זעהונגען, וואָס אין זייער רעאַליטעט האָבען זיי אויך ניט געקאָנט צווייפלען. אויף אַזאַ׳ן אופן איז אויסגעוואַקסען די „אַנטפּלעקונג", גאָט׳ס דירעקטער אויפטראָגען זיך מיט דעם מענשען, און מיט איהר — די זיכערקייט, אַז די מענשליכע געדאַנקען און אידעאַלע פאָרשטע־

לונגען וועגען גאָט זענען איבער־מענשליכע מיטטהיילונגען פון גאָט אליין.

מיר זעהען דאָ איוב'ן אין אַ מאָמענט, ווען ביי דעם אידישען פריי־שאַפענדען געדאַנק האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן די אידעאַלע מאָדערונגען פון דעם הארצען מיט די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען וועגען גאָט, און איוב פיהלט, אז דער איינדרוק פון נאַטור און מענשען־לעבען שטימט ניט צונויף ניט מיט דער טראַדיציאָן, ניט מיט די נייע פאָדערונגען פון זיין געוויסען. און אין דערין ליעגט די אינווענינגסטע טראַגעדיע פון זיין געדאַנק, די טראַגעדיע פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע, וועלכע האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז די פאָדערונגען פון דעם געוויסען וועלען אויפבויען אַ נייעם אידעאַל און אַ גאַנצע וועלט פון גייסטיגע בנינים, וואָס וועלען העלפען צונויפקלינגען די שטים פון דעם נייעם אידעאַל מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק פון וועלט און לעבען. אָבער דער נייער אידעאַל איז נאָך ניט בעשאַפען.

איוב איז אַ שטאַרקער און פרייער גייסט, ביי וועמען דער אָביעקטיווער אמת שטעהט אויפ'ן ערשטען פּלאַן, ווי וועה דער אמת זאָל ניט טהאָן דעם הארצען, ווי צובראָכען דערפון זאָל ניט ארויסגעהן די נשמה. דעריבער זעהט ער קודם כל קלאָר ווערען אין דעם זין פון דעם, וואָס ער זעהט מיט זיין אומדערשראָקענעם אויג, אין דעם זין פון יענעם איינדרוק, וואָס ער האָט פון וועלט און מענשען־לעבען.

און דער רעזולטאַט, צו וועלכען ער קומט, איז אזא: עס איז קעווים דאָ אַן אַלמאַכטיגער און אַל־קלוגער גאָט; זיינע וואונדערליכע מעשים שטייגען אריבער דעם מענשליכען פערשטאַנד, אָבער עס איז אונמעגליך צו דענקען, אז צו זיינע איינענשאַפטען געהערט די מענשליכע גערעכטיגקייט. ער מאַכט ניט קיין נפקא מינה צווישען דעם צדיק און דעם רשע. איהם אַרט ניט דעם מענשענ'ס טובה און די גערעכטיגקייט. אַן אנדער זאַך ליעגט איהם אין זין: די ליעבע צו זיין אייגענער אַל־מאַכט. „רעדט מען וועגען קראַפט פון דעם שטאַרקען, איז ער דאָ; אָבער רעדט מען וועגען גערעכטיגקייט, — זאָגט איוב, —

איז, — „ווער קאָן איהם אויפפאָדערן?". *) דעריבער איז ווענינ צו וויסען, אז גאָט איז גלייכגילטיג צו דעם מענשען'ס גליק. מען דארף געהן נאָך ווייטער. דער איינדרוק פון נאטור און לעבען איז אזא, אז גאָט שפּיעלט זיך מיט דעם מענשען און האָט הנאה פון זיין ליידען. ער פיהרט מלחמה אנטקעגען איהם, בעטראכט איהם ווי א פיינד. „איך האָב געלעבט רוהיג, האָט ער מיך צו־שמעטערט, ער האָט מיך אָנגענומען פאר'ן גניק און צובראָכען אויף פיצלעך. ער האָט מיך אוועקגעשטעלט ווי א ציעל־ברעט פאר זיך, עס שווירבלען ארום מיר זיינע פיילען. אָהן רחמנות האָט ער צושפּאָלטען מיינע ניערען, אויסגעגאָסען אויף דער ערד מיין גאל. א ברעש נאָך א ברעש לעכערט ער אין מיר דורך, שטורמט איין אנטקעגען מיר ווי א קריעגס־העלד" *), כאראקטעריזירט איוב נים אָהן סארקאזם.

אויב גאָט טהוט דאָס ניט אויס א גרונד, וואָס איז אונז בע־קאנט, קאָן דאָס שטאמען נאָר פון אן אינוועניגסטער ליעבע צו בייז־טהאָן, אָדער אויס א פּשוט'ען שפּיעל אין מאכט און פון דער הנאה מיט דער אייגענער קראפט. גאָט בעקומט דאָ ביי איוב'ען א דעמאָנישען, טייוועלשען שטריך. על כל פנים, האָט דער מענש נאָר נישט וואָס צו האָפען פון איהם. אין די צייטען פון אומ־גליק האָט ער ניט וואָס צו זוכען הילף ביי גאָט. ער וועט איהם נאָך אפשר פערמעהרען זיין צער.

„א שפּאָט פאר זיין פריינד", זאָגט איוב, „ווערט דער, וואָס רופט צו גאָט, ער זאָל איהם דערהערען. דעם אונגליקליכען פער־אכט ער, דער שטארקער און זיכערער. א שטויס צו די, וועמעס פוס עס האלט שוין אין וואנקען! אין פריעדען בלייבען אָבער די געצעלטען פון די רויבער, און עס לעבען אָהן זאָרג די, וואָס דערציערענען גאָט". ***)

טראכט מען זיך אריין אין דער כאראקטעריסטיק פון גאָט,

---

*) אם לכח אמיץ הנה, ואם למשפט מי יועידני, קאפּ. ט', 19.

**) ט"ז, 12—15.

***) לויט דעם קריטיש אויסגעבעסערטען טעקסט פון קאפּ. י"ב, 4—6.

וועלכע איוב מאַכט דאָ, בעקומט מען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גערעדט צו אונז מיט די ווערטער פון נ י ע ט צ ש ע.

די נאַטור (אָדער גאָט) ווייס ניט פון קיין מאָראַל, פון קיין „גוט" און „שלעכט". די וועלט־סובסטאַנץ האָט נאָר איין גרויסען ווילען, דעם ווילען צו מאַכט. דער מעכטיגער איז דער גערעכטער. און אַקוראַט ווי ניעטצשע, ציהט אויך איוב פון דעם געדאַנק די נויטווענדיגע קאָנסעקווענץ, אַז די מאָראַל אָדער, — וואָס פאַר יענער צייט איז געווען איין־און־דיזעלביגע זאַך, — די רעליגיעזע איבערגעבענקייט צו גאָט, האָט קיין ברעקעל פערנינפטיגען יסוד ניט.

קורץ און קלאָר פאָרמולירט אָט דעם גרונד־געדאַנק איוב׳ס אליהו, יענער נייער דיספוטאַנט, וועמען אַ שפּעטערדיגער מחבר האָט אריינגעפיהרט אין דער פּאָעמע. מיט אַ שאַרפען בליק האָט ער אַרויסגעפונען, אַז דער צענטער, ארום וועלכען עס דרעהט זיך סוף־סוף דער דיספוט, איז דאָס פּראָבלעם וועגען „גוט" און „שלעכט". „לאָמיר", זאָגט ער, „אויסקלייבען דאָס רעכטע, לאָמיר צווישען אונז אויסגעפינען, וואָס איז גוט... ווייל איוב האָט געזאָגט: איך בין פריי פון שולד און גאָט האָט אָבגעטהאָן די גערעכטיגקייט פון מיר..." און ער האָט געזאָגט: „דער מענש האָט קיין נוצען ניט דערפון, וואָס ער פאָלגט דעם רצון פון גאָט". *)

„לא יסכן גבר ברצותו אם אלהים!" עס לוינט ניט דעם מענשען צו פאָלגען גאָט׳ס געבאָט! אַ־פּנים, אַז דער שטן איז געווען גערעכט: „עור בעד עור". דער מענש איז אַ פעל־הענדלער, וואָס גיט אַ פעל פאַר אַ פעל. ער וועט דיר זיין גוט און פרום אַזוי לאַנג, ווי דאָס לוינט איהם. און וועט אַוועקוואַרפען אַלע זיינע מאָראַלישע אידעאַלען און פּרינציפען, ווי נאָר ער וועט איינזעהן, אַז זיי האָבען פאַר איהם ניט קיין פּראַקטישען ווערט.

אָבער דער שטן האָט פאָרט געהאַט אַ טעות אין איוב׳ן. מיט דעם אָביעקטיווען שכל דערגאַנגען צו דעם עקסטרעמען אָביעקטיוויזם, וואָס גראָבט אונטער אַלע יסודות פון דער מאָראַל, צו־

*) קאַפּ. ל״ד, 4—9. משפט נבחרה לנו, נדעה בינינו מה טוב, כי אמר איוב צדקתי ואל הסיר משפטי... כי אמר לא יסכן גבר ברצותו עם אלהים.

שפּאַלט זיך איוב'ס געדאַנק אין צוויי פֿערשיידענע שנור־פּערעל, וואָס פּלעכטען זיך דערנאָך ווידער אַרום, איינע אַרום דער אַנדערער. ער ווייס אויף זיכער, אַז קיין מאָראַל און קיין גערעכטיגקייט איז ניטאָ. ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט. און דאָך פֿיהלט ער, אַז ער, איוב, טראָגט אין זיין אייגענער ברוסט אַן אידעאַל פֿון גערעכטיגקייט, און ער, דער דערשלאָגענער, שוין כמעט אין גאַנצען צוטראָטענער וואָרעם, הויבט זיך פּלוצלונג אויף אין זיין גאַנצער מענשליכער הויך און פּראָטעסטירט, פֿאַר וואָס דער אַלמאַכטיגער גאָט האָט ניט קיין גערעכטיגקייט, און פֿאָדערט איהם אַרויס, ער זאָל זיך קומען פֿערענטפֿערן פֿאַר דעם מענשען. ער ווייס, אַז ער שפּיעלט זיך דאָ מיט זיין לעבען. אָבער איוב איז אַ העראָאישע נאַטור. זיין אידעאַל איז איהם טהייערער פֿאַר זיין גליק. „שווייגט!“ — זאָגט ער צו זיינע פֿריינד — „איך וועל רעדען. זאָל קומען איבער מיר, עס מעג זיין וואָס עס וויל. איך נעהם מיין פֿלייש אין מיינע צייהנער און מיין לעבען שטעל איך אין קאָן... יע, ער וועט מיך טויטען; דאָ איז ניטאָ וואָס צו האָפֿען. אָבער מיינע וועגען מוז איך קלאָר מאַכען איהם אין פּנים אַריין“. *)

וואָס פֿאַר אַ געוואַלטיגע קראַפֿט! מיט איין שוואונג הויבט ער זיך דאָ אויף צו אַן אונענדליכער הויך. לאָז גאָט זיין, ווי גאָט איז, לאָז די וועלט זיין, ווי די וועלט איז, — איך, איך, דער מענש, איוב, דאָס וואָלקענדעל, וואָס האַלט ביים פֿערגעהן, איך פֿאָדער פֿון גאָט דין וחשבון. איך מוז איהם בעווייזען מיינע וועגען; און ווען אפילו דאָס זאָל מיך קאָסטען דער לעבען, בלייב איך טריי מיין פֿאָדערונג, טריי מיין מענשליכען אידעאַל, וואָס האָט ליידער קיין שטיצע ניט ערגעץ ניט, ניט אין דער נאַטור, ניט אין דער געזעלשאַפֿט, ניט ביי גאָט אַליין. און זאָל אַנטקעגען מיר זיין דער גאַנצער וועלט־אַל, מיט אַלע זיינע מיר פֿיינדליכע קרעפֿ־

*) קאפּ. י"ג. החרישו ממני ואדברה אני, ויעבור עלי מה... אשא בשרי בשני ונפשי אשים בכפי. הן יקטלני לא איחל, אך דרכי אל פניו אוכיח.

טען, „איך האָב אָנגעהויבען דעם משפט און איך וויס, אז איך בלייב גערעכט". *)

און עפּעס זעלטען שעהנעס און צאַרטעס, אָבער דערביי אויך שטאָהל־און אייזען־שטאַרקעס שפּיעלט זיך דערביי אָב אין איוב'ס נשמה. ער וויס, אז עס האָט ניט קיין זין צו רופען צו גאָט, ער וויס, אז גאָט האַלט ניט פון גערעכטיגקייט. אָבער אין הארצען בענקט ער אזוי נאָך אַ גערעכטער ליעבעפולער וועלט־קראַפט, און זיין גאַנצע נשמה ציהט זיך צו גאָט אין קינדליכער ליעבע און גע־בעט, ער זאָל אראָבגעהן, ער זאָל זיך בעוויזען, און זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז אונגערעכט, אַז דער העכערער אמת איז ביי איוב'ן. אָהן אַ ברעקעל פערשטענדיגע לאָגישע קאָנסעקווענץ, געטריעבען נאָר פון דעם אינעווענינגסטען אינסטינקט פון יושר, פון אַ קינדישער, צוטרוייליכער ליעבע צו אַן אידעאַלען הערשער פון דער וועלט, זאָגט ער צו זיינע פריינד: „אל אלוה דלפה עיני, ויוכח לגבר עם אלוה": „צו גאָט הויב איך אויף מיינע אויגען פול טרעהרען, זאָל ער בע־שאַפען פאַר דעם מענשען רעכט אַנטקעגען גאָט!". **)

אין זיין גייסטיגער קלעמעניש, אין דעם טראַגישען קאָנפליקט פון זיינע געדאַנקען און געפיהלען פּראָטעסטירט ער און בעט, פאָ־דערט מיט אויגען פול טרעהרען, גאָט זאָל זיך איהם בעווייזען און זיין איוב'ס עדות אנטקעגען זיך אליין. ער, איוב, קאָן איהם געבען אַ חשבון פון יעדען שריט פון זיין לעבען. ווי אַ פירסט וועט ער אַרויסטרעטען אַנטקעגען איהם. ***)

און גאָט האָט זיך בעוויזען. פון אַ געוויטער־שטורם האָט אַרויסגעדונערט זיין קול. אין צוויי רעדען האָט ער געפיהרט זיין גייסטעס־קאַמפף אַנטקעגען איוב'ן און נאָך יעדער רעדע האָט ער טריאומפירט איבער איהם.

אין דער ערשטער רעדע שילדערט גאָט זיינע געוואַלטיגע טהאַטען אין דער נאַטור און אין דער בעלעבטער וועלט אַ חוץ דעם מענשען, ווי ער וואָלט געוואָלט בעווייזען, אַז אַ חוץ דעם מענשען

---

*) ד. ג., 18: הנה נא ערכתי משפט, ידעתי כי אני אצדק.
**) ט"ז, 20—21.
***) ל"א, 37. מספר צעדי אגידנו, כמו נגיד אקרבנו.

האָט ער נאָך אויך ארבייט געגוג. מיט סאַרקאַזם פרעגט ער אַלע ווילע איוב׳ן, אפשר קאָן ער דאָס אויך אַזוי מאַכען, אָדער פערשטעהט ער לכל הפחות, ווי דאָס ווערט געמאַכט? און איוב האָט זיך אונטערגעגעבען. „אמת, איך בין צו קליין. וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? איך לעג מיין האַנד אויף מיין מויל. איך האָב דאָס איינמאָל גערעדט און וועל ניט נאָך אַ מאָל רעדען. צוויי מאָל און מעהר טהו איך עס ניט". *)

אין דער צווייטער רעדע, וואָס איז פול מיט דעם זעלביגען שטאָלצען סאַרקאַזם, אַרגומענטירט גאָט, אַז איוב האָט קיין רעכט ניט צו פאָדערן גערעכטיגקייט פון איהם, ווייל ער, איוב, קאָן ניט, ווי גאָט, פערלענדען די רשעים מיט איין בליק און ווייל ער, איוב, האָט ניט קיין מאַכט ניט איבער דעם ניל־פערד, ניט איבער דעם קראָקאָדיל.

און איוב ענטפערט: „איך וויים, אַז דו קאָנסט אַלץ; אַלץ קאָנסטו אויספיהרען, וואָס אין דיין זין. דעריבער: איך האָב גערעדט, און האָב עס ניט פערשטאַנען, וואונדערליכע זאַכען, וואָס איך האָב ניט געוואוסט. איך האָב געהערט פון דיר נאָר וואָס דאָס אויער קאָן הערען. איצטער אָבער האָט דיך מיין אויג געזעהן. דעריבער פערדריסען מיך מיינע רייד. איך האָב חרטה אין שטויב און אַש". **)

ליינט מען גאָט׳ס רעפּליקען, ווערט מען פערוואונדערט פון דער שעהנקייט און פאַרבען־רייכקייט, מיט וועלכער דער דיכטער מאָלט אויס אין דער ערשטער רעדע די איינצעלנע נאַטור־ערשיינונגען, ארויסגעכאַפּט פון אַלע וויכטיגע ממשלות פון דעם וועלט־ליכען זיין. עס ווערט אויפגעבויט פאַר דעם אויג אַן איינהייטליך בילד פון דער וועלט, וואָס שטייגט אריבער אין איהר קלאָרקייט און פּראַכט דאָס וועלט־בילד אין „ברכי נפשי". מעהר נישט, דער מענש פעהלט אין איהר אין גאַנצען. די צווייטע האָט נאָך שטאַרקערע נאַטור־סצענען, אָבער פון דיין פאַנטאַסטישע וועזענס, אין וועמעס עקזיסטענץ די אידישע דענקער האָבען געגלויבט. ביידע

*) קאַפּ. מ׳, 3—5.

**) קאַפּ. אב, 1—6.

שירים בעוויזען, ווי שטאַרק דער אידישער גייסט האָט זיך אינ־טערעסירט מיט נאַטור־ערשיינונגען און ווי ווייט מען איז שוין גע־קומען אין דעם פּרט פון ריינע נאַטור־בעשרייבונג. אָבער — נאָך מעהר ווערט מען פעוואונדערט, ווי אָרים עס איז אין לאָגיק נאָט'ס ענטפער אויף איוב'ס טענות. אין דער אמת'ען ענטפערט נאָט גאָר נישט, און ער זאָגט איהם קיין זאַך ניט, וואָס איוב האָט פריהער ניט געוואוסט אין פּרינציפּ. ער שילדערט זיין אַלמאַכט. האָט דען איוב דאָס ווען עס איז געלייקענט? אדרבא; נאָט'ס אַל־מאַכטיגקייט איז דער באָדען, אויף וועלכען עס קאָן ערשט ארויס־וואַקסען די גרויסע איוב־שאלה וועגען דער גערעכטיגקייט אין נאַ־טור און מענשען־לעבען. ער מאָלט איהם אוים מיסטעריעזע ער־שיינונגען, וואָס זענען אַזוי שווער צו פערשטעהן מיט'ן מענש־ליכען שכל. ער שילדערט איהם דאָס ניל־פערד און דעם קראָ־קאָדיל, וואָס פון זיין מויל רייסען זיך ארויס פלאַמען און עס שפּריצען פייער־פונקען, וואָס פון זיינע נאָז־לעבער שלאָגט אַ דאַמפּף ווי פון אַ זידענדען טאָפּ, און וועמעס אַטהעם עס צינדט אָן, ווי אַ פייעריגע קויהל. וואָלט נאָט גערעדט צו אַ מאָדערנעם איוב, וואָלט ער אַזעלכע קינדישע זאַכען ניט דערצעהלט. ער וואָלט געקאָנט בעסער אויפמישען אַ בלעטעל פון וועלכער וויסענ־שאַפט איהר ווילט און מיט דעם זעלביגען שטאָלצען סאַרקאַזם פרעגען, צ. ב., אין איינעם מיט ספּענסער'ן: „פערשטעהסטו, מענש, ווי אַזוי אַ מאַטעמאַטישער געזעץ איז מעגליך? האָסטו אַ השגה, וואָס אַזוינס איז דער רוים? קאָנסטו בעגרייפען בעוועגונג? קאָנסטו פערשטעהן, ווי אַזוי עס ווערט געבאָרען בעוואוסט־זיין?" מיט די אַלע פראַגען און מיט טויזענדער אַנדערע וואָלט נאָט צוגעשפּאָרט צום וואַנד און שטאַרק פערשעהמט דעם גרעס־טען געלערנטען און דעם טיעפּסטען דענקער.

אָבער — וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו איוב'ס טענות? האָט דען איוב אַליין זיך ניט בעקלאָגט, וואָס די חכמה איז פער־באָרגען פון דעם מענשען? איז — וואָס האָט איהם נאָט דאָ אַזוינס געזאָגט, וואָס ער איז מיט אַ מאָל מטושטש געוואָרען, וואָס זיין גאַנצער געוואַלטיגער גייסט איז מיט אַ מאָל צונויפגעבראָכען געוואָרען און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין שטויב און אַש?

נאָך מיין מיינונג נאָך קאָן מען געבען דערויף נאָר איין־
איינציגע דערקלעהרונג: מיט איוב'ן האָט פּאַסירט דאָס, וואָס
קומט אַ מאָל פאָר מיט גאָר גרויסע און שטאַרקע גאָט־שטורעמער,
וועמעס נשמה איז פול מיט אויפרודערנדע שאלות. עס בעוויזט
זיך זיי גאָט, אָדער זיי גלויבען באמונה שלמה, אַז גאָט האָט זיך
אַנטפּלעקט צו זיי, זיי דערשפּירען זיין עקזיסטענץ אין זיך נופא,
זיי הערען זיין שטים קלינגען אין דער אייגענער ברוסט, און מיט
אַ מאָל שטאַרבען אָב אַלע פראַגען. אַזאַ פאַל האָט, צ. ב., נאָך
גאָר ניט לאַנג פּאַסירט מיט טאָלסטאָי'ען. לאָגיש פערענטפערט
זיין נייער גלויבען קיין איין איינציגע פראַגע ניט, וואָס ער האָט
זיך פריהער געשטעלט אין דער צייט פון פערצווייפלונג. אָבער
פּסיכאָלאָגיש זיינען אַלע יענע פראַגען פערשוואונדען, ווי נאָר ער
האָט דערשפּירט אַ פונק פון דעם געטליכען זיין אין זיך. פאַר
איינע האָט דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פּראָצעס אַ מיסטישע
בעדייטונג; זיי גלויבען באמת, אַז אין אַזעלכע פעלען פאַלט פאַ־
נאַנדער די שייד־וואַנד צווישען מענש און גאָט. פאַר אַנדערע איז
דאָס ניט מעהר ווי אַ ריין פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס: אַ דמיון
אין דעם מענשען, זיין אייגענער זיך־אָבנאַרען. אָבער איינס איז
זיכער, און לויט דער רייכער ערפאַהרונג, וואָס איז געזאַמעלט
געוואָרען אויף דעם פעלד, מוזען אַלע צוגעבען, אַז דער מענש, וואָס
לעבט דורך דעם דאָזיגען פּראָצעס פון שטעהן פּנים־אל־פּנים מיט
גאָט, ווערט אינוועניג אין גאַנצען פערוואַנדעלט. זיין געפיהלס־
וועלט בעקומט פּלוצלונג אַן אַנדער געשטאַלט. די חושך־וואָלי
קענס ווערען פערטריעבען. אַ געפיהל פון אונענדליכען צוטרוי
צו דער וועלט און דעם געטליכען פיהר וואַקסט אויס אין דער
נשמה און פון די טויזענדער שאלות, די הונגעריגע וועלף מיט די
ברענענדיגע אויגען, לאַכט מען זיך אויס און זיי פערשווינדען פון
דער נשמה. ס'איז אַקוראַט ווי אַ קינד, פערוואָגעלט אַליין ביי
דער נאַכט אין אַ געדיכטען וואַלד, צוואוואונדעט פון די דערנער,
צושראָקען פון די געשפּענסטער וואָס ער זעהט פון יעדען בוים,
פון יעדען צווייג, וואָלט פּלוצלונג דערהערט די טריט און די שטים
פון זיין פאָטער, דערשפּירט, ווי ער נעהמט איהם אויף זיינע הענד
און טראָגט איהם מיט זיך. ווער הערט זיך יעמאָלט איין אין די

מוסר־רייד פון דעם פאטער, און וואס איז די נפקא מיניה, וואס ס'איז געוועו, — אבי מען איז נאהענט צו דעם פאטער'ס ברוסט...

דאס איז אויך געווים געוועו די פסיכאלאגיע פון איוב'ן. „פריהער האב איך נאר געהערט פון דיר, איצטער זעהט דיך מיין אויג!“ — און א סוף צו אלע שאלות. פאר איוב'ן איז דאס פראבלעם פון זיין ליידען פערענטפערט געווארען אויף א ריין־סוביעקטיווען, מיסטישען אדער פסיכאלאגישען וועג.

אבער קאן דאס זיין אן ענטפער פאר אונז?

געווים, מיין איך דא ניט די פון אונז, וואס זענען זיכער, אז קיין גייסטיגער וועלט־פרינציפ איז במציאות ניטא, אז אלץ שפיעלט זיך אב לויט בלינדע נאטור־קרעפטען, ד. ה. אין לעצטער ליניע, דורך א פשוט'ען צופאל. איהר קאנט ניט פרעגען ביי די מחנות מיקראבען, פאר וואס'ערע זינד מיינע זענען זיי אנגעפאלען אויף מיין קינד, וואס זיי האבען צו איהם אדער צו מיר געהאט און פאר וואס זיי האבען איהם געטויט? פאקטען! געזעצען! א שטומע, טויבע, טויטע נאטור! — פאר די וואס גלויבען אזוי, עקזיסטירט ניט די איוב־שאלה, דארפען זיי ניט קיין ענטפער אויף איהר.

אבער פארהאן א סך צווישען אונז, וועמען דער קריטישער געדאנק פון אונזער צייט האט אויפגעוועקט פון דעם שווערען קאשמאר, וואס האט געדריקט אויף דעם שכל אין דער פארם פון דעם גלויבען אין א שטומע, טויבע, טויטע נאטור!

עס איז בעוויזען געווארען די מעגליכקייט, מיט נאך מעהר רעכט צו גלויבען אין א גייסטיגען פרינציפ פאר דעם אלגעמיינעם וועלט־פראצעס, איידער אין דער טויטער מאטעריע, און דער מעטאפיזישער כח הדמיון האט ווידער גענומען וועבען פאר אונזער דור זיין געוועב פון פאנטאסטישע לבנה־שטראהלען. און מיט די נייע בילדער, די נייע מעגליכקייטען זענען אויסגעוואקסען אויך די אלטע, אייביג יונגע פראבלעמען און צווישען זיי דער צענטראל־פונקט פון דער איוב־טראגעדיע: וואס איז דער זין פון דעם מענשליכען ליידען?

קיינער האט אזוי שוין ניט אויפגעשטעלט דאס פראבלעם,

זוי דער מחבר פון איוב, אָבער קיין ענטפער דערויף האָט ער ניט געגעבען.

אויך די פּאָר קאַפּיטלען פון אליהו'ס אַרגומענטען, וואָס זענען אַריינגעשטעלט געוואָרען שפּעטער, צווישען איוב'ס רייד און גאָט'ס ענטפער, לאָזען אונז אומבעפריעדיגט, ווען אַפילו עס וואַרפען זיך דורך אין זיינע ווערטער אַ סך עכטע פּערעל פון אַ טיעפען, אָריגינעלען פילאָסאָפישען דענקען.

אזוי זאָגט ער אַרויס, צ. ב., אין דער פראַגע פון דער מענש־ליכער מאָראַל אַ טיעפען און פּראָגרעסיווען געדאַנק פאַר זיין צייט, אַז די פרומקייט איז ניט פאַר גאָט, און אַז גאָט נוֹיטיגט זיך ניט אַפילו אין דעם צאַרטעסטען האַרץ־גלויבען פון דעם מענשען. די פרומקייט, ד. ה. די עדעלע אַרט צו דענקען, פיהלען און האַנדלען, דאַרף דער מענש פאַר זיך אַליין, פאַר זיין לעבען צווישען די מענ־שען. *) דאָס איז דער ערשטער שריט אויף דעם וועג פון פאַנאַנ־דערשמיעדען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון מאָראַל און רעליגיאָן, פאַר וועלכער אויך איוב איז געבליעבען שטעהן.

אליהו גיט אויך אַן אָנצוהערעניש, אויב איך האָב איהם ריכ־טיג פערשטאַנען, אַז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט קאָן ניט אַריינ־געפיהרט ווערען אין לעבען דורך תפילות צו גאָט און דורך טענות וועגען זיין פיהר. צו וואָס שרייען צו גאָט? לערנט זיך, ווי דאָס טהוט דאָס פיה פון פעלד און די פויגעל פון הימעל, — ד. ה. שאַפט אייך מיט אייגענער מאַכט אייער גערעכטיגקייט! **)

אויך אויף דעם פּראָבלעם פון ליידען וואַרפט ער אַ סך אינ־טערעסאַנטע שטרייפען פון ליכט־שיין. גאַנץ אָריגינעל פאַר זיין צייט איז דער געדאַנק, אַז דורך ליידען ווערט דער עלענדער אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף זיין לאַגע און ווערט בעוואוסטזיניג אין זיין עלענד. „ער לייזט אויס", זאָגט ער וועגען גאָט, „דעם עלענ־דען דורך זיין עלענד, און עפענט אויף זייער אויער דורך די בע־

---

*) קאַפּ. ל"ה, 7—8. אם צדקת מה תתן לו, או מה מידך יקח. לאיש כמוך רשעך ולבן אדם צדקתך.

**) מרוב עשוקים יזעיקו, ישועו מזרוע רבים... מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו; ד. ג., 9 און 11.

רדיקונג".*) עס קלינגט כמעט ווי א טהעזע פון קארל מארקס, אז דער עלענד איז א רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר און אז, א דאנק זיין עלענד, קומט דאָס פּראָלעטאריאט צו זיין קלאַסען־בעוואוסטזיין.

און נאָך א שטעל קאָנען מיר אָנפיהרען דאָ, וואו ער בעריהרט די פּעדאַגאָגישע, די לייטערנדע מאכט פון ליידען. „היט דיך", זאָגט ער צו איוב'ן, „קעהר זיך ניט צו צו בייז, ווייל צו דעם האָסטו מעהר לוסט, איידער צום ליידען. זעה, גאָט איז ערהאבען אין זיין קראפט און ווער איז נאָך אזא לעהרער ווי ער?"**) א גוטע פּאַרציע איוב־ליידען ברעכט דעם ווילען צו בייז, ציהט ארויס פון דער נשמה אלע איהרע ניעדעריגע, פערהאַרטעוועטע, מגושם'דיגע עלעמענטען. זי ווערט פון דעם לייטערונגס־פייער פאַנאַנדערגע־צויגענער, גרעסער און ריינער, און קאָן אין איהר אייביג וואכען, צאַרטען וויברירען מיט־פיהלען מיט אלע, וואָס איז גרויס און שעהן אין דער וועלט.

אָבער אויך דאָ איז דאָס פּראָבלעם פון ליידען ניט דורכגע־טראכט ביז צום סוף, ניט בעלויכטען פון אלע זייטען.

עס קאָן ניט זיין מיין אויפגאבע אָבצושטעלען זיך דאָ אויף דער גרויסער און טיעפער שאלה וועגען דעם זין פון די מענשליכע ליידען, וואָס אויף איהר, ווי איהר ווייסט, האָבען גראָד די טיעף־פיהלענדע דענקער פון אונזער צייט, — ניעטצשע, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און אנדערע, — פערוועגדט אזוי פיעל גייסטעס־קראפט. דעם גאנצען אמת וועגען דעם וועל איך אייך סיי־ווי־סיי ניט אויסזאָגען, ווייל דאָס איז נאָך דערווייל א סוד און — — — הלואי וויים איך איהם, ווי איך וואָלט איהם ניט בעהאַלטען פון אייך!

אָבער איין שטריך פון יענעם אמת קאָן איך דאָ, צו דעם סוף פון דער פּאָרלעזונג, ניט פערשווייגען.

די איוב־לעגענדע, אין פּראָזא, דערצעהלט, אז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ווידער אויסגעאיינט מיט גאָט, האָט איהם דער אל־

*) קאַפּ. ל"ו, יחלץ עני בעניו ויגל בלחץ אזנם.

**) ד. ג., 21—22, א ביסעל וועניגער קלאָר אויך אין ל"ה, 16-28.

מאכטיגער אומגעקעהרט אלע זיינע רייכטהימער, טאפעל, ווי ער האט געהאט פריהער, — אקסען און שעפסען, און זיהן און טעכ־טער, — און איוב האט נאך געלעבט אין עושר און אין כבוד הונ־דערט און פערציג יאהר. „און איוב איז געשטארבען אלט און זאט אין טעג".

ווי וואלט געווען, ווען איינער זאל צוגעהן צו איהם אין די טעג פון זיין צווייטען גליק און גלאנץ און וואלט צו איהם אזוי געזאגט:

„איוב, געדענקסטו נאך די צייט פון דיינע אונענדליכע ליי־דען, ווען „די נאכט", ווי דו האסט געקלאגט, „האט געגעבערט אין דיין געביין", ווען „די פיילען פון דעם אלמאכטיגען האבען גע־שטעקט אין דיר און זייער ברענענדיגען גיפט האט איינגעזויגען דיין גייסט"? וואלסטו איצטער, א גליקליכער, געוואלט, אז דאס אלץ זאל מיט דיר ניט האבען פאסירט? אז דו זאלסט ניט האבען געשטאנען אויף דעם לעצטען ראנד פון פערצווייפלונג, ניט האבען אריינגעבליקט אין דעם אמת וועגען דעם מענשליכען גורל, ניט האבען דורכגעלעבט דעם דארשט נאך דערקענטניס, די בענקשאפט נאכ'ן לעבען און די בענקשאפט נאכ'ן טויט, דעם פראטעסט אנט־קעגען גאט און די ערשטע זעהונג פון א העכערען אידעאל, דעם יאוש פון דעם ווארעם און דעם געטליכען שטאלץ? וואלסטו גע־וואלט, דאס זאל אין גאנצען זיין ניט געשעהן?"

וואס וואלט איוב אויף דערויף געענטפערט?

איך גלויב, ביי קיינעם פון אייך איז קיין ברעקעל ספק ניט, אז איוב וואלט געענטפערט מיט א קרעפטיגען: „א, ניין!" „די ערהינערונג פון מיינע יסורים", וואלט ער געזאגט, „געהערען צו דעם טהייערסטען שאץ פון מיין איינענעם גייסטיגען אוצר. האב איך דען יעמאלט אליין ניט געבענקט, אז מיינע רייד זאלען פערשריי־בען ווערען אויף אייביג אין א בוך? און אויב די ערהינערונג פון יענע טעג וואלט אויסגעלאשען געווארען פון מיין זכרון, בין איך מיט'ן גאנצען הארצען אנגעגרייט, מען זאל מיך וויעדער אריינווארפען אין דעם תהום פון יענע ערהאבענע ליידען, און וועלכע איך זאל לגמרי פערגעסען דאס גליק, וואס רינגעלט מיך ארום".

ליידען צו ליידען זענען ניט גלייך. פאַרהאַנען ליידען, וואָס זייער אינווענינגסטער תוך איז אַזוי רייך אין געדאַנקען און טיעפע איבערלעבונגען, אַז דער גייסט, וואָס האָט נאָר איינמאָל איינגעזויגען זייער „ברענענדיגען" געטליכען „גיפט", וועט די עראינערונג וועגען זיי און אָפטמאָל אויך זיי גופא ניט וועלען אוועקגעבען פאַר די טהייערסטע און ליכטיגסטע מאָמענטען פון דעם מענשליכען גליק.

און א מענש צו א מענשען איז ניט גלייך. ס'זענען דאָ אַזעלכע מענשען, ביי וועמען דער גייסט איז טעמפּ און די געטליכע פּיילען זיצען ניט אין גייסט נאָר אין זיין אונטערלייב און ער ווענדט זיך, ווי א וואָרים אין שטויב, און מעהר גאָר נישט: זיין בליק ווערט ניט שאַרפער, זיין נשמה פון דעם לייטערונגס-פייער ניט פאַנאַנדערגעצויגענער, גרעסער און צאַרטער, און זי געהט אַרויס פון דעם נסיון אפשר נאָך מעהר צונויפגעשרומפּט, ווי געווען. אויף אַזעלכע מענשען האָט מיינער א פריינד געזאָגט, אַז „זיי האָבען געליטען א ו מ ז י ס ט". דאָס הייסט: אומזיסט איז אויף זיי איבערגעפיהרט געוואָרען אַזאַ מאַסע פון דער קאָסטבאַרער יסורים-סובסטאַנץ.

אָבער איוב האָט געליטען ניט „אומזיסט". ניט אומזיסט פאַר זיך און ניט אומזיסט פאַר דער מענשהייט. ניט אומזיסט פאַר זיך, ווייל דעם ברענענדען גיפט פון זיינע ליידען האָט געזויגען זיין ג י י ס ט, און ער איז אַרויס פון דעם פייער דורכגעגליהט און קלאָר ווי די מאַסען זאַמד אין סאַלפּעטער, וואָס ווערען פערוואַנדעלט אין דעם שמעלץ-אויווען אין דעם בעסטען קריסטאַל.

און ניט אומזיסט פאַר דער מענשהייט, ווייל וואָלט איוב ניט געהאַט דורכצושטעהן זיינע יסורים, — אָדער וואָלט ניט געווען אַזאַ דיכטער, וואָס האָט געקאָנט אין גאַנצען דורכלעבען זיי אין זיין גייסט, וואָלט די מענשהייט איצטער ניט געהאַט דעם אייביגיונגען ספר — איוב, „איינס פון די געוואַלטיגסטע ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור".